STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 09081

# TSU A NAY LEBN

Zvi Etkes

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

צבי עטקעס

# צו א נײַ לעבן

דערציילונגען, בילדער און פּיעסעס

ZVI ETKES

# ZU A NAI LEBN

# TOWARDS NEW LIFE

Copyright 1965 by ZVI ETKES

©

נדפס בישראל תשכ"ה
Printed in Israel 1965



צבי עטקעס

גע׳הייליקט דעם אנדענק
פון מיינע ליבע עלטערן
**יצחק-לייב** און **רחל-מינדל**

אויפפירן די בילדער און די פיעסע — מיטן הסכם פון מחבר.

צייכענונגען: ז י ו ה  ש י ש א

הדפוס הכללי בע"מ, רחוב השוק 26, תל־אביב, טל. 821801

הויפּטפּאַרקויף
פאַרלאַג „ה מ נ ו ר ה" תל־אביב
רחוב זנגביל 24, ישראל

# צו א ניי לעבן

**שייקעס עלטערן האָבן געוווינט אין סאַמע געדיכטן יידישן צענטער** אין וואַרשע, אויף די נאַלעווקעס. זעלטן אַז אַ קריסטלעכער לאָקאַטאָר — אַ חוץ דעם הויז־וועכטער — זאָל נעמען אַ דירה אויף אַ יידישן הויף. אָבער אין יענעם הויף, ווו ס'האָבן געוווינט שייקעס עלטערן, האָט געלעבט אַ קריסטלעכע פאַמיליע, וואָס האָט זיך פאַרנומען מיט מאַכן קינסטלעכע בלומען. זיי האָבן געוווינט אין אַ נידעריקן פאַרטער, וואָס האָט זיך געפונען אונטער דער דירה פון שייקעס עלטערן.

יעדעס מאָל ווען שייקען איז אויסגעקומען אַרויפצוגיין צו זיך אין שטוב, פלעגט ער זיך אָפּשטעלן ביים ברייטן אָפענעם פענצטער און מיט נייגער זיך צוגעקוקט ווי אַזוי דער פאָטער פון דער־אָ פאַמיליע נעמט צונויף אַ סך פאַרביקע בויגנס קאָרבירט פאַפּיר, לייגט אַרויף אויף זיי, פון ביידע זייטן, שווערע פרעסן, דערנאָך נעמט ער אַ שאַרפן שטאַמס און קלאַפּט אויף אים מיט אַ הילצערנעם האַמער, ביז אַלע בויגנס ווערן אָדורכגעשניטן. נאָכדעם נעמט די פרוי זיינע און זיין טעכטערל, קנייטשן די פאַפּירלעך אויף פאַרשידענע אופנים, ציען אַ דין דראָטל דורך עטלעכע אַזעלכע פאַפּירלעך, וועלכע ווערן צוגעבונדן צו אַ הילצערן שטעקל, דאַן אַ שטאַרקן פאָכע אין לופטן און — אַ פאַרטיקער בוקעט פון פאַרשידנפאַרביקע בלומען.

יעדן דאָנערשטיק איז דאָס גאַנצע צימער זייערס געווען פול מיט בלומען, גרייט אַרויסצוטראָגן זיי אויף צומאָרגנס, ערב־שבת, אויפן מוראַנאָווער מאַרק.

שייקע איז דאַן אַלט געווען אַ יאָר זיבעצן. ער האָט שטאַרק ליב געהאַט פאַרבן און בלומען. פלעגט ער אַזוי אָפּשטיין שעהן ביים ברייטן פענצטער

און זעטיקן זיין אויג מיט די פֿאַרשידענע קאָלירן. צומייסט אָבער האָט ער זיך צוגעקוקט צו מאַלגאָשען ווי זי פֿלאַטערט־אַרום ווי אַ שמעטערלינג פֿון ווינקל צו ווינקל און זעט־אויס צווישן די קינסטלעכע בלומען ווי אַ לעבע־דיקע בלום. פֿאַר אירע פֿופֿצן יאָר איז זי געווען גענוג הויך און שיין: אַ קאָפּ העלע האָר ווי פֿלאַקס; העל־בלויע אויגן, אַ שטענדיקער שמייכל האָט זיך געשפּילט אויף אירע דינע ליפּעלעך, און בעתן לאַכן האָבן זיך באַוויזן חן־גריבעלעך אויף אירע באַקן.

שייקע איז געוואָרן מיט אַ יאָר עלטער. ער איז אַ וואַקס־אויס געטאָן, געוואָרן שטאַרקער, מענערישער, און — ער איז נאָך אַלץ אַזוי טאָג־איין, טאָג־אויס, געשטאַנען אונטער מאַלגאָשעס פֿענצטער. ווען מען זאָל אים אַ פֿרעג־טאָן: פֿאַרוואָס ער טוט דאָס? וואָלט ער זיכער געענטפֿערט: איך ווייס אַליין נישט...

אויך מאַלגאָשע האָט זיך צעבליט, רייפֿער געוואָרן, אויסגעזען ווי אַ בלום, וואָס אַט־אַט ווערט זי צייטיק.

מאַלגאָשע האָט אין שייקען אויפֿגעוועקט געפֿילן, וועגן וועלכע ער האָט פֿריער נישט געאַנט. אָפּטמאָל, ווען ער האָט זיך אַזוי אַוועקגעשטעלט ביי איר פֿענצטער, פֿלעגט זי אינסטינקטיוו דערפֿילן זיין בליק אויף זיך און זיך האַסטיק אויסגעדרייט צו אים מיט אַ שמייכל. אין אַזעלכע מאָמענטן פֿלעגט איר גאַנץ אָפּט אַרויספֿאַלן אַ בוקעט פֿון האַנט...

מאַלגאָשעס מוטער האָט דאָס גוט באַמערקט און זי האָט אויף איר טאָכ־טער אָנגעשריגן:

— דו האָסט זיך נישט אויף וועמען צו פֿאַרקוקן נאָר אויף אַ יידישן בחור?

— אַז איך קוק גאָרנישט אויף אים. ער קוקט אויף מיר... אויף די בלומען...

— באַלד וועט איר שוין ביידע קוקן.

זי האָט בליץ־שנעל געכאַפּט אַן עמער מיט וואַסער און עס אַ כליאַפּ־געטון מיטן גאַנצן כח דורכן פֿענצטער. שייקע איז שנעל אַרויף צו זיך.

שייקע האָט געהאַט אַ סעמיטישן אויסזען: אַ ברוין געזיכט, שוואַרצע פֿאַרחלומטע אויגן און אַ קאָפּ שוואַרצע האָר.

איינמאָל, אַ פֿאַרנאַכט, ווען מאַלגאָשעס עלטערן זענען נישט געווען אינדערהיים און שייקע איז פֿאַרבייגעגאַנגען דעם פֿענצטער, איז זי שנעל צוגעלאָפֿן און אין איין אָטעם אַרויסגערעדט:

— שייקע, לאָמיר זיך טרעפֿן זונטיק פֿינף נאָכמיטאָג, אין לאַזשענקי־פּאַרק, ביים ערשטן טויער־אַריינגאַנג. מסכּים?

— מסכּים! מסכּים! האָט שייקע שטיל אַרויסגערעדט, זיך שנעל אָפּגעטראָגן פֿון פֿענצטער און אין האַרצן האָט ער שטאַרק באַדויערט: ער וועט גיין אין לאַזשענקי־פּאַרק זיך טרעפֿן מיט אַ... שיקסל? אָבער... ער האָט דאָך שוין צוגעזאָגט.

⁂

שכנים פֿון הויף האָבן זיי צייטנווייז באַגעגנט שפּאַצירן אין דער קריסטלעכער געגנט.

ווען די זאַך איז דערגאַנגען צו שייקעס מוטער, האָט זי אים צוגערופֿן:

— איך האָב געהערט, אַז דו שלעפּסט זיך אַרום מיט אַ שיקסל... מען האָט דיך געזען אַמאָל אַרויסגיין פֿון אַ קאָנדיטעריי לעבן לאַזשענקי־פּאַרק. דו ווילסט, חס ושלום, ברענגען אַ חרפּה אויף דער גאַנצער משפּחה?

אין דער זעלבער צייט, האָט מאַלגאָשעס מוטער אויך נישט געשוויגן:

— גוטע יידישע שכנים האָבן מיר דערציילט, אַז מען האָט דיך געזען אין אַ קינאָ צוזאַמען מיט שייקען. דו פֿאַרגעסט, אַז דו ביסט אַ קינד פֿון רוימיש־קאַטוילישן גלויבן?! נאָר אַ יידישער בחור געפֿעלט דיר?! וואַרט, די צווייטע וואָך וועט זיך שוין די זאַך ענדיקן. מיר ציען זיך אַריבער קיין מאַקאָטאָוו; דאָרט וועסטו שוין דאַרפֿן זוכן מיט ליכט אַ יידישן בחור.

אין אַ געוויסן פֿרימאָרגן, ווען די שכנים זענען נאָך געשלאָפֿן, איז פֿאַרפֿאָרן אויפֿן הויף אַ פּלאַטפֿאָרמע מיט צוויי פֿערד. מאַלגאָשעס טאַטע־מאַמע האָבן אַרויפֿגעפּאַקט אויפֿן וואָגן זייערע שטוב־זאַכן און פֿאַרלאָזט דעם יידישן הויף.

דער בלומען־מסחר איז ווייטער אָנגעגאַנגען, נאָר שטאָט אַרויסטראָגן זיי יעדן פֿרייטיק אויפֿן מוראַנאָווער מאַרק, פֿאַר יידן, האָבן זיי איצט אַרויס־

געטראָגן די בלומען יעדן זונטיק אויפן מאַקאַטאָווער מאַרק, פאַר קריסטן.

נאָכדעם ווי מאַלגאַשע איז אונטערגעוואַקסן, האָט מען זיך שוין גע־קאָנט פאַרלאָזן אויף איר. זי איז אָפט געוועזן די איינציקע בלומען־פאַר־קויפערין אויפן מאַרק, ווו צווישן אַ באַרג אַנגעוואָרפענע בלומען, האָבן אַרויסגעלויכטן אַ פּאָר העל־בלויע אויגן.

נישט־זעלטן פלעגן די אַרומיקע מאַרק־זיצערס באַמערקן, ווי אַ יידי־שער סטודענט שטייט־אָפּ גאַנצע שעהן ביי דער בלומענפאַרקויפערין, קויפט, ציילט געלט, און — גייט־אַוועק אָן בלומען. אַ חוץ אַ קליין לעבע־דיק בלימל אין זיין לאָז.

**

ווען ס'איז אין יאָר 1920 אויסגעבראָכן די מלחמה צווישן זעלבסשטענ־דיקן פּוילן און באָלשעוויסטישן רוסלאַנד, האָט די אַקאַדעמישע יוגנט גע־האַלטן פאַר איר בירגערלעכן און פּאַטריאָטישן חוב, זיך פרייוויליק צו מאָ־ביליזירן אין מיליטער. צווישן זיי — אויך שייקע.

פאַרן אַוועקגיין אין מיליטער, איז שייקע אַוועק זיך געזעגענען מיט מאַלגאַשען. אַנשטאָט צו פאָרן מיטן טראַמוויי נומער 17, האָט ער באַשלאָסן בעסער גיין צו פוס. גייענדיק אַזוי לאַנגזאַם, האָט ער געזומען דורכטראַכטן דאָס אַלץ, וואָס עקבערט זיין מוח. קודם כל האָט ער געטראַכט, אַז מיט מאַלגאַשען דאַרף מען ענדיקן. ער גייט אין מיליטער און דאָס איז די בעס־טע געלעגנהייט. סוף־סוף האָט דאָך זיין פאָטער רעכט: „אין מיינע גע־שעפטן צוזאַמען מיט מיר ווילסטו נישט גיין; מיט דיין לערנען גייט עס אויך שוואַך". די מוטער פון דער צווייטער זייט טענהעט: „וואָס האָסטו זיך צוגעקלעפט צו אַן אומגליקלעך שיקסל? אַ רחמנות אויף איר..." אַזוי גייט ער דעם גאַנצן וועג און קען זיך נישט אַרויספלאָנטערן פון זיינע מחשבות.

ווען ער איז צוגעקומען נאָענט פון לאַזשענקי־פּאַרק האָט ער שוין דערזען מאַלגאַשען זיצנדיק אויף אַ באַנק; איר פּנים איז געווען געווענ־דעט צו דער זייט פון זיין אָנקומען. די בליקן האָבן זיך באַגעגנט. זי האָט געלויכטן פון פרייד און אָנטקייגנגעטראָגן אים אַ ליבן שמייכל.

אין יענעם מאָמענט איז זיין האַרץ אָנגעפּילט געוואָרן מיט פרייד, און אַלע זיינע פּראָבלעמען זענען אַוועק ווי מיטן רויך...

געווען אין לאַזשענקי־פּאַרק אַ קליין שיין טייכל. פון איין זייט האָט זיך אין וואַסער אָפּגעשפּיגלט דער ווייסער צאַרישער זומער־פּאַלאַץ מיט מאַרמאָרנע טרעפּ, און פון די אַנדערע זייטן, האָבן זיך אָפּגעשפּיגלט די כלערליי ביימער און די פאַרשידנסטע בלומען.

אַ קליינע צאָל שיפלעך האָבן זיך לייכט געוויגט אויף דעם שפּיגלדיקן וואַסער. אין איין שיפל איז געזעסן שייקע מיט מאַלגאָשען. שייקע האָט גע־רודערט, גערודערט לאַנגזאַם און הנאה געהאַט דערפון ווי ער און מאַלגאָשע וויגן זיך אַזוי אויפן וואַסער. ער האָט שוין אויסגעמאָסטן דאָס טייכל אַרום און אַרום, אומבאַמערקט איז ער אַריין אין אַ לאַבירינט וווּ מען דאַרף זוכן דעם וועג אויף אַרויס. אָבער אים אַרט עס נישט. מאַלגאָשע אַנטקעגן אים האָט זיך אויסגעצויגן אויפן פּלייצע. אירע האָר האָבן זיך פאַנאַנדערגעלאָזט, צעכוואַליעט. זי קוקט מיט אירע בלויע אויגן אויף דער פאַרגייענדיקער זון. אַ לייכט ווינטל הייבט־אונטער איר העל־בלוי קליידל און עס אַנטבלויזן זיך אירע אַלבאַסטער־ווייסע פיס. זי עטעמט שטאַרקער, טיפער. שטאַרקע ריחות פון די אַרומיקע געוויקסן דרינגען אַריין און פאַרשיכורן די יונגע פּאָר. שייקע פאַרגעסט די צייט און אָרט. ער באַמערקט גאָרנישט ווי די וויעסלעס גליטשן זיך אַרויס פון זיינע הענט. דאָס שיפל גייט נישט פאָרויס, נישט צוריק, נאָר פליעסקעט זיך אין די לייכטע כוואַליעס.

שייקע זיצט פאַרגאַפט קוקנדיק אויף מאַלגאָשען.

— דו שלאָפסט שייקע?

— ניין, איך שלאָף נישט.

— טאָ וואָזשע טוסטו?

— איך טראַכט.

— פון וואָס טראַכסטו?

— איך טראַכט, אַז די שענסטע בלום דאָ אין פּאַרק, ביסטו!

— כאַ, כאַ, אַזוי לאַנג האָסטו באַדאַרפט וועגן דעם טראַכטן?

— איך ווייס עס שוין פון לאַנג, נאָר איצטער זאָג איך עס דיר.



— שייקע, וועגן וואָס טראַכסטו?
— אַז די שענסטע בלום דאָ — ביסטו

— און אַנטעק, מיין קוזין, האָט עס מיר שוין לאַנג געזאָגט און איינ־מאָל האָט ער מיך אַרומגעכאַפּט קושן...

— האָט ער דיך געקושט?

— אַ קרענק!

⁂

די נאַכט איז צוגעפאַלן. געציילטע לאַמטערנעס ברענען אין פּאַרק, כדי צו באַלייכטן דעם וועג צום אַרויסגאַנג.

שייקע און מאַלגאָשע האָבן זיך אַוועקגעזעצט אויף אַ באַנק אונטער אַ געדיכטן קאַשטאַן־בוים.

— איצטער מאַלגאָשע, וועט זיך אַלץ ענדערן...

— מיט וואָס?

— איך גיי אין מיליטער. פון מיליטער גייט מען אויפן פראָנט און פון פראָנט קומט מען נישט אַלע מאָל צוריק... דו דאַרפסט פאַרגעסן אַז אַ שייקע איז אַמאָל געווען אויף דער וועלט.

— דו ביסט משוגע, שייקע! גאָט זאָל אויסהיטן! — שרייט זי אויס היסטעריש און שטילערהייט, ווי מיט אַ קינדעריש געבעט, גיט זי צו: מיין טייער יינגל, דו קומסט צוריק, איך וועל דיך קיינמאָל אין לעבן נישט פאַרגעסן...

— אָבער פאַרשטיי און דענק אַביסל לאָגיש; דו ביסט דאָך שוין אַ דערוואַקסן מיידל. וואָס וועט זיין דער תכלית? איך בין אַ ייד, פאַרגעסטו? און דו אַ פרומע רוימיש־קאַטוילישע קריסטין.

— איך בעט דיך שייקע, רעד נישט. ענטפער מיר נאָר אויף איין קליינע פראַגע: זאָג מיר צי ס׳איז אמת, אַז דו האָסט מיך ליב?

— ס׳איז אמת.

— איך האָב געוווסט אַז דו זאָגסט דעם אמת, דו קענסט נישט זאָגן קיין ליגן.

מיטאַמאָל האָט זי זיך אויף אים אַרויפגעוואָרפן, געדריקט צו אים איר האַרץ, מיט אירע ווייכע הענט האָט זי געגלעט זיינע שוואַרצע לאָקן און

מיט אירע דינע ליפּן האָט זי זיך איינגעגעסן אין זיינע, מיט איר קליינעם קערפּער האָט זי אַריינגעגאָסן אין אים אַזאַ גליענדיקע וואַרעמקייט, אַז דאָס האַרץ באַ אים האָט אָנגעהויבן קלאַפּן האַסטיקער און אין קאָפּ האָט אים געשלאָגן אַ היץ... ער האָט פאַרגעסן ווו ער געפינט זיך...

*

די נאַכטוועכטערס האָבן אָנגעהויבן קלינגען אין די גאַנגען. אַ סימן, אַז ס'איז שוין צייט צו פאַרלאָזן דעם פּאַרק.

שייקע און מאַלגאָשע האָבן געהערט די גאַנגען, אָבער זיי האָבן נישט פאַרשטאַנען, אַז דאָס מיינט מען אויך זיי.

די געציילטע לאַמטערנעס אין פּאַרק האָבן זיך אויסגעלאָשן.

אַן אַלטער וועכטער איז אַרומגעגאַנגען איבער די אַלייען מיט אַ לאַמטערן אין האַנט און געזוכט אויב עמיצער איז נישט פאַרבליבן אין פּאַרק. מיטאַמאָל דערזעט ער דאָס יונגע פּאָרל.

— קינדערלעך! — שרייט אויס דער גרויער וועכטער — ווען איך בין יונג געווען, האָב איך מיך אויך געליבט... אָבער נישט אין פּאַרק... אין דערהיים...

די טויערן זענען שוין געווען געשלאָסן. די געדיכטע ביימער האָבן אָנגעוואָרפן שאָטנס, שווער געווען צו געפינען דעם וועג אויף אַרויס. דער אַלטער וועכטער האָט זיי אַרויסגעפירט דורך אַ זייטיק קליין טירל, גלייך צו דער גאַס אַרויס.

שייקע איז אַריין אין טראַמוויי נומער 17. מאַלגאָשע האָט נאָכגעשריגן: „דאָ ווידזעניאַ״. שייקע האָט אַ פּאָכע געטאָן מיט דער האַנט.

אין די גאַסן האָט געהערשט אַ האַלבפינצטערניש. די ליכט אין די שויפענצטער האָבן זיך שוין פאַרלאָשן. אַ שטאַרקער נאַכטווינט האָט אַריינגעבלאָזן אין טראַמוויי. שייקע האָט אין האַרצן זיך געשלאָגן על חטא — זיין מוטער האָט געהאַט רעכט: ער האָט נישט באַדאַרפט אַריינצוקוקן אין זייער פענצטער, אויף די פּאַרבן, אויף די בלומען, וואָלט ער מאַלגאָשען נישט דערזען... און איצטער, איצטער איז אים אַזאַ רחמנות אויף דעם

מיידל... אָבער — האָט ער ווייטער געטראַכט — איצט איז געקומען אַ סוף. היינטיקער אָוונט איז דער לעצטער. ער וועט זיך שוין מיט איר קיינמאָל נישט באַגעגענען.

*

ביי מאַלגאָשען האָט זיך די זאַך פאַרגעשטעלט אַ ביסל אַנדערש: אַריינוואָרפנדיק זיך אין בעט, האָט זי באַגראָבן אין קישן אירע הייסע טרערן. אָבער זי האָט זיך אָנגענומען מיט מוט און באַשלאָסן, אַז שייקע וועט איר נישט פאַרלוירנגיין!

דער הויף־סטרוזש, ווען ער פלעגט יעדן פרייטיק קומען נאָך „פיאָנט־קאָווע" צו שייקעס מוטער, האָט זיך סתם אַזוי, געפרעגט: ווו איז שייקע? ווי דערגייט עס אים? א.א.וו.

מאַלגאָשע האָט שפּעטער באַקומען דורך דעם סטרוזש די אַלע איינ־פאָרמאַציעס.

נאָך דעם ווי שייקע האָט פאַרלאָזט אַ וואָרעמע רייכע היים און אַריינ־געפאַלן אין קאַזאַרמע, האָט ער דאָרטן קיין האַניק נישט געלעקט: צוואָנציק בעטלעך אין איין צימער. די זאַכן האָט יעדער זעלנער געהאַלטן אונטערן בעט, אין אַ קעסטל. צום בעטל האָט מען צוגעגעבן אַ טאַבורעטקע. די שעניקעס זענען געווען אויסגעפילט מיט שטרוי. אַ קישן האָט יעדער גע־מעגט מיטברענגען פון דערהיים. מיט די קאָצן האָט מען באַדאַרפט זיין פאָרזיכטיק, נישט אַרויפציען זיי ביזן האַלדז, ווייל זיי האָבן געשטאָכן ווי מיט נאָדלען. די לופט איז געווען געדיכט, צו שניידן מיט אַ מעסער. איבונגען האָט מען אָנגעהויבן פינף פאַרטאָג, ווען אין דרויסן איז נאָך געווען פינצטער. פרישטיק האָט מען באַקומען ווען מען איז דורכגעלאָפן מינימום אַ צוויי קילאָמעטער הין און צוריק. דערביי האָט שייקע באַדאַרפט אויסהערן פאַרשידענע אַנטיסעמיטישע וויצן אויף זיין אַדרעס.

שייקע האָט אַלץ אָנגענומען פאַר ליב, ווייל דאָס פאָדערט דער בירגערלעכער חוב.

די לאַגע אויף די פראָנטן איז געוואָרן פון טאָג צו טאָג ערגער. די באָלשעוויקעס האָבן זיך כסדר גערוקט פאָרויס. סאָלדאַטן, נאָך ווייניק

געאיבטע מיט געווער, האָט מען אַרויסגעשיקט אויף די פראָנטן. אויך שייקע האָט שוין אָנטייל גענומען אין עטלעכע געפערלעכע שלאַכטן און נישט איינמאָל געזען אַרום זיך געפאַלענע זעלנער אויף די שלאַכט־פעלדער. צווישן זיי — זיינע יידישע קאָלעגעס, וועלכע האָבן זיך אומעטום געריסן אויף דער ערשטער ליניע. אָבער פלוצים האָט דער פוילישער גענעראַל־שטאַב אָנגעהויבן צווייפלען אין דער יידישער לאָיאַלקייט. ס'האָט געהייסן: יידי־שע זעלנער זענען נישט גענוג פּאַטריאָטיש און מען קאָן צו זיי נישט האָבן קיין צוטרוי, זיי זאָלן זיך נישט איבערגעבן צו די באָלשעוויקעס...

אין רעזולטאַט דערפון איז אַרויס אַ באַפעל, אַז די יידישע זעלנער, וועלכע געפינען זיך שוין אין אַקטיוון דינסט, זאָל מען זיי איבערלאָזן (שטי־לערהייט האָט מען זיי געשיקט אויף די געפערלעכע פּאָזיציעס) און די רעקרוטן זאָל מען פאַרשיקן אין אַ קאָנצענטראַציע־לאַגער, קיין יאַבלאָנע. אַריבער צוואָנציק טויזנט יידישע רעקרוטן און אויך זעלנער האָט מען פאַרשפּאַרט הינטער דראָט־פאַרצוימונגען, ווו זיי האָבן געלעבט אין די שרעקלעכסטע באַדינגונגען. פון דאָרט טאַקע, איז געשאַפן געוואָרן דאָס ליד וועגן „יידישן יאַבלאָנער פולק".

מאַלגאָשע איז וועגן אַלעם געווען אינפאָרמירט. כל־זמן ער איז געווען אין מיליטער, האָט זי צו אים נישט געקאָנט צוקומען, אָבער ווי באַר זי האָט זיך דערוווּסט אַז ער איז אין יאַבלאָנע, האָט זי זיך נישט געקאָנט באַהערשן און געזוכט אַ וועג צו אים. אַריינגעלאָזט אַהינצו האָט מען איין מאָל אין דער וואָך.

מאַלגאָשע האָט אָנגעפּילט אַ קערבל מיט שפּייזאַרטיקלען און זיך אַוועק־געלאָזט אין יאַבלאָנער לאַגער. ביים אַריינגאַנג האָבן צוויי פוילישע סאָל־דאַטן איר פאַרהאַלטן. היינט איז נישט דער דערלויבטער טאָג. דערביי האָבן זיי איר באַליידיקט:

— דאָס טראָגסטו פאַר אַ זשידעק, האַ? דו שעמסט זיך נישט? דו יידישע שקלאַפין!

— מאַכט צו אייערע שמוציקע פּיסקעס! איך מוז אַריינגיין!

זי האָט אַרויסגענומען פון קערבל צוויי שאַכטלען סיגאַרעטן. דער דורכגאַנג איז פאַר איר פריי געוואָרן.

אַרויפקומענדיק אויפן גרויסן פּלאַץ, ווו ס׳זענען געווען פֿאַנאַנדערגעשווארפן נומערירטע באַראַקן, האָט זי זיך געפילט אַביסל פאַרלוירן. זי האָט נישט געוווסט געגוי די ריכטונג אין וועלכער זי דאַרף גיין. אינצווישן קומט אונטער אַ פּוילישער זעלנער און גיט איר אַ צי פאַרן קערבל.

מאַלגאָשע האָט לאַנג נישט געטראַכט, געגעבן דעם זעלנער אַ שפּיי אין פּרצוף אַריין. דער זעלנער האָט זיך אַ פאַרשעמטער אָפּגעטראָגן...

אָפּגייענדיק אַ שטיקל וועג, איז אונטערגעקומען אַ צווייטער זעלנער. ער האָט איר אַ צי געטאָן פאַר דער בלוזקע און ווילדוגעריש אַ זאָג געטאָן:

— קום מיין שיינהייט...

מאַלגאָשע האָט איבערגעטראָגן דאָס קערבל פון איר רעכטער האַנט צו דער לינקער און אַראָפּגעלאָזט אים אַזאַ שטאַרקן פּליאַסק, אַז יענער האָט זיך אַנגעכאַפּט פאַרן מויל.

מאַלגאָשע איז דאָרט שנעל פּאָפּולער געוואָרן.

שייקע איז געווען שטאַרק איבעראַשט דערזעענדיק איר. ער האָט געפילט אַ מין געוויסנביסן.

— ווי אַזוי קומסטו אַהער? ווער האָט דיר געזאָגט? און צו וואָס?

— מיין האַרץ האָט מיך אַהערגעבראַכט...

— מאַלגאָשע, אונדזערע געפילן זענען קעגנזייטיקע, אָבער וואָס קאָן מען מאַכן ווען די געזעצגעבונג אין אונדזער לעבן איז אַזוי האַרט, אַזוי גרויזאַם...

— שייקע, איך בעט דיר, רעד נישט, רעד נישט אַזוי... נעם צו וואָס איך האָב געבראַכט און פאַרנוץ עס געזונטערהייט.

**

די יידישע כללטוער האָבן אויפגעהויבן אַ גרויסן פּראָטעסט קעגן דעם לאַגער אין יאַבלאָנע; קעגן דעם, וואָס מ׳האָט אָװעקגעשטעלט די יידן אַלס בירגער פון דער צווייטער מדרגה, ווען די יידישע באַפעלקערונג דערפילט אַלע אירע התחייבותן לגבי דער פּוילישער מדינה! די אינטערווענץ האָט געווירקט. אָבער אויך דער פאַקט וואָס פּוילן איז געשטאַנען פאַרן גרויסן אָנגריף ביי דער ווייסל האָט צוגעהאָלפן, אַז דער גענעראַל־שטאַב זאָל עפּעס ווי פאַרגעסן די יידנס נישט־פּאַטריאָטישקייט... מען האָט די פאַרשפאַרטע אין

יאַבלאָנער לאַגער אײנס־צװײ צונױפֿגעקלאַפּט אין פֿאַרשידענע פֿאָרמאַציעס און גלײך אָפּגעשיקט „יונה נא װוִינע״. און די יונהס פֿון יאַבלאָנע האָבן מיט זײער בלוט געהאָלפֿן אױסקעמפֿן יעדן שפּאַן ערד — פּױלנס פֿרײהײט.

אײן עשאַלאָן אַזאַ, װאָס איז געשיקט געװאָרן אין דער ריכטונג צו פּינסק, איז פֿלוצלינג אַראָפּ פֿון די רעלסן. נאָך אַ גרױסן טומל, װאָס ס׳האָבן אױפֿגעהױבן די לעבנגעבליבענע, איז אָנגעקומען אַ רעטונגס־קאָמאַנדע, װאָס האָט זיך פֿאַרנומען מיט די טױטע און פֿאַרװוּנדעטע. אָפֿיציעל איז גאָרנישט אױפֿגעקלערט געװאָרן.

שײקע האָט זיך געפֿונען צװישן די לעבנגעבליבענע פֿון דער דאָזיקער קאַטאַסטראָפֿע.

***

אינצװישנצײט, אַ דאַנק דער הילף װאָס פּױלן האָט באַקומען פֿון פֿראַנקרײך, האָט זיך די לאַגע אױפֿן פֿראָנט פֿאַרבעסערט. די רוסן האָבן באַקומען אַזעלכע שטאַרקע קלעפּ, אַז זײ זענען אָפּגעטרעטן אין בהלה און מיט גרױסע פֿאַרלוסטן.

נאָכדעם האָט דער גענעראַל־שטאַב באַשלאָסן דורכצופֿירן אַ טײל־װײַזע דעמאָביליזאַציע. פֿריער האָט מען באַפֿרײַט רעזערװיסטן און פֿרײַ־װיליקע.

װען שײקע איז אַהײמגעקומען אַ באַפֿרײַטער, האָבן טאַטע־מאַמע אָנגעהױבן מיט אים אײַנצוטענהען:

— זעסטו — זאָגט דער פֿאָטער — דער הימל דאָ אין פּױלן איז פֿאַר אונדז פֿאַרװאָלקנט... מען זעט שױן מיט װאָס דאָס שמעקט. איבעריקנס, האָסטו דאָך שױן דערפֿילט דאָס אױף דײַנע אײגענע פּלײצעס...

— איז װאָס װילסטו מיר זאָגן, פֿאָטער?

— איך װיל דיר זאָגן, אַז דאָ איז פֿאַר דער ײדישער יוגנט קײן פּלאַץ נישטאָ. לױט מײַן מײנונג דאַרפֿסטו פֿאָרן קײן פּאַלעסטינע. איך און דײַן מוטער װעלן דאָ אױך לאַנג נישט בלײַבן.

— אָבער, איך בין דאָך נישט קײן ציוניסט.

— מען דאַרף נישט זײַן קײן ציוניסט, מען דאַרף נאָר זײַן אַ ײד.

דאָ, אַלס יידן, קאָנען מיר נישט לעבן. מען לאָזט נישט... דאָרטן האָפן מיר, וועט מיט דער צייט אויפקומען אַ יידישע מדינה און מען וועט זיך אויס־לעבן אומגעשטערט ווי יידן.

נאָך אַ לאַנגן ישוב־הדעת האָט שייקע באַשלאָסן צו פאָרן קיין פאַ־לעסטינע. פאַרן אָפּפאָרן האָט ער אָפּגעשיקט צו מאַלגאָשען אַזאַ בריוול:

„מיין טייערע מאַלגאָשע, אונדזערע וועגן גייען זיך ענדגילטיק פאַנאַנ־דער. איך פאָר קיין פאַלעסטינע. מיר וועלן זיך שוין קיינמאָל נישט באַגע־גענען. איך וועל דיך קיינמאָל נישט פאַרגעסן. איך רעד צו דיר ווי אַ ברודער און איך זאָג דיר אַז אַנטעק איז אַ ווילער בחור, פאַרטרייב אים נישט פון זיך.”

*

אָפּגעוואָרט ביים שיף האָט אים זיינער אַן עלטערער חבר, וועלכער האָט שייקען גלייך אָוועקגעפירט צו זיך אין קיבוץ.

אַזוי ווי ציוניזם, חלוציזם, האָט אים נישט אינטערעסירט, האָט ער געקוקט אויף זיין אַרבעט אין קיבוץ ווי אויף אַ מין ספּאָרט.

לאַנג האָט ער נישט אויסגעהאַלטן. ער האָט זיך געבונטעוועט קעגן קיבוץ און געקומען מיט טענות צו זיין עלטערן חבר:

— הער זיך איין מאָטל! דו ווילסט מיך פאַרוואַנדלען אין אַ פויער? אַז מיין מוטער וועט זען ווי אַזוי איך אַרבעט דאָ, ווי אַזוי מען באָדט זיך צוזאַמען אין אַ טוש מיט אַ צעבראָכענעם דאַך, מען שלאָפט זאַלבעדריט אין אַן ענגןביידל, און נאָך און נאָך אַזעלכע זאַכן, וועל איך זיך באַגראָבן פאַר חרפה. ניין מאָטל, דאָס איז נישט פאַר מיינעטוועגן!

— שייקע, זאָג מיר נאָר, אין פוילישן מיליטער איז דיר געווען בעסער?

— וואָס מאַכסטו אַ פאַרגלייך? אין מיליטער האָט מען דאָך געמוזט! און דאָ, מוז מען נישט.

— שייקע, דאָ, פאַרשטייסטו מיך, איז י י ד י ש מיליטער... האָב אַביסל געדולד, ס'וועלן קומען בעסערע צייטן.

— מאָטל, איך פאַרשטיי דאָס נישט, און וויל דאָס נישט פאַרשטיין!

— איך האָב פאַר דיר אַ גוטן פּלאַן.

— וואָסער פּלאַן האָסטו?

— שרייבן און חשבונען קאָנסטו?

— איז וואָס?

— וועסטו זיין ביי אונדז דער מאַגאַזינער. וועסט צונעמען די פּראָדוקטן וואָס מען ברענגט פון פעלד, פון גאָרטן, און וועסט זיי פאַרשרייבן. לויט אַן אָנווייזונג פון אונדזער פאַרוואַלטונג וועסטו זיי אַרויסגעבן. יעדן חודש וועסטו אונדז צושטעלן אַ באַריכט.

שייקע איז געוואָרן אַ מאַגאַזינער. אָבער אין האַרצן האָט ער זיך נאָך אַלץ געבונטעוועט קעגן קיבוץ.

אַזוי זענען אַ סך יאָרן פאַרביי. יאָרן פון שווערער האָרעוואַניע און — האָפענונגען וועגן אַ בלענד־ליכטיקער צוקונפט. פון צייט צו צייט פלעגן קומען אין לאַנד אַריין אינטעלעקטועלע פּערזענלעכקייטן צו באַקענען זיך אויפן אָרט מיט דער חלוצישער באַוועגונג. איין מאָל האָט דעם קיבוץ באַזוכט אַ יונגע דאָקטאָרין פון שטאָקהאָלם.

שייקעס אויפגאַבע איז געווען אַרומצופירן די געסט אין קיבוץ און באַווייזן זיי דאָס וואָס אינטערעסירט זיי. די פריילין דאָקטאָר האָט זיך פאַראינטערעסירט מיט יעדער זאַך אין קיבוץ, ספּעציעל מיטן קינדער־הויז. דאָ — האָט מען איר דערקלערט — לאָזט יעדע מוטער איבער די קינדער אויף גאַנצע 24 שעה. יעדן שבת אָדער ווען די עלטערן זענען פריי, קומען זיי זיך שפּילן מיט זייערע קינדער. אַ דאָקטאָר קומט אַהערצו איין מאָל אַ וואָך. פאַראַן אויך צוויי שוועסטערס, וועלכע גיבן זיך אָפּ סיי מיט די קינדער, סיי מיט די דערוואַקסענע. צום סוף האָט שייקע איר צוגעפירט צו זיין אַפּאַרטאַמענט, צום גרויסן מאַגאַזין.

— איך לעב אין דעם הויז.

— צו וואָס דאַרפט איר אַזאַ גרויס הויז מיט אַזויפיל קליינע פענצטערלעך?

— דאָס איז דער מאַגאַזין פון אַלץ וואָס מיר פּראָדוצירן אין קיבוץ. די פענצטערלעך, בכדי ס'זאָל אַריין לופט. און איך בין דאָ דער באַלעבאָס איבער דעם גאַנצן אוצר. איך נעם־צו, איך גיב־אַרויס, איך האַלט אָרדענונג און ד.גל. שייקע האָט זיך נישט געפוילט, אַריינגעלאָפן אין מאַגאַזין, אַרויס־

גענומען זיין לאַגער־בוך און אָפּגעגעבן איר אַ גענויע סטאַטיסטיק פון דעם, וואָס איז פּראָדוצירט געוואָרן פאַר צוויי יאָרן, פאַראַיאָרן, — און ווי איר זעט — דערקלערט ער — פּראָדוצירן מיר יעדעס יאָר מערער און מערער. מיר ווילן דערגיין צו אַזאַ לאַגע, אַז מיר זאָלן נישט באַדאַרפן אָנקומען צו הילף פון אויסלאַנד. מיר ווילן זיך אַליין אויסהאַלטן. מיר פאַרשענערן אויך און פאַרבעסערן אונדזער לעבן, אויף וויפל די מאַטעריעלע מעגלעכקייטן דערלויבן אונדז.

די פריילין דאָקטאָר האָט פאַרבראַכט ביי דעם מאַגאַזין אַ לענגערע צייט.

ביים געזעגענען זיך האָט זיך שייקען אויסגעוויזן, אַז ער לעבט אין אַמאָליקן וואַרשע. ווען זי האָט אים דערלאַנגט די האַנט, האָט ער זי אַ קוש געטאָן, לויטן פּוילישן שטייגער.

נאָך איר אָוועקגיין איז אים געוואָרן פּוסט אויפן האַרצן. עפּעס האָט אים געפעלט. עפּעס האָט זי אים דערמאָנט אין מאַלגאָשען. איר אויסזען און מאַניערן זענען אין פאַרגלייך מיט מאַלגאָשען מערער שטאָטיש, אויסגעצערטלט, אָבער די גאַנצע פיגור איז געווען ענלעך צו מאַלגאָשען.

*

נאָך איר באַזוך אין קיבוץ, האָט די דאָקטאָרין נישט אויפגעהערט צו טראַכטן וועגן יונגן בחור, וועלכער האָט איר אָרומגעפירט איבערן קיבוץ. כסדר איז איר געשטאַנען פאַר די אויגן זיין ברוין־אָפּגעברענט פּנים און פאַרחלומטע אויגן.

שייקע איז איבעראַשט געוואָרן ווען אין אַ געוויסן פרימאָרגן האָט זי זיך ווידער באַוויזן אין קיבוץ. ער גייט איר אַנטקעגן:

— איר האָט עפּעס פאַרגעסן, פריילין דאָקטאָר?

— ניין, איך האָב גאָרנישט פאַרגעסן. איך האָב באַשלאָסן צו לעבן דאָ מיט אייך אין קיבוץ אַ חודש צייט.

— ?

— ווייל כדי צו שטודירן אייער לעבן דאָ, דאַרף מען עס מיטמאַכן.

—אָבער... אָבער מיר האָבן דאָך דאָ נישט קיין פּלאַץ פאַר אייך. דאָ לעבט מען כמעט ווי אין אַ דזשונגל. איבעריקנס, מען דאַרף דאָ רעדן מיטן חבר מאָטל, אונדזער סעקרעטאַר.

*

— וואָס וועט איר ביי אונדז טאָן אַ חודש צייט? — פרעגט חבר מאָטל.

— איך וועל מיך פאַרנעמען מיט די קינדער. אויך מיט עלטערע, איך וועל זיצן אין אייער קופּת־חולים.

— ס׳איז אַ פּראָבלעם, פריילין דאָקטאָר, ווו וועט איר שלאָפן?

— צוזאַמען מיט די קינדערלעך.

— דאָקטאָר, וואָס רעדט איר? אַ גאַנצע נאַכט וועט מען אייך אָנ־וויינען...

— ס׳מאַכט נישט אויס, כ׳וועל מיר פאָרשטעלן, אַז דאָס איז אַ מין מוזיק... און אפשר, ביי מיר וועלן זיי נישט וויינען...

שייקע האָט זיך אָפּט באַגעגנט מיט איר. די דאָקטאָרין האָט געהאַט גרויס דערפאָלג. די קינדער האָבן אויפגעהערט ביינאַכט צו וויינען. און די דערוואַקסענע האָבן איר פשוט פאַרמאַטערט; מיט יעדער נאַרישקייט איז מען געלאָפן צו דער דאָקטאָרין.

אָפּזייענדיק אַ חודש צייט האָט די דאָקטאָרין באַשלאָסן, אַז זי בלייבט אין קיבוץ. פריער האָט זי וועגן דעם געמאָלדן דעם חבר שייקע.

— איר זאָלט אויף מיר נישט פאַראיבל האָבן, אָבער איך מיין, אַז אייער באַשלוס איז נישט דורכגעטראַכט.

— פאַרוואָס?

— ווייל איבערלאָזן אַ רייך איינגעאָרדנט הויז, אַ גלענצנדיקע קאַריער־רע און אויף אַ צולאָג אַ רייכן חתן, אַ באַנקיר, איז עס נישט אַזוי פשוט.

— גוט, שייקע, לאָמיר אָננעמען אַז עס איז נישט אַזוי פשוט, געפעל איך דיר נישט?...

שייקע איז געוואָרן אַביסל איבעראַשט ווען זי האָט אים ס׳ערשטע מאָל אַרויסגעזאָגט „דו״, — מיר... געפעלסטו אָבער וואָס וועט דערפון אַרויסקר־

מען, אַז דו ווערסט זיך דאָ נישט קאָנען איינלעבן. און אַ חוץ דעם קאָנען קומען דיינע עלטערן און אַרויסציען דיך פון דאַנען מיט געוואַלד.

— איך בין אַ פּאָליעריקע לויטן געזעץ!

נאָכדעם ווי ס'איז פאַריבער נאָך אַ חודש צייט, האָט שייקע זיך געווענדן צום חבר מאָטל ער זאָל אים געבן אַ סעפּאַראַטן צימער.

— אויב אַזוי — זאָגט מאָטל — איז מזל טוב!

— אַ דאַנק.

— נו, אַזוי פּשוט, אָן חופּה־קידושין?

— איך האָב איר שוין מקדש געווען.

— נו, איצטער דאַרף מען דיר, דאָס הייסט אייך, איינאָרדענען אַ נשף.

— ביין, איך האַלט נישט דערפון, זי אויך נישט. מען דאַרף נישט מאַכן קיין „טראַסק”.

**

צווישן שטאָקהאָלם און קיבוץ איז אָנגעגאַנגען אַ לעבהאַפטע קאָרעספּאָנדענץ. מען האָט פאַרלאַנגט פון דער דאָקטאָרין זי זאָל זיך ווי אַמשנעלסטן אומקערן אַהיים. אויף איר וואַרט נאָך אַלץ איר חתן.

איינמאָל, אין אַ שבתדיקן פרימאָרגן זענען אין קיבוץ פאַרפאָרן צוויי פּאָליציאַנטן, נאָך זיי אַ לוקסוס־אויטאָ מיט אַ קליינער שוועדישער פאָן. פון אויטאָ זענען אויסגעשטיגן דער שוועדישער קאָנסול און אַ באַוווסטער אין לאַנד פּסיכיאַטאָר.

— מיר ווילן זען דעם סעקרעטאַר פון אייער קיבוץ. — האָבן זיי זיך געוואַנדן צו די אָנוועזנדיקע בייגעריקע חברים.

— דאָ איז די ביוראָ, גייט אַריין, באַלד וועט ער אָנקומען.

נאָכדעם ווי מאָטל איז אַריין, פרעגט אים דער קאָנסול:

— קאָן איך זען די פריילין דאָקטאָר אינגריד פּעטערסאָן פון שוועדן?

— זיכער! אָבער ס'וועט נעמען עטלעכע מינוט, מען דאַרף איר אויפזוכן. היינט שבת איז זי געגאַנגען שפּאַצירן מיט אירע קינדער.

— מיט א י ר ע קינדער?

— יאָ.

— זי האָט דאָ חתונה געהאַט? וויפל קינדער האָט זי?

— קינדער האָט זי דאָ בערך דרייסיק. צי זי האָט חתונה געהאַט, דאַרפט איר זי אַליין פרעגן.

דער קאָנסול מיטן פסיכיאַטאָר קוקן זיך איבער, נישט פאַרשטייענדיק אַזאַ דיפּלאָמאַטישן ענטפער.

ענדלעך איז די דאָקטאָרין אָנגעקומען.

— איך בין זשאַן עריקסאָן, דער קאָנסול פון שוועדן אין פאַלעסטינע. זענט איר פריילין דאָקטאָר אינגריד פעטערסאָן פון שטאָקהאָלם?

— יאָ, דאָס בין איך.

— אייערע עלטערן זענען שטאַרק באַאומרואיקט. זיי האָבן געבעטן, אַז איך זאָל אייך פערזענלעך באַזוכן און זען אויב איר זענט נישט חס ושלום קראַנק...

— ניין, הער קאָנסול איך בין פולשטענדיק געזונט.

— אייערע עלטערן שרייבן מיר, אַז איר שטייט פאַר אַ חתונה. ווען האָט איר בדעה צו פאָרן אַהיים?

— איך האָב גאָרנישט בדעה, איך בין שוין אין מיין היים. כ׳האָב שוין חתונה געהאַט.

— קאָנט איר מיר באַקענען מיט אייער מאַן? קאָן מען זען אייער וווינונג?

— מיין וווינונג איז פונקט ווי דער צימער אין וועלכן איר זיצט. מיין מאַן? אַ בחור ווי די אַלע וואָס איר זעט אין דרויסן.

— דאַרף איך דערפון פאַרשטיין, אַז איר האָט באַשלאָסן נישט צוריק־צופאָרן קיין שטאָקהאָלם?

— זיכער נישט.

דער קאָנסול מיט דעם פסיכיאַטאָר האָבן זיך איבערגעקוקט. זיי האָבן זיך געזעגנט מיט דער דאָקטאָרין און מיט די אָנוועזנדיקע חברים לעבן בּיורא.

⁂

די דאָקטאָרין האָט זיך גוט איינגעלעבט מיט שייקען. אָבער איין מאָל פרעגט זי אים:

— וואָס זאָל דאָס באַדייטן, וואָס אָפט אין שלאָף מורמלסטו: „מאַל־גאָשע, מאַלגאָשע?"

— אין וואַרשע האָב איך געלאָזן אַ יונגערע שוועסטער, וועלכע איך האָב שטאַרק ליב געהאַט.

***

יאָרן זענען פאַרלאָפן. צייטן זענען געווען פאַרשידענע, אָבער מערסטן שווערע: קרענק, אַראַבישע אַריינדרינגלערס, ביטערע ידיעות פון אייראָ־פּעאישן יידנטום, קאַמף פאַר אַ זעלבשטענדיקער מדינה, און נאָך, און נאָך.

די דאָקטאָרין האָט דאָס אַלץ צוזאַמען מיט שייקען מיטגעמאַכט. זי האָט גאָרנישט געטראַכט אַז ס'דאַרף זיין אַנדערש. ביז... ביז אין אַ פרימאָרגן האָט די דאָקטאָרין באַקומען אַ טעלעגראַמע:

„מיין ליב קינד. דיין מוטער וויל דיך זען אין די לעצטע מינוטן פון איר לעבן. מיר דערוואַרטן דיך. דיין אַלטער פאַראיינזאַמטער פאָטער".

די דאָקטאָרין האָט געוויזן שייקען די דעפּעשע. נאָך דעם זעלבן טאָג האָט שייקע באַגלייט זיין ווייב צום פלי־פעלד. זי האָט אָנגעשפּאַרט איר קאָפּ אָן זיינע אַקסלען און שטיל זיך פאַנאַנדערגעוויינט... אַ וואַקלדיקע איז זי אַרויף אויף די טרעפּלעך צום עראָפּלאַן. נישט ער און נישט זי, האָבן קיין וואָרט נישט אַרויסגערעדט.

מיט צוויי וואָכן שפּעטער, האָט שייקע באַקומען אַ בריוו:

„מיין טייער ייִנגל, אַלץ האָט זיך געענדיקט. אויב ס'איז פאַראַן נאָכן טויט אַ גן עדן איז מיין מוטער אַהינצו אַוועקגעגאַנגען. אויך צווישן אונדז האָט זיך אַלץ געענדיקט. מיין מוטער איז אויסגעגאַנגען פון בענקשאַפט נאָך מיר; מיין האַרץ ווערט צעבראָכן. מיין געוויסן פּייניקט מיך. מיין בלייבן אין קיבוץ האָט פאַראורזאַכט אַ טראַגעדיע; מען האָט פאַר מיר פאַרהוילן, אַז מיין פאָטערס אַקציעס האָבן שוין לאַנג פאַרלוירן יעדן ווערט. מיינע עלטערן צוזאַמען מיט מיר האָבן ממשיך געווען אַ לעבן אויפן ברייטן שטייגער, אַ דאַנק מיין רייכן חתן, דעם צוקונפטיקן מאַן מיינעם. ער האָט געדעקט אַלע הוצאות אַפילו מיין רייזע קיין פּאַלעסטינע. נאָכדעם ווי דער שוועדישער קאָנסול האָט מיך באַזוכט און זיך ענדגילטיק איבערצייגט אַז איך קום נישט צוריק קיין שטאָקהאָלם, האָט מיין חתן איבערגעריסן אַלע



מיט אַ צעבראָכן האַרץ באַגלייט שייקע זיין ווייב צום עראָפּלאַן

באַציִאונגען מיט מיינע עלטערן. דאָס אַלץ האָבן מיינע עלטערן פאַרשוויגן, נישט וועלנדיק מיך מצער זיין און שטערן מיר אין מיין וועג.

איך בלייב דאָ מיט מיין איינזאַמען פאָטער."

נאָכדעם ווי שייקע האָט באַקומען דעם בריוו, האָט ער זיך אַ גאַנצן טאָג אַרומגעדרייט ווי אַ נישט־דאַאיקער. ער האָט צו קיינעם נישט גערעדט און קיינעם נישט געענטפערט. פאַרנאַכט האָט זיך מאָטל אַוועקגעזעצט מיט אים איינטענהען:

— שייקע, ווייסטו נישט אַז אין לעבן טרעפט פאַרשידנס? אַז דאָס לעבן גיט פרייד און אויך קלעפּ?

— יאָ, אָבער דער קלאַפּ איז אַ צו שטאַרקער.

— די צייט פאַרהיילט אַלע וווּנדן... דאַרפסט זיך נעמען אין די הענט אַריין.

שייקע האָט זיך אויסגעצויגן אויף זיין בעט און שוין גאָרנישט גע־ענטפערט.

*
* *

מאָטל האָט זיך מיישב געווען מיט אַ פּסיכיאַטאָר און איז געקומען צו שייקען מיט אַ פאָרשלאָג:

— אייגנטלעך זענען מיר דיר שולדיק אַ חוב. אַזוי פיל יאָרן אַרבעטסטו אין אונדזער קיבוץ און האָסט זיך רעכט נישט אָפּגערוט; קיין ריכטיקן חופש נישט געהאַט. דער קיבוץ שטעלט צו דיין דיספּאָזיציע די נויטיקע סומע געלט אויף אַ רייזע קיין אייראָפּע.

— דיין עצה איז אפשר אַ גוטע, אָבער איך האָב נישט קיין ווילן און נישט קיין כוח צו רירן זיך פון אָרט.

— טאָ פאָלג מיך, גיי־אַרויס אויף אַ וואָך־צוויי קיין תל־אביב. די שטאָט האָט זיך אַזוי אויפגעבויט — נישט צו דערקענען.

שייקע האָט זיך אַרומגעדרייט איבער די גאַסן פון תל־אביב. ער האָט באַוווּנדערט די גרויסע ענדערונגען: נייע גאַסן, נייע הייזער, נייע גערטנער און נייע וועגן. ער האָט זיך אַמאָל אַריינגעכאַפּט אין אַ קינאָ. אָבער פון קינאָ איז ער אַרויס פּונקט ווי ער איז אַריין: ער האָט געקוקט אויפן עקראַן

און נישט געוווּסט וואָס דאָרט קומט פאָר. ס'איז אים גאָרנישט געקראָכן אין קאָפּ אַריין.

ס'איז פאַרביי אַ וואָך צייט און ער האָט שוין געהאַט גענוג.

גייענדיק צו זיין האָטעל, איז ער אָפּט פאַרבייגעגאַנגען אַ רייזע־ביוראָ אין וועלכער ס'האָט געהאַנגען אַ פּלאַקאַט: "אויספלוגן קיין פוילן". ס'זענען אויך געווען אויסגעשטעלט בילדער פון וואַרשע. ער האָט זיך אָפּגעשטעלט און געטראַכט: גיין אָנקוקן וואַרשע? די ערד וואָס האָט איינגעזאַפּט אין זיך אַזוי פיל יידיש בלוט. וווּ אַלץ וואָס יידיש, איז צערריבט און פאַרברענט. נ יין! אָבער... — האָט אים מיטאַמאָל אַ זעץ געטאָן אין מוח — וואָס איז געוואָרן מיט מיין טאַטע־מאַמע? מיט מיינע נאָענטע? לעבט ווער פון זיי? די דאָזיקע פראַגן האָבן, אייגנטלעך, געעקבערט זיין מוח די גאַנצע צייט, זינט עס זענען אָנגעקומען די איוב־בשורות וועגן יידישן חורבן אין פוילן, אָבער ער האָט זיך שטענדיק געפּרוּווט קלאַמערן אין דער קלענסטער האָפענונג: אפשר? אפשר איז פאָרט ווער לעבן געבליבן? אָבער איצטער, אָנקוקנדיק דעם פּלאַקאַט, האָט אים דער דאָזיקער געדאַנק אינגאַנצן צעטרייסלט.

די זעלבע נאַכט האָט ער איבערגעלעבט שרעקלעכע קאָשמאַרן. ער האָט בשום אופן נישט געקאָנט איינשלאָפן. ערשט פאַרטאָג, ווען ער איז אַנטשלאָפן געוואָרן, האָבן זיך אים געגומען פּלאָנטערן בילדער פון דער היים: טאַטע־מאַמע, קרובים, חברים, שולע, מיליטער־דינסט, יאַבלאָנע, בלומען אַזוי פיל און — מאַלגאָשע...

ער איז אויפגעשטאַנען מיט אַ שטאַרקן קאָפּ־ווייטיק און גלייך אַראָפּ אויפן גאַס. ער איז אַוועק צום ברעג ים. דעם זעלבן אָוונט נאָך איז ער צוריקגעפאָרן אין קיבוץ מיט אַ פעסטן באַשלוס צו פאָרן קיין וואַרשע.

***

אויף דער שיף האָט שייקע באַגעגנט פאַרשידענע מענטשן. מיט קיין איינעם פון זיי האָט ער זיך נישט אַריינגעלאָזט אין געשפּרעכן. ער איז אויך נישט געווען פּעאיק צו נעמען אַ בוך אין האַנט אַריין. פון אינדערפרי ביז שפּעט אין דער נאַכט פלעגט ער אָפּשטיין ביים באַריער פון דער שיף און קוקן אין די טיפענישן פון ים.

אין דאַנציק איז ער אײַנגעשטיגן אין אַ צוג, וואָס פֿירט דירעקט קיין וואַרשע. ער האָט אָפּגעזוכט אַ ווינקל־פּלאַץ, בײַם פֿענצטער, אַרויסגעקוקט און געשוויגן.

די וואַגאָן־שכנים האָבן צווישן זיך גערעדט: אָדער דער מענטש איז אַ שטומער אָדער אַן אומנאַרמאַלער...

ענדלעך איז דער צוג אָנגעקומען קיין וואַרשע. שײקע האָט גענומען זײַן וואַליזע און לאַנגזאַם, ווי אַן אָבל גייט נאָך אַ לוויה, איז ער אַרויס צום וואָקזאַל און אַוועק אין אַ צווייטראַנגיקן האָטעל.

די גאַסן, וועלכע ער איז פֿאַרבײַגעגאַנגען צום האָטעל, זענען שײקען גוט באַקאַנט געווען. אָבער איצט האָט ער זיך געפֿילט דאָ ווי אַ פֿרעמדער אין אַ פֿרעמדער שטאָט.

בײַנאַכט האָט ער נישט צוגעטאָן מיט קיין אויג. קוים דערוואַרט זיך אויפֿן טאָג איז ער מיט אַ שטאַרקן האַרץ־קלאַפּן אַוועק צו די אַמאָליקע ייִדישע גאַסן אין וואַרשע — צו דער שחיטה־שטאָט. שײקע האָט אָבער אָנגעטראָפֿן אויף אַ ליידיקן ריזיקן שטח, וואָס דאָס אויג זײַנס האָט קוים געקאָנט אַרומנעמען.

ס'איז געווען אַ האַרבסטיקער טאָג, בלײַענע וואָלקנס האָבן פֿאַרדעקט דעם הימל און אַ רעגן איז געהאָנגען אויף אַ האָר. שײקע האָט אָנגעהויבן וואַנדערן איבערן חורבן ייִדישן שטח — דעם געוועזענעם געטאָ — און אָנגעטראָפֿן אויף פֿונדאַמענטן פֿון צעשאָסענע און פֿאַרברענטע הײַזער, דאָ און דאָרט: אַן אָנגעוואַלגער פֿון גרוז, מעבל־שטיקער, פֿאַרבלאָטיקטע און צע־ריסענע קינדער־שפּילצײַג, שמאַטעס, בײנער, אײַזנס, קיך־געשיר, פֿאַר־פֿוילטע ביכער און נאָך אַנדערע „זאַכן", וואָס זענען געבליבן ווי אַ זכר פֿונעם חורבן.

שײקען האָט אָנגעהויבן שטיקן אין האַלדז, ס'האָט אים אָטעם פֿאַר־פֿעלט, די פֿיס האָבן אים מער נישט געטראָגן. ער קוקט זיך אַרום — נישטאָ בײַ וועמען צו פֿרעגן. נישטאָ מיט וועמען אַ וואָרט אויסצורעדן. זעצט ער זיך אַוועק אויף דער ערד און טרערן גיסן זיך אָן אויפֿהער.

געקלאַמערט זיך אין אַ לעצטער האָפֿענונג: אפֿשר? אפֿשר? און דאָ

— געקומען אויף קבר־אבות, געקומען לאָזן אַ טרער אויף זיין חרובער היים, אויפן יידישן לעבן.

אַ דריבנע רעגנדל האָט אָנגעהויבן טריפן אויף שייקעס פנים. מישן זיך די רעגן־טראָפּנס מיט טרערן, אַ שוידער נעמט אים אַדורך און ער פּרוווט זיך אויפשטעלן, אָבער ער פאַלט צוריק.

אַ גרופּע פּוילישע קינדער, וועלכע זענען, ווייזט אויס, געקומען אַהער־צו זוכן מציאות... האָבן דאָס באַמערקט און זיך צעשריען מיט דערשראָ־קענע קולות: אַ טויטער איז אַרויס פון קבר... צווישן זיי האָט זיך געפונען אַ גרעסער יינגל, וועלכער האָט זיי באַרואיקט: אַ טויטער קאָן נישט לע־בעדיק ווערן — ער איז אייביק טויט. די קינדער האָבן זיך דערנענטערט צו שייקען און דערזעענדיק פאַר זיך אַ לעבעדיקן מענטש, האָבן זיי אים געפרעגט:

— וווּהין דאַרפט איר גיין, פּאַניע?

— וווּהין?... — האָט שייקע אָנגעהויבן שטאַמלען... — אָבער ראַפּטעם האָט אים אַ זעץ געטאָן אין מוח: יאָ, ער האָט נאָך אַ לעצטן אַדרעס: מאַל־גאָשע! און גלייך האָט ער זיי געענטפערט:

— קיין מאָקאָטאָוו.

— אויב אַזוי דאַרפט איר גיין צוריק, צו יענער־אָ בודקע. פון דאָרט פירט אַ טראַמוויי דירעקט קיין מאָקאָטאָוו.

איבערן גאַנצן וועג קיין מאָקאָטאָוו האָט שייקע נישט אויפגעהערט צו טראַכטן: לעבט זי? ער האָט זיך אין האַרצן געמאַכט פאַרוווּרפן פאַר זיין האַנדלונג לגבי איר. אָבער צי האָט ער זיך געקאָנט שמדן צוליב איר? ער האָט טאַקע אָפּגעהאַקט מיט זיין קורצן בריוול צו איר, אָבער... ער האָט זי קיינמאָל נישט פאַרגעסן...

שייקע האָט גוט געדענקט ווו ס'האָט זיך געפונען זייער הייזעלע. ביים טראָטואַר איז געווען אַ נידעריקער הילצערנער פּאַרקאַן מיט אַ פורט־קע, וועלכע האָט געפירט צו דער וועראַנדע פון זייער וווינונג.

איצטער האָט מען נאָר געזען סימנים פון אַ פּאַרקאַן. קענטיק די ברעט־לעך זענען אַרויסגעבראָכן געוואָרן. די הייזקע איז יאָ די זעלבע און נישט

די זעלבע: אַ העלפט איז ווי צעשאָסן, ווי נאָך אַ שריפה. מען זעט איין קליין פענצטערל, אויף וועלכן ס׳הענגט אַ פאָרהאַנגל. אַ סימן אַז מען לעבט דאָרטן. אָבער, אַריבערצוטרעטן די שוועל האָט ער קיין מוט נישט געהאַט... איז ער געשטאַנען אַזוי, געקוקט און געקוקט, אפשר וועט עמיצער פון דער הייזקע אַרויסגיין?

אַ שכן, אַן אַלטער קריסט באַמערקנדיק דעם פרעמדנס שטיין און דאָס דרינגלעכע אַריבערקוקן צום פענצטערל, האָט אַריבערגעשריגן צו אים: „אָנאַ וו׳ קאָשטשעלע״ (זי איז אין דער קירכע).

אויב „זי״ — טראַכט ער זיך — מוז עס דאָך זיכער זיין מאַלגאָשע.

שייקע איז גלייך אַוועק צו דער קליינער קירכע אין יענער געגנט. מיט נישט קיין דרייסטע טריט איז ער אַרויף אויף די טרעפ, ער איז אַריין אי־נעווייניק נאָענט צו דער טיר, אַראָפּגענומען דעם הוט און זיך אָפּגעשטעלט. ער האָט זיך געטראַכט: די תּפילה וועט זיך ענדיקן, אַלע וועלן אַרויס, וועט ער זי קאָנען באַמערקן. דער גלח האָט דאַן אָפּגעריכט די תּפילה „ניע־שפּאָרי״, וועלכע מען ריכט נאָר אָפּ אין די זונטיקס נאָך מיטאָג. אַקעגן אים, איבער דעם אַלטאַר, איז געשטאַנען אַ גרויסער מעטאַלענער קרייץ, אויף וועלכן ס׳איז געהאַנגען יעזוס קריסטוס. קוקן אויף אַ געהאָנגענעם מענטשן, מאַכט אַ שווערן איינדרוק. אויפן פּאָן פון מעש, באַלויכטן מיט אַ שוואַכן ליכט, האָט יעזוס קריסטוס אויסגעזען נאָך טרויעריקער. די מאָנאָטאָנע שטימע פון דעם גלח און די וואַקסענע ליכט, האָבן געמאַכט אַ פּייַנלעכן איינדרוק. שייקע האָט זיך דערינערט, ווען ער פלעגט אַמאָל מיטגיין מיטן פאָטער אין שול אַריין, צו כל נדרי, זענען אויך געווען אַ סך וואַקסענע יאָרצייט־ליכט. יידן איינגעהילט אין טליתים, די שטימע פון חזן איז געווען געבנוג טרויעריק, און דאָך איז אים דענסטמאָל געווען פיל פריילעכער אויפן האַרצן ווי איצטער.

ווייניק מענטשן זענען געווען אין דער קירכע. מערסטנס פרויען. עס איז געקומען אַ מאָמענט, ווען אַלע דאַרפן קניען. שייקע האָט זיך אינס־טינקטיוו צוריקגעקערט צום אַרויסגאַנג און נישט געקניט. דאָס האָט זיך גלייך געלאָזט באַמערקן אין דער קירכע. פון אויער צו אויער האָט זיך דער־טראָגן אַ געפּליסטער: „זשיד״.

מאַלגאָשע, וועלכע איז גראָד געווען נענטער צום אַרויסגאַנג איז דערציטערט געוואָרן און אויסגעדרייט דעם קאָפּ צו דער טיר.

אין דער האַלב־פינצטערניש וואָס האָט געהערשט אין דער קירכע, איז שייקע כמעט זיכער געווען אַז דאָס איז זי. די זעלבע אויגן אָבער מאַטע, פאַרלאָשענע, דעם קאָפּ פאַרדעקט מיט אַ דאַרפיש טיכל פון אונטער וועלכן ס'האָבן אַרויסגעקוקט די זעלבע האָר, נאָר ערטערווייז מיט אַ גראָע פאַסמע דורכגעשלאָגן. ווען זי האָט זיך אויפגעשטעלט און אויסגעגלייכט איר קערפּער איז ער שוין געווען זיכער אַז דאָס איז זי, מאַלגאָשע.

שייקע האָט פאַרשטאַנען, אַז דאָס קאָן ווערן שטאַרק אויפפאַלנד און ס'איז בעסער אַז ער זאָל זיך גלייך אָפּטראָגן. ער איז אַראָפּ פון די טרעפּ און זיך אַוועקגעזעצט אויף דער ערשטער נאָענטער באַנק, דורך וועלכער אַלע דאַרפן פאַרבייגיין.

ס'האָט גענומען עטלעכע מינוט און אַלע האָבן אָנגעהויבן אַרויסצוגיין. מאַלגאָשע האָט זיך אַוועקגעשטעלט האַרט אַקעגן שייקען, אַריינגעקוקט אים אין פּנים און אָנגעכאַפּט זיינע הענט, אויסרופנדיק:

— דו ביסט שייקע?!

— איך.

— גאָט אַליין האָט דיך אַהערגעבראַכט, קום.

זי האָט אים אַוועקגעפירט טיפער אין גערטל אונטער אַ געדיכטן קאַש־טאַן־בוים. זי האָט אים געקושט זיינע הענט, געגלעט זיין מאַנטל.

— זעסטו, איך האָב אַלע טאָג געבעטן גאָט ביים בילד פון דער הייליקער מוטער, און מיין תּפילה איז אָנגענומען געוואָרן. אָבער... פאַרוואָס האָסטו מיך דאָ איבערגעלאָזט און אַליין אַנטלאָפן קיין פּאַלעסטינע!

— פאַרשטיי, מאַלגאָשע, אין יענער צייט ווען איך נעם מיט אַ קריסט־לעך מיידל, וואָלט מען מיך פאַרשטיינערט.

— און איצטער?

— איצטער בין איך געקומען זען, וואָס מאַכסטו, ווי דערגייט עס דיר...

— זייער, זייער טרויעריק שייקע, אַ סך צו דערציילן.

— בן גוט, מאַלגאָשע, ס'ווערט שפּעט, ועסטו גיין אַהיים, מאָרגן וועלן מיר זיך טרעפן און שמועסן.

— ניין, שייקע, מירן זיך מאַרגן נישט טרעפן, מיר האָבן זיך שוין געטראָפן... איך גיי נישט אַהיים, איך האָב נישט קיין היים. געבליבן איז אַ שטיקל צעבראָכן צימערל. די עלטערן זענען געשטאָרבן, אַנטעקן האָבן די שוואָבן צוגענומען. די שכנים שרייען מיר נאָך: יידישע שקלאַפין״, דערפאַר ווייל מיר האָבן אויסבאַהאַלטן יידן. איך בין איינזאַם ווי אַ קאָלעק. איך גיי מיט דיר. זאָל זיין אין גיהנום אַריין, אָבער מיט דיר. איך קאָן שוין נישט זיין אַליין.

⁂

ווי שייקע האָט זיך אַרומגעזען איז איר לאַגע באמת געווען אַ פּייג־פולע. ער האָט נישט פיל געטראַכט, גענומען איר אונטערן אָרעם און אַוועק־געפירט צו זיך אין האָטעל־צימער. דאָרט האָט מאַלגאָשע אָנגעהויבן צו דער־ציילן:

נאָכדעם ווי דו ביסט אַוועקגעפאָרן, האָט אַנטעק אָנגעהויבן אַריינקר־מען צו אונדז אין שטוב אַריין. דער מאַמען איז ער נישט געפעלן געוואָרן. דיך האָט זי אָפּגעגאָסן מיט קאַלטן וואַסער און אים האָט זי געשאָלטן מיט טויטע קללות. מיין טאַטע מיט דער מאַמען האָבן זיך שטענדיק געקריגט צוליב אים. איך האָב אַמאָל אונטערגעהערט אַ געשפּרעך. דער טאַטע: „וואָס האָסטו זיך אָנגעזעצט אויף אַנטעקן? ער איז אַן אַרבעטזאַמער ווי־לער בחור. אַ חוץ דעם, אַז אַנטעק קומט אַריין פאַרגעסט זי אַביסל אָן שיי־קען. טו אַ קוק אויף איר, זי איז דאָך געוואָרן ווי אַ שטעקן אויסגעדאַרט פון בענקשאַפט. שייקען האָסטו פאַרטריבן, אַנטעקן ווילסטו אויך פאַרטרייבן.״ אויף דעם האָט די מאַמע געענטפערט: שייקע איז מיר שוין בעסער געפעלן, ער איז דאָך געווען אַ געלערנטער, אינטעליגענטער בחור; און אַנטעק וואָס? וואַשט די אויטאָס אין גאַראַזש. אוודאי איך האָב דאָך נישט גע־קאָנט מסכּים זיין אַז מאַלגאָשע זאָל אונדז איבערלאָזן און אָננעמען דעם יידישן גלויבן, פאַרשטייסטו וואָס פאַראַ חרפּה דאָס וואָלט געווען? און דערלויבן אַז ער זאָל זיך מיט איר שפּילן... און אַוועקוואַרפן איר שפּעטער — זיכער נישט!

די מאַמע האָט אַנטעקן אפילו אַ גלאָז וואַסער נישט דערלאַנגט. אָבער דער טאַטע האָט אים געהאַט גערן. אָפּטמאָל ווען די מאַמע איז נישט געווען

אינדערהיים, האָט דער טאַטע אַרויסגענומען פון אַ באַהאַלטענער שאַפקע אַ קאַראַפקע מיט בראָנפן און געמאַכט צוזאַמען מיט אים אַ כוסה.

איך אַליין האָב אים אויך גאַנץ קאַלט אויפגענומען. אָבער אַנטעק האָט זיך דערמיט נישט גערעכנט. פלעגט ער נאָר אַריינקומען אין שטוב, האָט ער זיך צוגעקלעפּט צום טאַטן. מיט וואָס קאָן איך אייך העלפן? — פרעגט ער. גלייך האָט ער געכאַפּט די פּאַפּירן, האָמער און שטאַמס און אָנגעהויבן אַליין צו אַרבעטן, פּונקט ווי מיר האָבן דאָס געמאַכט. אין אַ מאַרק־טאָג האָט ער געהאָלפן אַרויסטראָגן און שפּעטער צוריק אַריינבריינגען די סחורה. זונטיק איז ער געקומען אָן אויסגעפּוצטער און געברענגט מיר קליינע מתנות. איך בין געווען גאַנץ גלייכגילטיק צו אים, אָבער איך האָב נישט געהאַט קיין האַרץ אים צו פאַרטרייבן. אַזוי האָט ער זיך געדרייט אַרום מיר, ביז... ער האָט זיך אַריינגעדרייט. סוף־סוף האָבן טאַטע־מאַמע שלום גע־מאַכט און געזאָגט, אַז זיי דערלויבן אונדז נישט אַזוי סתם אַרומצוגיין, און מען האָט געמאַכט אַ חתונה.

מאַלגאָשע איז מיד געוואָרן רעדנדיק און איז אַנדרימלט געוואָרן.

שייקע איז געזעסן אויפן בעט פאַרזונקען אין מחשבות: וואָס וועט זיין מאָרגן? און וואָס וועט זיין איבערמאָרגן? מען קאָן דאָך נישט לאָזן אַזוי מאַלגאָשען אויף הפקר. דער זייגער איז שוין צוועלף ביינאַכט. שייקע וואַשט אַרום זיין קאָפּ און פּנים מיט קאַלט וואַסער און פּרוווט איינצודרימלען.

פּלוצלונג רייסט זיך מאַלגאָשע אויף פון שלאָף מיט אַ געוואַלד:

אָ, יעזוס מאַריאַ!

שייקע האָט באַמערקט ווי איין האַנט, די לינקע, הענגט ביי איר אַראָפּ, פּונקט ווי זי וואָלט געווען אַ צעבראָכענע.

— וואָס האָט זיך דיר געחלומט?

— אַ גאַנצער פלאָנטער פון חלומות: די נאַציס יאָגן זיך נאָך יידן, שפּעטער קומען די מאַסקאַלעס און פאַרגוואַלדיקן אונדזערע פרויען...

— זייער אינטערעסאַנט... נו, איצטער מאַלגאָשע, דערציייל מיר וואָס עס איז ביי דיר מיט דער האַנט?

שייקע האָט אָנגעגאָסן פון טערמאָס צוויי גלעזער טיי מיט קאָניאַק און מאַלגאָשע האָט אָנגעהויבן צו דערציילן:

...אַז ס'האָט אויסגעבראָכן די מלחמה האָבן אונדזעריקע געזאָגט: „מיר וועלן זיי אָוועקלייגן די שוואַבן אין לויף פון איין וואָך". דערווייל ווען אונדזעריקע האָבן זיך אַלץ געגרייט און באַרימט, איז פינצטער געוואָרן אויפן וואַרשעווער הימל, טויזנטער עראָפּלאַנען האָבן זיך אַ לאָז געטאָן מיט איין מאָל. מיר זענען געבליבן ווי הילפלאָזע קינדער. די שוואַבן זענען אַריין, גערויבט, געשלאָגן, געהרגעט. צום ערגסטן איז געווען די יידן. האָבן מיר פּאָליאַקן געבילדעט אַ געהיימע מיליטערישע אָרגאַניזאַציע. אַנטעק אַלס אָפיציר איז געווען טאָג און נאַכט פּאַרנומען. אויך יידן זענען געווען אין דער מיליטערישער אָרגאַניזאַציע. אַנטעקס חברים האָבן נישט געוואָלט די יידן. אַנטעק האָט געהאַלטן, אַז די יידן דאַרפן אויך בלייבן. האָבן זיינע חברים אים געזאָגט: אָדער דו נעמסט זיך דיינע יידן, אָדער מיר שיסן זיי אויפן אָרט! אונדזעריקע זענען פּשוט משוגע געוואָרן. אַנטעק האָט געוואָלט ראַטעווען די יידן, האָט ער זיי געברענגט צו אונדז אַהיים. דריי נעכט האָט מען געאַרבעט און געמאַכט אַ בונקער, דאָרטן ווו פריער איז געווען אַ שטאַל פאַרן פערד. האָט מען דאָרט אַראָפּגעלאָזט צוויי יידישע בחורים. צוויי אַנדערע האָבן נישט געוואָלט בלייבן און זענען אַוועק אין נאָענטסטן וואַלד. עטלעכע וואָכן איז געווען שטיל. מיטאַמאָל קומט צו אונדז אַ יונגער שמאַלצאָווניק און פרעגט מיט חוצפה: פאַר וועמען קויפסטו דאָס יעדן טאָג אַזוי פיל עסן? פאַר דיינע זשידעס! אויב דו ווילסט איך זאָל דיך נישט אויסגעבן, גיב איך דיר צייט צוועלף שעה און שאַף מיר פינפהונדערט דאָלער. וואָס האָב איך אים געקאָנט ענטפערן? אַנטעק איז נישט געווען אינדערהיים, האָב איך אים מכבד געווען מיט אַ קללה. גיי — זאָג איך אים — צעברעך הענט און פיס און לייב און לעבן! זאָלסט נישט וואַגן מערער קומען צו מיר!

מיט צוויי טעג שפעטער, קומען פלוצלינג אָן צוויי דייטשע היצלעס מיט אַ גרויסן בולדאָק. איך און אַנטעק זענען מיר ביידע געווען אינדערהיים. איינער, אַ שוואַב שרייט צו אַנטעקן:

— ווו זענען באַהאַלטן דיינע יידן? גיב זיי אַרויס! אַנישט שיסן מיר דיך מיט די יידן צוזאַמען!

אַנטעק האָט געענטפערט:

-- דאָ זענען נישטאָ קיין יידן.

האָבן זיי אַריינגעשיקט דעם הונט, וועלכער האָט געגראָבלט אַזוי לאַנג אין שטרוי, ביז ער איז דערגאַנגען צו אַ ברייטן ברעט, דורך וועלכן מען איז אַריין אין בונקער. ביידע דייטשן האָבן אָנגעהויבן שרייען:

— הערויס! שמוציקע, פאַרפלוכטע יידן! באַלד האָט זיך דערהערט אַ שאָס פון ערגעץ אַ לאָך אין בונקער און דער בולדאָק איז אַוועקגעפאַלן אויפן אָרט. און ווען ביידע דייטשן זענען צוגעפאַלן ראַטעווען זייער הונט, איז געפאַלן נאָך אַ שאָס און ס'האָט זיך אויסגעצויגן אויפן אָרט נאָך אַ צווייפיסיקער הונט. דער צווייטער דייטש האָט זיך דערשראָקן, שנעל אַוועקגעלאָפן און געברענגט אַ פולן אויטאָ מיט באַוואָפנטע דייטשע סאָלדאַטן. אַנטעק האָט נישט באַוויזן צו אַנטלויפן. גלייך האָט מען אַנטעקן אַריינגעשטופט אין אויטאָ. איך בין צוגעפאַלן צו אים און געוואָלט זיך מיט אים געזעגענען, האָב איך באַקומען מיט אַ קאָלבע אַ קלאַפּ אין דער לינקער האַנט. דער דאָקטאָר זאָגט, אַז אויסגלייכן זי קאָן מען שוין נישט.

סיי מאַלגאָשע, סיי שייקע האָבן שווער אָפּגעאָטעמט. מאַלגאָשע האָט זיך אַ ביסל אָפּגערוט און פאָרגעזעצט:

שפעטער זענען אַריין צען סאָלדאַטן און האָבן אויפגעהאָקט דאָס ברעט. ווידער זענען אַריין צוויי אָפיצירן זייערע און האָבן געשריגן:

— הערויס!

קיין שום ענטפער האָט זיך פון דאָרט נישט באַקומען. האָט מען ווידער אַרויסגענומען אַנטעקן פון אויטאָ און מען האָט אים געזאָגט:

— רוף אַרויס פון דאָרט די יידן, אויב נישט — רייסן מיר אויף דיין הייזקע מיט דעם בונקער צוזאַמען. אַנטעק האָט גאָרנישט געענטפערט. האָט מען אָנגעשטעלט אַ פולעמיאָט און צעשאָסן אַ האַלבע הייזקע. שפעטער האָבן זיי אַראָפּגעשאָסן אין אויפגעריסענעם בונקער. אַן אָפיציר האָט דאַן באַפוילן צו צוויי סאָלדאַטן: גייט אַרונטער און ברענגט־אַרויף די פגרים. די צוויי סאָלדאַטן זענען צוריקגעקומען מיט גאָרנישט. זיי זאָגן אַז ס'איז דאָרטן קיינער נישטאָ. דער אָפיציר שיקט אַראָפּ אַנדערע סאָלדאַטן. זיי קומען אַרויף מיטן זעלבן ענטפער. אָבער זיי דערציילן, אַז זיי האָבן דאָרטן געזען אַ גרויסן לאָך, וואָרשיינלעך אַ טונעל.

מאַלגאָשע איז שוין געווען גוט מיד, אָבער זי האָט ווייטער דערציילט:

שפּעטער זענען געקומען די מאָסקאַלעס. זיי האָבן אונדז געזאָלט באַ־פרייען און מאַכן אַ פריי סאָציאַליסטיש פּוילן. זענען די סאָלדאַטן זייערע אַרויס אויף די וואַרשעווער גאַסן ווי די גזלנים; אויפגעכאַפּט יעדע יונגע פרוי — צוריקגעברענגט האָט מען זיי אויסגעמוטשעטע, צעקאַלעטשעטע, קראַנקע און אַ טייל האָט די ווייסל, אין אַ צייט אַרום, אַרויסגעוואָרפן...

שייקע איז געווען גערירט פון אירע איבערלעבונגען און מיטאַמאָל אַ זאָג־געטאָן צו איר:

— מאַלגאָשאַ! דאַרפסט מערער נישט קיין מורא האָבן, נישט פאַר די מאָסקאַלעס, און נישט פאַר די נאַציס. אַלץ האָט זיך געענדיקט. איך בין דאָ. איך וועל דיך אָפּהיטן.

*

מאַלגאָשע האָט זיך אויפגעכאַפּט אַרום צען אַזייגער אויפן טאָג. אויס־געגליכן אירעביינער מיט אַ שווערן זיפץ און געפרעגט:

— נו, שייקע, וואָס ווייטער?

— איך האָב באַשלאָסן אַז מיר ביידע האָבן חתונה. איך וועל נישט גיין אין קירכע, דו וועסט נישט גיין אין סינאַגאָגע. מיר מאַכן אַ ציווילע חתונה. דו ווערסט מיין ווייב. איך אַרבעט אויס פאַר דיר אַ פּאַספּאָרט. נאָכדעם פאָרן מיר צוזאַמען קיין ישראל.

— און דו וועסט מיך שוין קיינמאָל נישט איבערלאָזן אַליין?

— קיינמאָל נישט.

נאָכן דורכפירן די ציווילע חתונה איז שייקע אַרומגעלאָפן אין פאַר־שידענע רעגירונגס־אַמטן, אַרויסצובאַקומען פאַר מאַלגאָשען די געהעריקע פּאַפּירן.

אַלץ דערליידיקט, איז ער אַריינגעלאָפן אין האָטעל־צימער אַ צע־שטראַלטער:

— מאַלגאָשאַ! אַלץ איז דערליידיקט!

— וואָס?

שייקע האָט איר אַרומגעכאַפּט און צוגעדריקט צום האַרצן. מאַלגאָשע האָט זיך צו אים צוגעטוליעט, געוויינט און געלאַכט.

— און איצטער זאָג מיר, ווי רופט מען מיך?



אין ביידן זיי לייטערט זיך אַ ניי געפֿיל — אַ ניי לעבן גייט פֿאַר זיי אויף

— שייקע וויינטרויב.

— ניין, מיין ליבע, מיין נאָמען איז איצטער: ישעיהו כרמי.

מאַלגאָשע האָט איבערגעחזרט: ישאַיו קאַרמי.

— גוט. און ווי הייסטו?

— איך?

— יאָ, דו.

— מיין נאָמען איז מאַלגאָשאַ קראַשינסקאַ.

— ניין, דיין נאָמען איז פון איצטער אָן: מרים כרמי.

— מרים קאַרמי.

***

דיזעלבע נאַכט נאָך זענען שויןביידע געזעסן אין שנעלצוג, וואָס פירט פון וואַרשע קיין דאַנציג.

שייקע, ווי זיין געוווינהייט, האָט זיך אויסגעקליבן אַ פּלאַץ אין ווינקל לעבן פענצטער.

דער שנעלצוג לויפט מיט אַ האַסטיקער גיכקייט. אין דרויסן פייפט אַ שטאַרקער האַרבסטווינט, ווי ער זאָל וועלן אונטערטרייבן דעם צוג. דאָס ריטמישע קלאַפּן פון די רעדער האָט אַביסל באַרואיקט די געמיטער. דער ווינט האָט געבראַכט אַ דריבנע רעגנדל, וואָס האָט פאַרגאָסן די וואַגאָן־שויבן.

שייקע און מאַלגאָשע קוקן־אַרויס דורך דער פאַרלאָפענער שויב אין דער געדיכטער פינצטערניש, און איןביידן זיי לייטערט זיך אַ נייער צוזאָגנדיקער געפיל.

אַ ניי לעבן גייט פאַר זיי אויף.

## גורל

.1905

נאָכן בלוטיקן מיטוואָך אויפֿן גזשיבאָוו, איז שיינדעלע געבליבן אַ קיי־לעכדיקע יתומה. זי איז געבליבן עלנט ווי אַ שטיין, אָן שום קרובים. האָבן גוטע שכנים איר באַזאָרגט אַן אַרבעט אין אַ גאָרקיך אויף גזשיבאָווסקע גאַס. זי איז דעמאָלט אַלט געווען אַ יאָר זיבעצן.

בטבע אַ שוואַכע, איז זי פֿיזיש נישט אימשטאַנד געווען אויסצופֿירן די אַלע אַרבעטן, וואָס מען האָט אויף איר אַרויפֿגעלייגט. די באַלעבאַטים האָבן אָבער פֿאַרקוקט — אַ יתומה, נעבעך...

צווישן די שטאַמגעסט אין גאָרקיך, איז אויך מיכאַלקע מאַטשאָרניק געווען אַ שטענדיקער יוצא וניכנס.

איינמאָל זעצט זיך מיכאַלקע צו צו איר איינטענהען מיט גוטע ריידעלעך:

— שיינדעלע, איך האָב אויף דיר רחמנות. איך וויל דיר העלפֿן.

— מיט וואָס?

— וועסט שוין זען.

מיט עטלעכע טעג שפּעטער האָט מיכאַלקע געבראַכט פֿאַר שיינדעלען שטאָף אויף אַ קלייד און אַ גרייטן ווינטער־מאַנטל.

איצט האָט זי שוין געהאַט אין וואָס אַרויסצוגיין אין די שבתים.

אַוועק אַ שטיקל צייט און מיכאַלקע זעצט זיך ווידער אַוועק לעבן איר איינטענהען:

— איך קאָן נישט צוזען ווי דו ווערסט אויסגעדאַרט און אויסגעקוואַרט. איך ווייס, אַז דיר פֿעלט דאָ נישט קיין עסן, אָבער פֿון טאָג צו טאָג איז דיך נישט צו דערקענען. דו גייסט דאָך אײַנגאַנצן אײַן. איך וויל דיר העלפֿן.

— מיט וואָס?

— קוק מיך אָן שיינדעלע. איך בין אַ שיינער בחור? איך געפֿעל דיר?

— דו ביסט אַ שיינער בחור, אָבער נישט פאַר מיר.

— פאַרוואָס?

— ווייל דו האַלטסט־אויף אַ הייזל...

— שיינדעלע, אויב דו וועסט מיט מיר חתונה האָבן, פאַרקויף איך דאָס הייזל.

— טאָ וואָס וועסטו טאָן?

— איך וועל לאַטכענען! אָבער נאָר ביי די בורזשאָקעס. וואָסי? זיי קומט אַלץ? — אַ קרענק זיי אין די ביינער!

— דאָס געפעלט מיר אויך נישט.

— האָב איך נאָך אַ פּלאַן: איך גיי אַרבעטן אין אַראַנאָוויטשעס פאַב־ריק פון אייזערנע בעטן. איך קען דאָס פאַך.

— דאָס געפעלט מיר.

מיכאַלקע און שיינדעלע האָבן געשטעלט אַ חופה כדת וכדין און זענען געוועזן מיט זיך גליקלעך. זי איז דאַן אַלט געווען אַכצן יאָר.

אין אַ יאָר אַרום האָט זי אים געבוירן אַ ייִנגעלע. גערופן האָט מען אים יאָסעלע.

זינט טאַטע־מאַמע זענען אומגעקומען, איז שיינדעלעס פנים געוואָרן איינגעהילט ווי מיט אַ טרויער־שלייער. ס'האָט אויסגעזען ווי זי קוקט אויף יעדן איינעם מיט אירע טיף־בלויע אויגן און געדיכטע ברעמען מיט חשד. אָבער ווען זי איז געווען אין אַ גוטער שטימונג, האָט זי אַרויסגעברענגט אַן איידעלן, דיסקרעטן שמייכל.

ווען דאָס קינד אירס איז אַלט געוואָרן אַ יאָר, האָט עס געכאַפּט דעם אָנבליק פון איר: פעך־שוואַרצע האָר, טיף־בלויע אייגעלעך, באַדעקט מיט געדיכטע ברעמען — אינגאַנצן די מוטער אויסן אויג.

איינמאָל, ווען שיינדעלע האָט געוואַשן וועש און די באַליע איז גע־שטאַנען אויף דער פּאָדלאָגע, איז יאָסעלע אַרויפגעפאַלן אויפן קאַנט פון דער באַליע און באַקומען אַ שטאַרקן קלאַפּ אין שטערן. פונעם דאָזיקן קלאַפּ איז אים פאַרבליבן אַ טיפער שראַם אויפן שטערן.

איינמאָל, אין מיטן נאַכט — מען קלאַפּט.

— ווער איז?

— פּאָליציי.

שיינדעלע האָט פאַרבראָכן די הענט:

— מיכאָלקע! ווי צו מיינע יאָרן. האָסט דאָך מיר צוגעזאָגט צו גיין אַרבעטן אין אַ פאַבריק.

— גלויב מיר שיינדעלע, כ׳בין טאַקע געגאַנגען, אָבער אַז מ׳האָט אַ קוק־געטאָן אויף מיין פּאַס, האָט מיך קיינער נישט געלאָזט איבער דער שוועל אַריבער. האָב איך נישט געוואָלט דיר פאַרשאַפן קיין האַרץ־ווייטיק. אָבער זאָרג נישט שיינדעלע, ס׳וועט זיין גוט.

דאָס קלאַפּן איז געוואָרן שטאַרקער, האַסטיקער, און מיכאָלקע אַליין האָט געעפנט די טיר.

אַרויספירנדיק אים אין פּאָליציי־צירקל, האָט מיכאָלקע ראַפּטעם אַ שפּרונג געטאָן דורכן פענצטער און ער איז נעלם געוואָרן.

די ערשטע צייטן פלעגט מען נאָך קומען אויף דער דירה צו שיינדעלען זוכן מיכאל שלייפער. אָבער ער האָט זיך שוין קיינמאָל נישט באַוויזן. ערשט מיט עטלעכע חדשים שפּעטער, סוף 1907, האָט שיינדעלע באַקומען אַ בריוו פון איר מאַן, אַז זי זאָל זיך נישט זאָרגן. ער איז בשלום אָנגעקומען קיין אַמעריקע. ער וועט איר מיטן קינד אינגיכן אַריבערנעמען.

נאָכן דאָזיקן בריוו איז פאַרביי אַ פעליק יאָר און ס׳זענען מערער קיין שום ידיעות נישט געקומען פון אים. זי האָט זיך אויסגעקוקט די אויגן, אָבער — ווי אין וואַסער אַריין.

אין אַ געוויסן פרימאָרגן קומט אַריין צו איר אַורעמל, מיכאלקעס אַ קאָלעגע.

— הער מיך אויס שיינדל: דו ווייסט דאָך, אַז מיכאלקע איז געווען מיין בעסטער פריינד. איז מיין חוב צו זאָרגן פאַר זיין ווייב.

— איז וואָס ווילסטו?

— איך האָב פאַר דיר אַן אַרבעט.

— וואָס פאַראַ אַרבעט?

— איך האָב אָפּגעקויפט ביי דיין מאַן דאָס הייזל. האָב איך דאַרט אַ באַלעבאָסטע — אַן אַלטע שקאַפּע, וואָס טויג צו גאָרנישט. איך דאַרף אַזאַ איינע ווי דו ביסט.

— אורעמל, זאָרג זיך נישט אַזוי שטאַרק וועגן מיר. איך וועל מיר געפינען אַן אַרבעט צוזאַמען מיט מיין קינד.

— שיינדל, הער וואָס איך זאָג דיר: היינט איז אַ ביטערע צייט. מאָרגן־איבערמאָרגן וועט קומען דער קאָמאַרניק און אַרויסזעצן דיך פון דער דירה. און ביי מיר האָסטו ברויט מיט אַ מעסער. אַן ערלעכע פּרנסה. מאַך נישט קיין קונצן. איך קאָן דיך אַפילו נעמען מיט כוח, מיט אַ דין־תורה ביי אונדזערס אַ רב, ווייל דיין מאַן האָט ביי מיר גענומען הונדערט דאָלער אויף דער רייזע קיין אַמעריקע, דאַרפסטו זיי אָפּאַרבעטן. דאָס קינד וועט מען אַריינגעבן צו אַ שכנטע.

— אַוורעמל, שלאָג דיר דאָס אַרויס פון קאָפּ!

— באַלד קום איך אַריין מיט מיינע מענטשן און מען וועט דיך נעמען.

שיינדל איז אַרומגעגאַנגען מיט פאַרבראָכענע הענט, אַ פאַרצווייפלטע, געטוליעט צו זיך איר קינד און ביטער געוויינט.

ס'איז נישט אַוועק קיין האַלבע שעה, איז אַריינגעקומען צו איר אַ שכנה:

— שיינטשע, זיי נישט איינגעשפּאַרט, איך נעם דיין קינד, ס'עט אים ביי מיר גאָרנישט פעלן.

גלייך נאָכדעם זענען אַריינגעקומען צוויי געזונטע יונגען, האָבן איר אַ נעם־געטאָן אין דער לופטן, אַראָפּגעטראָגן איר פון די טרעפּ, גלייך אין אַ דראָשקע אַריין.

זי האָט זיך געריסן מיט אַלע כוחות, אָבער איר מויל איז געווען פאַר־שטאָפּט מיט אַ שמאַטע. ערשט קומענדיק אין זיין הייזל האָט זי געמאַכט שרעקלעכע געוואַלדן. גלייך איז צוגעקומען אַוורעמל און אַרויס מיט לשון:

— זאָל אַ רוח אין דיין טאַטנס טריפהן האַרץ אַריין מיט דיין מאַמען פאַרבראָקט. וואָס מיינסטו, איך וועל דיך קאָרמען און אויסהאַלטן דיין קינד אומזיסט? דו וועסט ביי מיר אַרבעטן! נישקשה פון אַ מויד...

שיינדל האָט געזען, אַז מיט שלעכטן וועט זי גאָרנישט אויפטאָן האָט זי געפּרוווט מיט גוטן:

— איך וויל דיר עפּעס זאָגן, אַוורעמל.

— שווייג,איך רעד איצטער. איך וויל מאַכן פון איר אַ לייט און זי בריקעט נאָך. נאַ, גיס אַריין אַ גלעזל בראָנפן, וועסטו זיך פילן בעסער...

שיינדל האָט דאָס גלעזל בראָנפן אַ שמייס־געטאָן אים גלייך אין פּרצוף אַריין.

— נאַ דיר דעם בראָנפן!

— דו פאַרעיפּושטע מויד! איך וועל דיר שוויַיגן? נאַ! נאַ!

אַוורעמל האָט איר גוט אויסגעפּאַטשט אין בײדע באַקן און נאָך אונ־טערגעהאַקט איר די זייטן. זי איז אומגעפאַלן אין חלשות.

מען האָט שנעל געבראַכט די „גיכע הילף" און אָפּגעפירט איר אין יידישן שפּיטאָל אויף טשיסטע.

**

נאָך דריי חדשים איז זי געזונט געוואָרן און מען האָט איר צוריק־געבראַכט צו אַוורעמלען אין „הייזל". אַוורעמל האָט נישט געוווּסט וואָס ער זאָל מיט איר מאַכן. די באַלעבאָסטע האָט אים געעצהט ער זאָל איר פאַרקויפן צו וואַיטעקן. ביי גויים וועט איר אפשר בעסער געפעלן. אַרויס־וואַרפן איר קאָן מען דאָך נישט... אַ רחמנות... פאָרט אַ יידיש קינד...

נאָך אין זעלבן אָוונט איז אַוורעמל געזעסן מיט וואַיטעקן אין אַ צער־קערניע און אונטערגעהאַנדלט מיט אים וועגן איבערגעבן אים אַ גוט שטיקל סחורה.

— זאָג מיר דעם אמת: פאַרוואָס ווילסטו פון איר פּטור ווערן? אויב גוטע סחורה איז זי דאָך גוט פאַר דיינעטוועגן. און הונדערט דאָלער איז אויך אַ צו גרויסער פּרייז.

— דער אמת איז, אַז ביי מיר וויל זי נישט אַרבעטן. מיט קריסטן איז עפּעס אַנדערש...

— און טאָמער וויל זי אויך ביי מיר נישט אַרבעטן?

— וועסטו מיר נישט באַצאָלן. האַלט איר דערווייל צוויי וואָכן.

זונטיק אָוונט ווערן ביי וואַיטעקן אין הייזל דערוואַרט אַ סך געסט. פיר פוילישע מיידלעך האָבן זיך אויסגעזעצט אויף אַ קאָלירטן פּלושענעם דיוואַן און אין מיטן האָט מען אַריינגעזעצט שיינדעלען. דאָרט האָט זי געהייסן זאָשאַ. די מיידלעך האָבן איר געלערנט ווי אַזוי אומצוגיין זיך מיט אַ גאַסט... זיי האָבן איר געזאָגט, אַז זייער באָס האָט פיינט קאַפּריזן. אויב

אַ מיידל פּירט זיך אויף נישט אָנשטענדיק — פאַרקויפט ער זי צו די יידן קיין אַרגענטינע. מען בינדט זי און מען נעמט זי מיט געוואַלד.

**

וואָלאַדעק מיט נאָך צוויי חברים האָבן אָפּגענומען זייער וויפּלאַטע און באַשלאָסן אַרויסצוגיין אין גאַס אַ לעב־טאָן. איינער פון זיי האָט פאַר־געלייגט אַריינצוגיין צו וואַיטעקן, אויף זלאָטע גאַס.

וואָלאַדעק האָט פאַרמאָגט אַ גוט האַרץ. אָבער די נאַטור האָט אים שטאַרק באַוועלהט. ער איז געווען אַ מיאוסער און געהאַט אַ פּנים, וואָס מ׳האָט קיינמאָל נישט געוווסט: צי דער אייגנטימער פון דעם פּנים וויינט, אָדער לאַכט.

זיינע חברים האָבן זיך אויסגעקליבן העל־בלאָנדע שיקסלעך, און וואָלאַ־דעקן איז געפעלן געוואָרן זאָשע. ער האָט איר אָנגענומען פאַרן האַנט. אָבער זי האָט זיך נישט גערירט פון אָרט.

— פאַרוואָס ווילסטו מיט מיר נישט גיין? ווייל איך בין אַ מיאוסער?

— ניין, נישט צוליב דעם.

— אלא וואָס?

— איך וויל איבערהויפּט נישט זיין מיט קיין מאַן...

— צו וואָס ביסטו אַהערגעקומען?

— איך בין גאָרנישט געקומען, מען האָט מיך אַהערצו אַריינגעוואָרפן. מען האָט אַפילו באַצאָלט פאַר מיר הונדערט דאָלער.

— ווי איז דאָס מעגלעך?

— פאַרזיכער מיר, אַז דו וועסט זיך צו מיר נישט צורירן, גייען מיר אַריין אין מיין צימער און כ׳וועל דיר אַלץ דערציילן.

— ביי מיין הייליק ערנוואָרט.

וואָלאַדעק מיט זאָשען זענען אַריין אין איר צימער. די מומע האָט זיך געריבן די הענט: סוף כל סוף וועט פון איר דאָ ווערן אַ לייט.

וואָלאַדעק מיט זאָשען זענען געווען זייער לאַנג אין זייער צימער. די מומע האָט זיך אַפילו געוווּנדערט: וואָס דויערט עס אַזוי לאַנג? אָבער זי

האָט נישט געוואָגט צו קלאַפּן אין דער טיר. אַ גאַסט איז אַ גאַסט. מען דאַרף נישט שטערן.

נאָכדעם ווי זאָשע האָט מיט ביטערע טרערן פאַרטרויט פאַר וולאַדעקן איר גאַנצע טראַגישע פאַרגאַנגענהייט, האָט ער איר אַזוי געזאָגט:

— איך וועל דיך אַרויסנעמען פון דאַנעט.

— ווי אַזוי?

— איך קום צו דיר מאָרגן אין אָוונט, אין אַ שפּעטער שעה. אין דרויסן וועט שוין וואַרטן אַ דראָזשקע. דו וועסט מיך אַראָפּבאַגלייטן פון די טרעפּ, אַזוי ווי דו גייסט און שטייסט, קיינער וועט אין גאַרנישט חושד זיין. און מיר וועלן צוזאַמען אַוועקפאָרן, גלייך צו מיר אַהיים.

— דאָס איז זייער שיין פון דיין זייט, אָבער וואָס וועט זיין ווייטער?

— ווייטער? איין עצה: דו האָסט מיט מיר חתונה. שרעק דיך נישט, איך בין נישט קיין אַלפאָנס, נישט קיין פרויען־הענדלער. איך בין אַן ערלעכער שוסטער־אַרבעטער. ווען איך האָב מיט דיר חתונה, קען איך נישט קיין אַנדערע פרויען. איין גאָט און איין ווייב.

—אָבער דו פאַרגעסט, אַז איך בין אַ ייִדישקע און דו — אַ קאַטאָליק.

— איך ווייס עס, אָבער קיין אויסוועג איז נישטאָ. דו מוזט אָננעמען מיין גלויבן.

—איך ווייס נישט וואָס כ'זאָל דיר דערויף ענטפערן.

— טראַכט גוט זאָשע און גיב אַן ענטפער. זאָשע־שיינדעלע האָט זיך אויסגעדרייט צו דער וואַנט, שטיל אין זיך געוויינט און לאַנג, לאַנג געטראַכט.

— איך מיין, אַז גאָט וועט מיר מוחל זיין די זינד. בלייבן אין אַ הייזל איז אַ גרעסערע זינד...

— זיכער וועט ער דיר מוחל זיין. סוף־סוף האָבן מיר דאָך איין און דעם זעלבן גאָט.

— און מיין קינד?

— אַז דו ביסט פאַרשוווּנדן, וועט מען זיך מיט דיין קינד פאַרנעמען. ייִדן האָבן גוטע הערצער.

מאָנטיק ביינאַכט איז זי מיט וולאַדעקן פאַרשוווּנדן.

צומאָרגנס אינדערפרי האָט וואָיטעק צוזאַמען מיט זיין מומע געמאַכט אַ גרויסע טרעוואָגע.

— ווו איז זי אַהינגעקומען?

וואָס אַן אמת האָט עס וואָיטעקן נישט שטאַרק געאַרט. פאַר זיינסטאַלבן, זאָל זי גיין מיטן קאָפּ אין דרערד! אָבער פאַר אַוורעמלען איז ער דאָך פאַראַנטוואָרטלעך. ער וועט קומען און פאָדערן, אָדער הונדערט דאָלער, אָדער זיין שטיקל סחורה.

מען האָט געמאָלדן דער פּאָליצײַ וועגן דעם גאַנצן ענין. פּאָליצײַ האָט איר אַרומגעזוכט, אָבער — זוך דעם נעכטיקן טאָג.

צייטונגען האָבן זיך פאַנאַנדערגעשריבן וועגן דעם פאַל. מען האָט פּרובירט טרעפן וווהין זי האָט געקאָנט אַנטרונען? די עפנטלעכע מיינונג איז געווען, אַז ביינאַכט האָט זיך אַריינגעכאַפּט אַ פלינקער אַלפאָנס און האָט זי גלייך פאַרקויפט צו אַ סוחר קיין אַרגענטינע.

***

וולאַדעק האָט זאָשען געלאָזן אַליין, אין זיין איינצל־צימער אויף קרו־טשע גאַס און ער איז אַראָפּגעפאָרן אין זיין פאַראַפּיע צוגרייטן די זאַך.

זונטיק האָט זיך שיינדל־זאָשע אָנגעטאָן אין יום־טובדיקע דאָרפישע קליידער און אַראָפּגעפאָרן צוזאַמען מיט וולאַדעקן אין זיין דאָרף אַריין.

דעם זעלבן טאָג איז אין דער קליינער דאָרפישער קירכע דורכגעפירט געוואָרן די שמד־צערעמאָניע און גלייכצייטיק די חתונה.

ביידע זענען צוריקגעקומען אין זיין באַשיידן צימערל.

שכנים האָבן פאַרשטאַנען, אַז ער האָט זיך געבראַכט אַ מויד פון דאָרף.

דעם צווייטן זונטיק איז וולאַדעק צוזאַמען מיט זאָשען אַראָפּגעפאָרן אין זייער דאָרף, אַלס געסט צו זיינעם אַ פעטער. די יונגע פאָר האָט דאָרט געהאַט אַ שיינע אויפנאַמע. צום מיטאָג זענען געווען פאַרבעטן דער גלח, דער וואָיט פון דאָרף, דער אַפּטייקער און אַנדערע אָנגעזעענע מענטשן פון דאָרף.

די געסט זענען געווען שטאַרק צופרידן פון די געשמאַקע מאכלים. קיינער האָט נישט געוווּסט, אַז אין צווישנצייט האָט זיך זאָשע אַריינגע־כאַפּט אין קיך און צוגעגעבן צו די פּאָטראַווועס אַ ייִדישן טעם...

נאָך מיטאָג, ווען די געסט זענען זיך שוין פֿאַנאַנדערגעגאַנגען, האָט וולאַדעק אַרויסגערופֿן זיין ווייב אין דרויסן, זיך אַוועקגעזעצט אין דער אַלטאַנקע צווישן קשאַקעס מיט בלומען, און געזאָגט צו זיין ווייב:

— האָסט געזען מיין פעטער, דעם אַלטן מאַן מיט די לאַנגע ווייסע וואָנצעס?

— געזען.

— אָט, דער פעטער איז דער גוטבאַזיצער פון אַ האַלבן דאָרף. מיינע עלטערן זענען געווען אָרעמע. ביי זייער לעבן האָט ער זיי נישט געוואָלט שטיצן. אַ שלעכטער מענטש געווען. איצטער האָט ער חרטה.

— נו, איז וואָס?

— נו, האָט ער מיר צוגעזאָגט, אַז אויב איך וועל זיין אַן אָרנטלעכער בחור, נישט נאָכלויפן יעדן טאָג אַן אַנדער מיידל, נאָר אויסגעפינען זיך איינע און חתונה האָבן — גיט ער מיר גלייך אַ גרויסע סומע געלט און אויך די ירושה שרייבט ער אָפּ פאַר מיר.

— הייסט עס, מיטאַמאָל ווערסטו אַ רייכער מאַן.

— יאָ, מיין ליבע זאָשע, איך ווער אַ רייכער מאַן.

— פאַרוואָס האָסטו די גאַנצע צייט געשוויגן?

— ווייל איך האָב מורא געהאַט, אַז דו וועסט מיט מיר חתונה האָבן נאָר צוליב דעם מאַיאָנטעק וואָס מיר שטייט פאַר.

— כאַ! כאַ! און איך האָב איצטער מורא, אַז אַלס רייכער מאַן, זאָלסטו נישט ווערן קיין שלעכטער מאַן.

—מיין טייערע זאָשע, קיינמאָל אין לעבן נישט.

וולאַדעק איז צוריקגעפאָרן מיט זיין ווייב קיין וואַרשע. צומאָרגנס איז געקומען צו אים דער פעטער פון דאָרף צוזאַמען מיט אַן אַדוואָקאַט, און אַלע דריי זענען זיי אַוועק צו אַ הויזאייגנטימער אויף מאַרשאַלקאָווסקע, און געמאַכט אַ קאָנטראַקט אויף אַ גרויס געשעפט מיט דריי וויטריִנעס.

אין אַ חודש אַרום איז אויפגעעפנט געוואָרן אַ מאָדערן שיך־געשעפט אונטער דער פירמע: וולאַדיסלאַוו סאַוויצקי. זאָשע איז געזעסן ביי דער קאַסע. איבער איר קאָפּ האָט געהאַנגען אַ קליין בילדל פון דער הייליקער מוטער מיט יעזוס קריסטוס אויף אירע קניען. זאָשע האָט קיינמאָל נישט

אויפגעהויבן דעם קאָפּ און נישט געקוקט אַהינצו. דאָס געשעפט האָט פּראָס־פּערירט און דאָס פּאָרפאָלק האָט געלעבט גליקלעך. זיי האָבן געבראַכט אויף דער וועלט צוויי זין — פּאַוועל און יאַן וועמען טאַטע־מאַמע האָבן נישט געקאַרגט קיין בילדונג.

פּאַוולען, דעם עלטערן זון, האָט עס געצויגן צו יוריספּרודענץ און ער האָט דערגרייכט אַ קאַריערע פון אַ ריכטער. דער יונגערער, יאַן, האָט גע־האַט אַ נייגונג צו טעכניק, צו בוי־אינדוסטריע און איז געוואָרן איינער פון די הויפּט־אינזשיניערן אין וואַרשעווער מאַגיסטראַט.

⁂

די שכנה וואָס האָט גענומען יאָסעלען אויפצוהאָדעווען, האָט אים טאַקע געהאַלטן ווי אַן אייגן קינד. דער מאַן איר, אַ מלמד, האָט אים מיטגענומען אין חדר אַריין. יאָסעלע האָט זיך גוט געלערנט. צו עלף יאָר האָט ער שוין געקאָנט שרייבן און לייענען. ער האָט זיך אויך אָנגעהויבן צו לערנען פּויליש.

אָבער אַז דאָס פּאָרפאָלק איז געוואָרן עלטער, און מיט פּרנסה איז גע־וואָרן אַלץ שווערער, האָבן זיי זיך געוואָנדן צו אַווראַמלען, ער זאָל זיי צאָלן חודש־געלט אויף אויסצוהאַלטן יאָסעלען.

אַווראַמל האָט זיי גוט אויסגעזידלט און גענומען דאָס ייִנגל צו זיך. ביי מיר — האָט ער געזאָגט — וועט ער שוין ווערן אַ לייט. זיין ברויט וועט ער זיך אַליין פאַרדינען.

אַווראַמל האָט איבערגעגעבן דאָס ייִנגל צו אַ חברה קעשענע־גנבים, וואָס אַרבעטן אויפן מאַרק.

דאָס קינד האָט באַקומען קלעפּ און געמוזט מיט זיי מיטגיין. צוערשט האָט ער אָנגעהויבן אַרויסציען פון אַ קיישל אַ פּאָר עפּל, באַרן, ציבעלעס — וואָס עס האָט זיך געלאָזט. אַמאָל האָט ער געפּאַקט אין קיישל אַ בייטעלע מיט געלט. שפּעטער האָט ער געלערנט אַרויסציען אַ בייטעלע פון אַ קעשענע. און געטאָן האָט ער עס אַזוי פלינק און אַזוי לייכט, אַז מ׳האָט דאָס נישט געקאָנט דערפילן. אין גניבהשן פאַך האָט ער זיך אַזוי פאַרפולקאָמט, אַז



— איר האָט נישט קיין אַרבעט?
— איך אַרבעט ווען אַלע שלאָפן...

ווען ער איז אַלט געוואָרן פיר און צוואַנציק יאָר, איז ער שוין געוואָרן אַ געניטער קאַסע־ברעכער.

איינמאָל, בעת ער איז געגאַנגען אויפן גאַנצן זיכער אויפברעכן אַ קאַסע, האָט ער פּלוצלינג דערהערט אַ טומל. ער האָט אויף שנעל איינגעפּאַקט די כלים און גענומען ציען, אָבער עס איז אים נישט געלונגען צו אַנטלויפן. מען האָט אים געכאַפּט. ס'איז אים פאָרגעשטאַנען אַ שווערער פּראָצעס, ווייל דאָס איז שוין נישט געווען צום ערשטן מאָל. דעם אַדוואָקאַט זיינעם איז קוים געלונגען אים אַרויסצונעמען אויף אַ גרויסער קויציע ביז צום משפּט.

דער אַדוואָקאַט האָט אים געזאָגט, אַז עס דראָט אים אַ שווערע שטראָף. פאַראַן נאָר איין וועג, טאַקע נישט קיין זיכערער, אָבער סיי ווי האָט איר נישט וואָס צו פאַרלירן.

— וואָסער וועג?

— מאַכט אַלע באַמיאונגען אַנצוקומען צום ריכטער. זיין נאָמען איז: פּאַוועל סאַוויצקי, אויף נייַ־וועלט 24.

**

אויף וואָלינסקע 46 שטייט אַן אַלט הילצערן הויז. פון אַלטקייט איז עס שוין צעפוילט און דאָ און דאָרט פאַלן לעבעדיקע שטיקער. דער איינציקער לאָקאַטאָר וואָס צאָלט דאָ רעגולער דירה־געלט — און טאַקע אַ הויכן פּרייז — איז אַוורעמל פונעם „פּריילעכן הייזל".

דער וואַרשעווער מאַגיסטראַט האָט באַשלאָסן איינצוּוואַרפן דאָס הויז, ווייל עס איז אַ סכנה דאָרט צו וווינען.

דער הויז־אייגנטימער איז אַוועק צום שטאָטישן הויפּט־אינזשיניער, יאַן סאַוויצקי, זיך אָפּבעטן, ער זאָל דאָס אָפּלייגן כאָטש אויף אַ יאָר צייט. אַ נישט ווערט ער רואינירט און דאַרף גיין בעטלען.

סאַוויצקי אַליין איז אַראָפּגעקומען באַטראַכטן דאָס הויז. ער איז אַריין אין יעדער דירה. אין איין צימערל האָט ער געטראָפן יאָסלען ליגן אויסגע־צויגן אויף אַן אַלטער סאָפע. דעם אינזשיניער איז דאָס פאָרגעקומען אויסטערליש.

— אַנטשולדיקט, יונגערמאַן: איר זייט נישט געזונט?

— געזונט ווי אַ פערד.

— איר האָט נישט קיין אַרבעט?

— יאָ, אָבער איך אַרבעט ווען אַלע שלאָפן.

— איר זענט אַ בעקער?

— ניין.

— וואָס דען, אַ שטייגער?

— דאָס, וואָס אַ שטאָל־גיסער שאַפט, מאַך איך קאַליע.

— איך פאַרשטיי נישט.

— איך בין אַ קאַסע־ברעכער.

— און איר האָט גאָרנישט קיין מורא מיר דאָס צו דערציילן?

— מיר איז שוין אַלץ איינס.

— פאַרוואָס?

— ווייל סיי־ווי בין איך שוין אַ באַגראָבענער, נאָך איידער איר שיקט מענטשן אויף איינצולייגן דאָס הויז. בעסער זאָל עס פאַרברענט ווערן צו־זאַמען מיט מיר און אַ סוף!

נאָך דעם קורצן דיאַלאָג האָט דער אינזשיניער פאַרלענגערט דעם טער־מין אויף דריי חדשים צייט, ביז די לאָקאַטאָרן וועלן זיך געפינען אַנדערע דירות. לענגער קאָן מען דאָ נישט וווינען, ווייל עס דראָט ממש אַ סכנה.

זונטיק, ווען די ברידער סאַוויצקי האָבן זיך צוזאַמענגעטראָפן, האָט יאַן דערציילט דעם ברודער זיינעם וועגן דער גאַנצער פּאַסירונג אויף וואָ־לינסקע 46.

פּאַוועל האָט אַלץ אויסגעהערט און געזאָגט דערויף:

— דו קענסט נישט די חברה.

— גוט. אָבער איין זאַך האָט מיך זייער פאַראינטערעסירט: ווען כ'האָב זיך גוט צוגעקוקט צו דעם פאַרשוין, האָב איך דערזען, אַז ער איז אינגאַנצן ענלעך צו דיר.

— דאָס איז גאַנץ מעגלעך. ס'איז וויסנשאַפטלעך באַוויזן, אַז יעדער טיפּ פּנים האָט ערגעץ־ווו צו זיך אַן ענלעכקייט.

— אָבער ער איז דאָך אַ ייִד.

— אַלץ איינס.

ווי אַ ריכטער, טרעפט זיך פּאַוועל סאַוויצקי מיט די פאַרשידנסטע טיפּן. צומאַל קוקט ער נישט אויף זיי, ווייל ער איז מערער אַריינגעטאָן אין די געריכטס־אַקטן.

געציילטע טעג איז יאָסלען געבליבן ביז צום משפט. ער האָט זיך אָנגענומען מיט מוט און אַוועק צום ריכטער. אָבער אַריינקומענדיק אין זיין קאַבינעט, איז ער געבליבן שטיין אויף דער שוועל ווי אָן לשון. ער האָט נישט געוווּסט פון וואָס און ווי אַזוי ער זאָל אָנהייבן.

— וואָס האָט דיך אַהערגעבראַכט צו מיר? האָט דער ריכטער געפרעגט אומגעדולדיק.

— מיין נאָמען איז יוסף שלייפער — האָט ער קוים אַרויסגעשטאַמלט — און דערביי אַוועקגעלייגט אויפן ריכטערס טיש אַ גאָלדענע סיגאַרעטן־פּושקע באַזעצט מיט בריליאַנטן. איך בעט ביי אייך רחמים: גיט מיר אַ לייכטע שטראָף.

— יידישע חוצפה! — האָט דער ריכטער אויסגעשריען מיט כעס — און אַוועקגעשליידערט די פּושקע צו דער טיר. אַרויס פון מיין שטוב!

יאָסל האָט געפּרוווט אויפצוהייבן די סיגאַרעטן־פּושקע, אָבער ער איז אומגעפאַלן ביי דער טיר און אויסגעבראָכן אין אַ יאָמערלעך געוויין:

— פון קינדוויַיז אָן האָב איך נישט קיין מזל. אַז אויסגערונען האָב איך באַדאַרפט ווערן אין מיין מאַמעס בויך.

דער ריכטער איז געררירט געוואָרן פון זיין געוויין און פון זיינע רייד. ער האָט אים געהאָלפן אויפשטעלן זיך און אַוועקגעזעצט אים אַנטקעגן זיך. ער האָט אים דערלאַנגט אַ גלאָז וואַסער און געפרעגט:

— האָסטו עלטערן? קרובים? זענען זיי אויך גנבים?

— ניין, איך האָב קיינעם נישט. מיינע עלטערן האָב איך נישט גע־קענט. איך בין אויפגעהאָדעוועט געוואָרן ביי פרעמדע מענטשן. שפּעטער האָט מען מיך אַוועקגעגעבן צו אַ חברה גנבים, וועלכע האָבן מיך געשלאָגן און געצוווּנגען צו גיין גנבענען.

— זאָג מיר — רייסט מיטאַמאָל איבער דער ריכטער — וווינסטו אויף וואָלינסקע 46?

— יאָ.

— נעם־צו די סיגאַרעטן־פּושקע. איך וועל זען וואָס מ׳קאָן מאַכן.

נאָך דעם זעלבן אָוונט האָט פּאַוועל באַזוכט זיין מוטער און דערציילט איר וועגן דער באַגעגעניש מיטן קאַסע־ברעכער. אָבער אַ מאָדנער צופאַל: ווען איך האָב זיך איינגעקוקט אין אים, איז ער אינגאַנצן ענלעך צו דיר, מוטער. נאָר אויפן שטערן, איבערן רעכטן אויג, האָט ער אַ שראַם.

דערהערנדיק די לעצטע ווערטער איז די מוטער זיינע בלייך געוואָרן, פאַרוואָרפן דעם קאָפּ אויף אַ הינטער און אָראָפּגעגליטשט זיך פון שטול.

פּאַוועל האָט איר שנעל אויפגעהויבן און דערשראָקן געפרעגט:

— מוטער, וואָס איז דיר?

— ווי רופט מען דעם קאַסע־ברעכער? — האָט די מוטער קוים אַרויס־געשטאַמלט.

— יוסף שלייפער.

די מוטער איז געפאַלן אין חלשות.

פּאַוועל האָט איר קוים אָפּגעמונטערט און געזאָגט צו איר:

— ער איז דאָך אַ ייד!

— יאָ... מיין זון. ער איז... דיינער... אַ ברודער... נאָר פון אַ ידישן טאַטן.

— אָבער... איך פאַרשטיי נישט...

— אויך איך, מיין זון, בין געווען אַ... יידישקע, נאָר אָנגענומען דעם קאַטוילישן גלויבן ווען כ׳האָב חתונה געהאַט מיט דיין פאָטער. מען דאַרף אים העלפן.

פּאַוועל איז אַוועק אַ צעטומלטער אַהיים. ער האָט גלייך באַשטעלט אויף מאָרגן יאָסלס אַדוואָקאַט מיט זיין קליענט.

— הער אַדוואָקאַט: דעם קליענט אייערן דאַרף מען העלפן. איך ווייס, עס זענען פאַראַן שמוגלער, וועלכע פירן אַדורך מענטשן איבער דער גרענעץ.

— מיט וואָס, הער ריכטער, קאָן איך אים העלפן?

— גיט אים צוריק דעם האָנאָראַר, און איך פון מיין זייט, גיב נאָך אַמאָל אַזוי פיל. און דו — ווענדעט ער זיך צום קליענט — פאַרקויף די

סיגאַרעטן־פּושקע און — זייט געזונט. איך וואַרט אויף אַ מעלדונג פון דער פּאָליציי, אַז יוסף שלייפער איז אַנטלאָפן...

***

די רייזע קיין ניו־יאָרק האָט ביי יאָסלען גענומען דריי וואָכן. ער איז אַריין אין אַ האָטעל פאַר עמיגראַנטן.

ווען דער באַלעבאָס פון האָטעל האָט דערהערט דעם נאָמען יאָסל שלייפער, האָט ער פאַרמרוזשעט די אויגן, ווי ער זאָל זיך וועלן אין עפּעס דערמאָנען און כסדר איבערגעחזרט: יאָסל שלייפער? מיטאַמאָל האָט ער אַרויסגענומען עטלעכע יידישע צייטונגען פון דער לעצטער וואָך, גענומען זוכן און אָפּגעשטעלט זיך אויף אַן אַנאָנס אין „פאָרווערטס", אַז מיכאַלקע שלייפער זוכט זיין פרוי, שיינדל און זיין זון יאָסל. ער האָט זיי געלאָזן מיט יאָרן צוריק אין וואַרשע.

דעם זעלבן אָוונט האָט שוין יאָסל זיך געפונען ביי זיין פאָטער אין שטוב.

# ר' מאיר קאסטנמאכער

## (אַ מ אָ ל י ק ע  י י ד ן)

### ק אַ פּ י ט ל  א י י נ ס

ר' מאיר קאַסטנמאַכער האָט געוווינט אין אַ יידישן הויף אין וואַרשע. זיין וואַרשטאַט האָט ער געהאַט אין ווינקל פון גרויסן הויף אונטער אַ שיפּן דאַך. שטענדיק פלעגט מען אים זען אָדער זעגן, אָדער קלאַפּן טשוועקעס אין די ברעטער.

איין מאָל אין וואָך פלעגט ער אָנפירן מיט אַ האַנטוועגעלע פאַרשידענע ברעטער: לאַנגע, קורצע, שמאָלע און ברייטע. באַלד איז אַרויסגעקומען זיין ווייב פון שטוב און ביידע צוזאַמען האָבן די ברעטער אויסגעסאָר־



ר׳ מאיר קאַסטנמאַכער האָרעוועט שווער און ביטער אויף זיין חיונה

טירט: ברייטע ברעטער באַזונדער, שמאָלע באַזונדער און קורצע ברעטלעך ווידער באַזונדער. אויפן גאַנצן הויף האָט געשמעקט פון די פרישע ברעטער, פונקט ווי אין וואַלד, ווען די זשיוויצע גיסט זיך פון די ביימער.

ר׳ מאיר האָט געהאַט אַ לאַנגע, קאַנטיקע בלייפעדער געפאַרבט אויף רויט. מיט דער בלייפעדער האָט ער געמאָסטן די ברעטער און געמאַכט דיקע צייכנס אויף זיי. נאָכדעם האָט ער גענומען אַ שאַרפע, גרויסע זעג און אַריינ־געזעגט אין די צייכנס. ס׳איז געוואָרן אַ סך קליינע ברעטער אין פאַר־שידענע מאָסן. דערנאָך האָט ער זיי צוזאַמענגענומען לויט דער מאָס, אַרויפגעלייגט זיי אויף אַ גרויסן, שטאַרקן טיש, צוזאַמענגעלייגט אַ ברעט צו אַ ברעט און אַריינגעקלאַפּט אין זיי טשוועקעס. די טשוועקעס זענען געווען נייע, גלאַנציקע און זענען אַריין אינעם האָלץ ביים צווייטן אָדער דריטן קלאַפּ פון האַמער.

דער קאַסטנמאַכער האָט פאַרמאָגט צוויי געראָטענע קינדער — אַ ייִנ־געלע און אַ מיידעלע. יאַנקעלע איז שוין געווען אין זעקסטן קלאַס און רבקהלע אין פינפטן קלאַס. נאָך די לעקציעס האָבן די קינדער ליב געהאַט צו שטיין און זיך צוקוקן צו דער אַרבעט. זיי זענען געווען גליקלעך, אַז דער טאַטע האָט זיי דערלויבט אַביסל צוצוהעלפן אַרבעטן.

ווען דער פאָטער פלעגט אַוועקגיין אין שול אַריין פאַרנאַכט דאַווענען מנחה, האָט יאַנקעלע אַ כאַפּ־געטאָן דעם גלאַטיקן האַמער, וואָס איז געווען אַ מחיה אים צו האַלטן אין האַנט. רבקהלע האָט צוגעקליבן אַ ברעטל צו אַ ברעטל און יאַנקעלע האָט אַזוי לאַנג געקלאַפּט אויף זיי, ביז די מאַמע האָט זיך געכאַפּט, אַז די קינדער זענען נישטאָ אין שטוב. זי איז גלייך אַרויס אויפן הויף און אָנגעשריגן אויף זיי: אַוועק פון דער אַרבעט קינדער. איר קאָנט נאָך עפּעס קאַליע מאַכן.

די דאָזיקע קאַסטנס האָט דער טאַטע איין מאָל אין וואָך אָפּגעפירט אין שכנותדיקן הויף, ווו ס׳איז געווען אַ גרויסע פאַבריק פון שיך. אין די קאַסטנס האָט מען אַריינגעפאַקט די שיך און געשיקט זיי קיין רוסלאַנד.

נאָכדעם ווי דער טאַטע האָט אַוועקגעפירט די קאַסטנס, האָט ער אַהיימ־געברענגט אַ סך פאַפּיר־געלט. דאָס גאַנצע געלט האָט ער אַוועקגעגעבן זיין ווייב, לאה. זי האָט געעפנט די גרויסע שאַנק, ווו ס׳איז געלעגן וועש

און אַנדערע זאַכן. אויפן דעק איז געווען אויסגעלייגט אַ ווייס פּאַפּיר. האָט זי אונטערגעהויבן דאָס פּאַפּיר און דאָרטן אַרונטערגעלייגט דאָס געלט.

— נו, — האָט זי געזאָגט צום טאַטן: אפשר שטיוועלעך פאַר יאַנ־קעלען? אַ קליידעלע פאַר רבקהלען?

— נו, נו, — האָט געענטפערט דער טאַטע.

איינמאָל איז דער טאַטע קראַנק געוואָרן און איז צוויי טעג געלעגן אין בעט. די מאַמע איז געזעסן ביי זיין בעט און דערלאַנגט אים רפואות.

— שיין אויסגעאַרבעט — שאָקלט טרויעריק מיטן קאָפּ די מאַמע.

— יאָ, יאָ, באַשטעטיקט דער טאַטע ליגנדיק אין בעט.

אינצווישן קומט אָן אַ שליח פון דער פאַבריק. ווי ער עפנט נאָר די טיר, שרייט ער: מאיר, היינטיקע וואָך איז ביי אונדז אַ פאַרגרעסערטע עקספּעדיציע. מיר מוזן האָבן נאָך אַכצן קאָסטנס.

— ש... — באַרואיקט אים די מאַמע און באַווייזט אים מיט די הענט, אַז דער טאַטע ליגט קראַנק...

זאָגט דער שליח שוין אַביסל שטילער: נו, וואָס זאָל איך מאַכן, דער פאַבריקאַנט האָט מיך אַהערגעשיקט אָנזאָגן, אַז אויב ער וועט נישט צו־שטעלן די ריכטיקע צאָל קאָסטנס, באַקומט ער נישט אויסגעצאָלט די וואָך קיין גראָשן געלט.

די מאַמע הייבט זיך אויף פון בענקל און זאָגט שטילערהייט: אפשר, אפשר וועט גאָט העלפן, ער וועט זיך אויפהייבן מאָרגן.

יאַנקעלע האָט אַ קוק געטאָן צו רבקהלען און רבקהלע צו יאַנקעלען. זיי האָבן זיך שוין ביידע גוט פאַרשטאַנען. אַזוי שנעל ווי דער שליח איז אַוועק פון שטוב, זענען זיי אַרויס אויפן הויף און זיך געשטעלט אַרבעטן.

סטעפאַן, דער זון פונעם סטרוזש, דער אייניציקער פּאָליאַק וואָס האָט געוווינט דאָרטן, איז געווען מיט צוויי יאָר עלטער פון יאַנקעלען. זיי זענען זיך געוואָרן גוטע חברים. קלאַפּן טשוועקעס איז ביי אים געווען זיין בעסט פאַרגעניגן. זעענדיק פונוויטנס ווי די קינדער אַרבעטן, איז ער שנעל צו־געלאָפן און מיט שמחה צוגעהאָלפן זיי.

שוין געווען שפּעט אין אָונט. די קלעפּ פונעם האַמער האָבן זיך דער־טראָגן דורך די פענצטער אין שטוב אַריין. די מאַמע איז דאָס מאָל נישט

געלאָפן אָנשרייען אויף זיי. זי איז געשטאַנען אין פענצטער און אַ ביסל געוויינט...

אויף מאָרגן אינדערפרי האָט די מאַמע געהאָלפן דעם טאַטן אויפהייבן זיך פון בעט. מיט איין האַנט האָט דער טאַטע זיך אָנגעלענט אויף אַ שטעקן און פאַמעלעך אַרויס אויפן הויף, ווו ס'האָט שוין געוואַרט אַ געזעל, כדי אים צו ווייזן די אַרבעט.

ווען ביידע זענען צוגעקומען צום פלאַץ פון די ברעטער, האָבן זיי דאָרט געטראָפן פופצן אויפגעקלאַפּטע קאַסטנס, וואָס די קינדער האָבן נעכטן פאַרטיק געמאַכט.

## קאַפּיטל צוויי

ווען יאַנקעלע האָט געענדיקט די שולע, איז ער שוין געווען אַ גרויסער יינגל און האָט פאַרלאַנגט מען זאָל אים רופן יעקב, און נישט יאַנקעלע.

אין אַ געוויסן פרימאָרגן זאָגט יעקב דער מאַמען, אַז היינט גייט ער צוזאַמען מיט סטעפאַנען אין אַ נייער פאַך־שול. אויב מען וועט אים אָננעמען, וועט ער שפּעטער דערציילן גענוי וועגן דער שולע.

שפּעט נאָכמיטאָג איז יעקב צוריקגעקומען אַ צעפלאַמטער, אַ גליקלעכער — מען האָט אים דאָרטן פאַרהערט אַלץ וואָס ער קאָן און מען האָט אים אָנגענומען אין דער אָפּטיילונג, ווו מען לערנט מאַכן מאַשינען. ער האָט מיטגעבראַכט פאַרשידענע מכשירים, וואָס ער האָט גלייך באַקומען אין שולע.

יעדן טאָג איז יעקב אַ פריילעכער געלאָפן אין דער שולע און ביז שפּעט אין דער נאַכט געזעסן און געמאַכט די לעקציעס. אַזוי איז פאַרביי אַ יאָר און צוויי, ער איז געווען דער בעסטער שילער אין זיין קלאַס. יעקב האָט נישט קיין סך גערעדט מיט טאַטע־מאַמע, ווייל ער האָט נישט קיין צייט געהאַט. ער האָט זיך אויך רעכט נישט צוגעהערט צו דעם וואָס זיי רעדן. איינמאָל האָט ער צופעליק אונטערגעהערט ווי דער טאַטע זאָגט: יאָ, זיי לערנען זיך גוט, די קינדער, אָבער די הוצאות פאַרגרעסערן זיך און די הכנסות ווערן קלענער, ווייל די כוחות ווערן שוואַכער.

די דאָזיקע ווערטער זענען יעקבן אַריין אין קאָפּ און האָבן אים שטענ־דיק געעקבערט דעם מוח. פון דעמאָלט אָן פלעגט ער אַרומגיין טרויעריק און פאַרטראַכט.

דער שול־דירעקטאָר איז איינמאָל צו אים צוגעשטאַנען, ער זאָל אים זאָגן פאַרוואָס ער איז אַזוי טרויעריק? יעקב האָט זיך אויף אַ מינוט פאַר־קלערט און געענטפערט, אַז זיין טאַטע נויטיקט זיך אין אַזעלכע מאַשינען, וואָס זייער פאַבריק אַרבעט־אויס.

אויף צומאָרגנס איז אַראָפּגעקומען צו זיי אַהיים דער סעקרעטאַר פון דער שולע. אַרומגעקוקט זיך אין די צוויי צימערן, באַטראַכט דעם פּלאַץ אויפן הויף וווּ דער טאַטע האָט געאַרבעט. נאָכדעם ווידער אַריין אין שטוב, לאַנג געשמועסט מיטן טאַטן און מיט דער מאַמען, געגעבן זיי פּאַפּירן אונ־טערצושרייבן און איז אַוועק.

מיט צוויי וואָכן שפּעטער איז געקומען צו פאָרן אויפן הויף אַרויף, אַ גרויסער לאַסט־אויטאָ, פון וועלכן מען האָט אַראָפּגענומען פאַרשידענע מאַשין־טיילן און מכשירים. באַלד נאָכדעם האָבן פיר מענטשן — אַן אינזשי־ניער, עלעקטראָ־מעכאַניקער און צוויי עלטערע שילער — גענומען איינ־סטאַלירן די מאַשינען. דאָס האָט געדויערט אַנדערטהאַלבן טעג.

דער טאַטע האָט שוין מער נישט געזעגט די ברעטער. ער האָט נאָר געמאַכט די זעלבע צייכנס מיט דער בלייפעדער און אַריינגעלייגט די ברע־טער אין דער מאַשין אונטער אַ שטאָלענעם ראָד, וואָס איז געווען אינגאַנצן ענלעך צו אַ זעג מיט אַ סך ציינער. ער האָט נאָר געדאַרפט אַ דריק טאָן ביים עלעקטרישן קנעפּל, האָט זיך גענומען דרייען דאָס ראָד און ס׳האָט אָנגעהויבן צו זעגן איין ברעט נאָכן אַנדערן. דער טאַטע איז נאָר בלויז גע־שטאַנען און אָפּגעהיטן אַז ס׳זאָל שניידן ריכטיק לויטן צייכן. אויך קיין טשוועקעס האָט דער טאַטע מער נישט געדאַרפט קלאַפּן. ס׳איז גענוג געווען אַ דריק אויפן עלעקטרישן קנעפּל און די טשוועקעס זענען מיטאַמאָל אַריין אין האָלץ.

מיט אַכט חדשים שפּעטער האָט יעקב געענדיקט די פאַך־שול. דער שול־דירעקטאָר האָט אים פאַרגעלייגט אַן אַרבעט אין אַ גרויסער צוקער־

פאַבריק. ווען נישט קאָן ער אויך באַקומען אַרבעט אין דער זעלבער שולע, און אין צוויי יאָר אַרום וועט ער קאָנען ווערן אַ לערער דאָרט.

אַהיימקומענדיק האָט ער דאָס אַלץ דערציילט דער מאַמען און געוואָלט הערן איר מיינונג. די מאַמע האָט דאָס אַלץ אויסגעהערט מיט פרייד און צו אים אַזוי געזאָגט:

— הער אויס, מיין קינד: אמת, דער טאַטע אַרבעט איצטער פיל לייכ־טער, אָבער פון די אַלע יאָרן שווערע אַרבעט איז ער דערשעפּט און אָפּ־געשוואַכט. דאָקטוירים זאָגן, אַז ער מוז אומבאַדינגט אַ האַלב יאָר צייט זיך אָפּרוען אויף דער פרישער לופט אין אַ דאָרף.

יעקב האָט קיין סך נישט אַריינגעטראַכט און געזאָגט צו זיין מוטער: איך בלייב אינדערהיים.

צומאָרגנס איז יעקב שוין געשטאַנען ביי די מאַשינען און די קאַסטנס זענען געפלויגן פון אונטער זיינע הענט.

## קאַפּיטל דריי

דער טאַטע איז אַרויסגעפאָרן קיין וואָלאָמין. דאָס איז אַ קליינע באַן־סטאַציע נאָענט פון וואַרשע, וועלכע איז אַרומגערינגלט מיט וועלדער. זו־מער־צייט פאָרן אַרויס אַהינצו פיל וואַרשעווער יידישע משפחות, בעיקר בעלי־מלאכות און נישט קיין רייכע מענטשן, כדי צו געניסן פון דער פריי־שער, גוטער לופט.

דער טאַטע האָט זיך דאָ געפילט נישט זייער גוט, ווייל ער איז געווינט געווען צו דער אַרבעט, צוגעבונדן געווען צו זיין משפחה, און דאָ האָט ער געמוזט לעבן אַליין, אָפּגעזונדערט, ווייל זיין געזונט האָט עס אַזוי געפאָ־דערט. אָבער אַזוי ווי אַ מענטש קען נישט לעבן אָן געזעלשאַפט, האָט זיך דער טאַטע דאָרטן באַפריינדעט מיט עטלעכע יידן וואָס ער פלעגט זיך מיט זיי טרעפן יעדן טאָג אין בית־המדרש.

איינמאָל איז אַראָפּגעקומען קיין וואָלאָמין אַ ייד, אַ גרויסער ציוניסט, וואָס איז אַרומגעפאָרן כמעט די גאַנצע וועלט. אַזוי האָט ער דערציילט.

דעם שבת זענען די וואָלאָמינער יידן, נאָכן עסן, נישט געגאַנגען שלאָפן

ווי געוויינלעך, נאָר גלייך צוריקגעגאַנגען אין בית־המדרש. דער שמש איז אַרויף אויפֿן באַלעמער, אַ קלאַפּ געטאָן אין שטענדער און מודיע געווען, אַז מיר שטעלן זיך שוין דאַווענען מנחה, ווייל פֿון מנחה ביז מעריב וועט פֿאָרקומען אַן אסיפה וועגן ארץ הקודש.

נאָכדעם ווי מען האָט אָפּגעדאַוונט מנחה, איז דער ארץ־ישראלדיקער ציוניסט אַרויפֿגעגאַנגען אויפֿן באַלעמער, זיך אָנגעטאָן אין אַ טלית, אַראָפּגענומען אַ ברייטן שוואַרצן הוט, אָנגעטאָן אַ קליין בלוי־ווייס קאַפּעלע אויפֿן קאָפּ און אָנגעהויבן זיין רעדע:

— רבותי: איך ברענג אייך אַ גרוס פֿון אונדזער הייליק לאַנד, פֿון דעם לאַנד, ווו אונדזערע אבות אבותינו זענען נקבר געוואָרן; פֿון דעם לאַנד, צו וועלכן מיר גאַרן און בענקען שוין קרוב צוויי טויזנט יאָר און מיר בעטן דריי מאָל אַ טאָג ותחזינו עינינו בשובך לציון ברחמים.

לאַנגע יאָרן איז דאָס לאַנד געשטאַנען וויסט און פֿאַרלאָזן, ביז ס׳איז געקומען דער גדול הדור, ד״ר תיאודור זאב הרצל, וועלכער האָט אויפֿגעוועקט אונדזערע ברידער פֿון שווערן שלאָף. מען האָט זיך אַרומגעזען: „אם אין אני לי מי לי״. ווי לאַנג וועלן מיר נאָך אַרומוואַנדערן ווי די ציגיינער איבער דער וועלט און זיין צו שפּאָט און צו שאַנד פֿון די פֿעלקער.

איצט האָבן מיר די בעסטע מעגלעכקייטן אויסצוקויפֿן צוריק אונדזער לאַנד. אויף יעדן יידן ליגט אַ הייליקער חוב צו באַטייליקן זיך אין דער אַרבעט און אויסקויפֿן אַ שקל.

די וויכטיקסטע זאַך איז, אַז יידן זאָלן פֿאָרן קיין ארץ־ ישראל. רייך און אָרעם, קליין און גרויס — אַלץ זאָל פֿאָרן. דאָס לאַנד איז פֿריי, פֿאַר יעדן איז דאָ אַ פּלאַץ אין דעם אַלט־נייעם ציון.

אין דאָזיקן גייסט האָט ער גערעדט ביז ס׳איז געוואָרן פֿינצטער און מען האָט זיך געשטעלט דאַווענען מעריב.

באַלד ווי מען האָט אָפּגעדאַוונט מעריב און געמאַכט הבדלה, האָבן זיך אַוועקגעזעצט ביי אַ לאַנגן טיש עטלעכע ייִנגע בחורים און אייניקע רייכע אָנגעזעענע בעלי־בתים, סוחרים. זיי האָבן פֿאַנאַנדערגעוויקלט לאַנגע גרויסע פּאַפּירן און פֿאַרשריבן מתפּללים כדי אין דער וואָכן צו גיין צו זיי און פֿאַרקויפֿן די שקלים.

דערנאָך האָט איינער פון די רייכע בעלי־בתים געמאָלדן, אַז ער מאַכט איצט אַ רשימה פון די מענטשן, וואָס זענען גרייט צו פאָרן קיין ארץ ישראל.

דער ערשטער האָט זיך געמאָלדן דער שמש פון בית־המדרש. ער זאָגט, אַז א לעבן לאַנג האָט ער זיך דאָ אָנגעפייניקט, וויל ער אויף דער עלטער געניסן פון ארץ־ישראל.

דער צווייטער האָט זיך געמאָלדן אַ ייד, אַ קאָלעקטאָר, אָבער בתנאי אַז אַלע וואָלאָמינער יידן זאָלן אַריבערפאָרן אַהינצו. אויב נישט צו וועמען וועט ער פאַרקויפן זיינע לאָטעריע־צעטלעך?

דער דריטער האָט זיך געמאָלדן מאיר, דער סטאָלער. ער טענהט: אַזוי ווי אַרבעטן איז אים נישט דערלויבט, פאַקטיש לעבט ער שוין דערפון וואָס זיין זון אַרבעט, וועט ער איינפּאַקן זיינע זאַכן, נעמען זיין ווייב מיט דער טאָכטער און אויך גיין קיין ארץ־ישראל.

דער פערטער האָט זיך פאַרשריבן דער רייכער בעל־הבית אַליין, אָבער בתנאי, אַזוי ווי ער האָט איצטער פאַרברייטערט זיין קראָם און זי גייט אים זייער גוט, און אַזוי ווי ער האָט צוויי מיידלעך וואָס וואַקסן אונטער, רעכנט ער, אַז אין עטלעכע יאָר אַרום, אם ירצה השם, וועט ער די טעכטער אויס־געבן אין פריידן, איבערלאָזן זיי די קראָם און אַליין מיט זיין יידענע גיין קיין ארץ־ישראל.

די פינפטע האָבן זיך אָנגעמאָלדן צוויי יונגע חברה־לייט. זיי האָבן געזאָגט, אַז שוין גלייך, אפילו מאָרגן זענען זיי גרייט צו פאָרן. אָבער בתנאי, אַז דער רייכער בעל־הבית זאָל אויך באַלד פאָרן אויף צומאָרגנס, און מיט־נעמען אַהינצו סיי די טעכטער זיינע און סיי זיין געלט. אויב, זאָגן זיי, דער רייכער ייד וועט נישט פאָרן, ביי וועמען וועלן זיי, די יונגע יידן, די אַרבע־טער, געפונען אַרבעט?

ווי נאָר די בחורים האָבן אָפּגערעדט איז ווידער אויפגעשטאַנען דער רייכער, שיינער בעל־הבית און געמאָלדן אַז, אַזוי ווי די צוויי יונגע בחורימ־לעך האָבן גרויס חוצפה, האָבן נישט קיין דרך־ארץ פאַר אַ בן־תורה, אַ בכבודיקן סוחר אין שטאָט, און אַזוי ווי אַזעלכע חוצפהדיקע צוציקעס זענען אַריינגעגאַנגען אין דער חברה ציוניסטן, טאָ פּאַסט עס נישט פאַר זיין כבוד,

אַז ער זאָל אויך זיין אַ חבר דאָ און דעריבער טרעט ער ארויס און זאָגט זיך אָפּ פון אַלעמען.

באַלד איז געוואָרן אַ שטיקל טומל: „וואָס וועט זיין? וואָס וועט זיין ווייטער מיט ארץ ישראל״? דער שמש האָט אָנגעהויבן פאַרלעשן די לאָמפּן און ביסלעכווייז איז זיך דער עולם פאַנאַנדערגעגאַנגען.

אויף צומאָרגנס זענען געגרינדעט געוואָרן אין שטעטל צוויי ציוניס־טישע חברות. איינע פון רייכע בעלי־בתים און חסידים, וועלכע האָלטן טאַקע פון ארץ־ ישראל, אָבער זיי וועלן נאָך אַביסל צוואַרטן. און די צווייטע חברה — פון יונגע בחורים און בעלי־מלאכות, וועלכע זענען גרייט צו פאָרן באַלד, אָבער מען זאָל זיי געבן אויף הוצאות.

## קאַפּיטל פיר

צו האָרבסט צו איז דער טאַטע אַהיימגעקומען און פאַרגעשטעלט זיין פּלאַן וועגן פאָרן קיין ארץ־ישראל. די מאַמע האָט נישט אַרויסגעוויזן קיין גרויסן חשק צום גאַנצן פּלאַן. זי האָט געטענהט, אַז דאָס ארץ־ישראל, דאָס ציון וועגן וועלכן מען רעדט אין דאַווענען, פאַרשטייט זי זייער גוט, אָבער ווי אַזוי קען מען איבערלאָזן די היים און פאָרן אין אַ פרעמד לאַנד אַריין — פאַרשטייט זי נישט.

די טאָכטער, רבקהלע איז געווען זייער צופרידן, ווייל אין וואַרשע זע־נען אויך שוין געהאַט אַנטשטאַנען ציוניסטישע גרופּן פון יוגנט, ווו זי איז טאַקע געווען אַ מיטגליד.

יעקב, ווידער, האָט געטענהט, אַז דער גאַנצער פּלאַן געפעלט אים נישט. צו וואָס זאָל מען צעברעכן אַ פאַמיליע און פאַרלאָזן די אייגענע היים? יידן לעבט זיך טאַקע נישט גוט, אָבער צו וואָס זאָלן יידן אַנטלויפן? און בויען אויפסניי אַ יידיש לאַנד, — האָט ער געזאָגט, — איז פונקט אַזוי שווער, ווי שווער ס'איז אַוועקצושטעלן אַ שיינעם פּאַלאַץ אין דער לופטן.

אָבער סוף־כל־סוף האָט יעקב מסכים געווען. אויב דער פאָטער מיינט, אַז ס' איז פאַר אים אַזוי גוט, מילא, טאָ זאָלן זיי פאָרן און ער וועט צוהעלפן מיט אַלע מעגלעכקייטן.

פון דעמאָלט אָן האָט דער טאַטע זיך שוין נישט מער אינטערעסירט מיט דער אַרבעט. האָט געלאָזן די גאַנצע אַרבעט פאַר יעקבן און אַליין איז ער אַוועק אין די פאַרשידענע אַמטן אויסאַרבעטן פאַר זיך, פאַר זיין ווייב און רבקהלען אַ פּאַספּאָרט צו פאָרן קיין אויסלאַנד. אינצווישן האָט ער באַקומען אַ בריוו פון דער ציוניסטישער חברה מיט אַן אַדרעס פון אַ יידישן האָטעל אין אָדעס.

ווען ער איז געקומען קיין אָדעס אין האָטעל אַריין, האָט מען שוין טאַקע געוואַרט אויף אים, און מען האָט אים אַוועקגעפירט צום טערקישן קאָנסול נאָך אַ וויזע. צוויי טעג איז ר' מאיר מיט זיין פאַמיליע געזעסן אין האָטעל און געוואַרט ביז ס'איז געווען אַ שיף צו פאָרן. אַז זיי זענען צוגעקומען צום פּאָרט און דערזען אַזויפיל שיפן, גרויסע ווי די הייזער, וועלכע שאָקלען זיך און אַזויפיל הילצערנע בריקלעך מיט טרעפּ פאַרוואָרפן צו די שיפן, און אַזויפיל פעק און אַזויפיל אָפּגעריסענע, באַוואַקסענע קאַצאַפּן, וואָס שלעפּן די פעק, און אַזאַ גרויסער טומל און אַ גערעדעריי אויף אַזעלכע שפּראַכן, וואָס זיי פאַרשטייען דאָס נישט — איז זיי געוואָרן אומהיימלעך...

די מאַמע האָט גלייך געזאָגט צום טאַטן: „מאיר, איך בעט דיך, לאָמיר פאָרן צוריק אַ היים. דאָס האַרץ צאַפּלט אין מיר. וואָס ווען מיר זיך עפּעס לאָזן אויף ימען"?

ר' מאיר אַליין איז אויך געווען צעטומלט און דערשראָקן, אָבער ער האָט געטענהט צו זיין ווייב: נאַרישע יידענע וואָס דו ביסט, מיר זענען דען אַליין? טו אַ קוק וויפל מענטשן פאָרן מיט דער שיף. קיינער האָט נישט קיין מורא נאָר דו. וואָס, די אַלע זענען נישט קיין יידן? אַראַבער, טערקן, גריקן? נו איז וואָס? אָבער מענטשן זענען זיי דאָך. וועלכער מענטש וויל דאָס ווערן דערטרונקען און נישט דערפאָרן צום ברעג? קום מיט אַלע צוזאַמען. מען פאָרט נאָר צוויי וואָכן און נאָכדעם זענען מיר גלייך אין ארץ־ישראל.

רבקהלע האָט זיך אויך, טיף אין האַרצן, געשראָקן, אָבער ס'האָט איר באַגלייט ביזן שיף אַ יונגער בחורל — אויך אַ חבר פון דער חברה ציוניסטן. ער האָט מיט איר די גאַנצע צייט גערעדט און זי האָט דערוויל פאַרגעסן די שרעק אין האַרצן.

סוף־סוף זענען זיי אַרויף אויפן שיף. יעדע גרופּע, יעדע פאַמיליע, האָט פאַרנומען אַ שטיקל פּלאַץ אויף דער פּאָדלאָגע פון דעם אומגעוויינטלעכן צימער און אויסגעשפּרייט אויף דעם פּלאַץ זיינע זאַכן. ס׳האָט געהייסן: דאָס אָרט געהערט צו זיי ווי לאַנג זיי פאָרן.

רבקהלע האָט נישט געקאָנט איינזיצן אונטן, אין דער פינצטערער קאַיוטע און אַרויף אויפן דעק צו זען די ליכטיקע וועלט. די מוטער האָט נישט געקאָנט דערלויבן, אַז רבקהלע זאָל אַרויס אַליין אין אַזאַ טומל פון שוואַרצע מענטשן, איז זי איר נאָכגעגאַנגען, און אַז זיי ביידע זענען אַרויס, איז שוין ר׳ מאיר אויך אַרויס אויבן.

די מאַטראָסן האָבן אָנגעהויבן מיטאַמאָל צו שרייען אויף רוסיש און אויף טערקיש, אַז אַלע מענטשן וואָס פאָרן נישט, מוזן גלייך פאַרלאָזן די שיף. ס׳איז געוואָרן אַ טומל, אַ סך מענטשן זענען אַראָפּ פון שיף, דאַן האָבן די מאַטראָסן אָנגעהויבן צו שלעפּן גראָבע שטריק און דרענגער.

מיטאַמאָל האָט זיך דערהערט אַ שרעקלעכער פייף. ס׳איז געווען ווי אַ שטאַרקע חיה ריטשעט איידער מען גייט איר שעכטן. דאָס האָט אָנגעוואָרפן אַ שרעק אין די הערצער פון די פאָרערס. די איינציקע וואָס האָבן זיך נישט גענומען צום האַרצן דעם פייף, דאָס זענען געווען די מאַטראָסן.

ענדלעך האָט די שיף גערירט פון אָרט. פון דערווייטנס אויף דער יבשה האָבן די מענטשן גענומען פאָכן מיט זייערע ווייסע נאָזטיכלעך צו די אָפּפאָרנדיקע אויפן שיף.

פּאַמעלעך האָט זיך די שיף דערווייטערט פון ברעג. די שיף האָט זיך געשניטן אין די בלוילעך־גאָלדענע כוואַליעס מיט אַ ווייסן שוים באַדעקט. אַ ווינטל פון דער שטאַרקער ים־לופט האָט אָנגעהויבן צו בלאָזן און אַלע־מען ווי פאַרשיכורט. מחנות מעוועס זענען נאָכגעלאָפן די שיף און ווי באַ־רואיקט די געמיטער פון די רייזנדע.

ביסלעכווייז האָבן די מענטשן זיך צוגעוווינט צו דער קעלער־קאַיוטע און צו דעם לעבן אויף דער שיף.

עטלעכע טעג איז דער ים געווען רואיק. אָבער איינמאָל, אינמיטן נאַכט איז אויסגעבראָכן אַ שטורעם און די שיף האָט זיך גענומען וואַרפן אַזוי, אַז אַלע פּאַסאַזשירן האָבן זיך אויפגעכאַפּט דערשראָקענע, צעטומלטע. די

נאַכט איז געווען אַ פינצטערע, אַז מען האָט די פינצטערניש געקאָנט אָנטאַפּן מיטן האַנט. שווערע כוואַליעס האָבן זיך געהויבן איינע הינטער די אַנדערע, ס'האָט אויסגעזען ווי איין כוואַליע וויל איינשלינגען די צווייטע. די מאַסטן האָבן זיך געשנייטן אין דער שטורמישער לופט און געוואָיעט ווי בייזע חיות. פון מויל צו מויל האָט זיך געטראָגן די פינצטערע בשורה, אַז דער ים איז אומרואיק... די מענטשן זענען שוין מער נישט געגאַנגען שלאָפן און געהאַלטן וואַך זייערע אַלע חושים צו דער סכנה אויפן ים... זיי האָבן זיך געטרייסט, אַז ווי נאָר די נאַכט וועט אַריבער, וועט זיך אויך דער שטורעם איינשטילן. אַזוי איז מען געלעגן אין אַנגסט־שרעק אין דערוואַרטונג אויפן טאָג ווי אויף אַ דערלייזער.

מיטן אויפבראַך פון פרימאָרגן האָט מען ערשט דערזען, אַז די לאַגע איז אַ געפערלעכע. די שיף האָט זיך געוואָרפן ווי אַ שפּילצייג צווישן די בייזע כוואַליעס. יעדעס מאָל ווען די שיף האָט זיך אַ וויג־געטאָן, האָט אַריינגעפּלייצט אַ כוואַליע קאַלטע געזאַלצענע וואַסער. די מאַטראָסן, צו־זאַמען מיט די ענערגישע פּאַסאַזשירן, זענען געשטאַנען און געשעפּט דאָס וואַסער. די שיף האָט זיך אַזוי האַסטיק אָנגעהויבן וואַרפן און שליידערן, אַז פאַרשידענע חפצים, געשיר, קאַסטנס, זענען אומגעפאַלן און זיך גע־וואַלגערט איינס אויפן צווייטן. מענטשן האָבן זיך געוואַקלט און זיך קוים איינגעהאַלטן נישט אומצופאַלן. זיי זענען געגאַנגען ביי די ווענט, האַלטנ־דיק זיך ביי די שטריק. די פרויען און קינדער האָבן אויפגעהויבן אַ יללה און אַ סך פון זיי זענען געלאָפן צום קאַפּיטאַן מיט אַ יאָמערלעך געוויין.

דער קאַפּיטאַן וואָס איז געשטאַנען אויבן אויף אַ גאַניקל האָט געהאַט אַ שטרענג־פינצטער פנים, ווי דער בייזער פרימאָרגן. ער האָט באַפוילן די מאַטראָסן נישט צוצולאָזן קיינעם צו זיך. די מאַטראָסן זענען לויט די באַ־פעלן פון קאַפּיטאַן געלאָפן אַהין און אַהער, אַראָפּגעלאָזט אַנקערס, געצויגן שטריק, אַריינגעלאָזן אין וואַסער דרענגער.

לאה האָט אויך געוואָלט לויפן צום קאַפּיטאַן, אָבער זעענדיק ווי איר מאַן זיצט שטיל אומבאַוועגלעך און זאָגט תהילים, האָט זי זיך אַביסל פאַר־שעמט און צוגעגעבן: נו, יאָ, וואָס קאָן אונדז דער קאַפּיטאַן העלפן? מיר זענען אַלע אין די הענט פון דעם גרויסן קאַפּיטאַן, וואָס זיצט אויבן.



די לידער פון די רוסישע מאַטראָסן האָבן געמאַכט בענקען און צאַפּלען זיין האַרץ

די יונגע יידן זענען אַרויסגעלאָפן פון דער קאַיוטע אויבן, כדי מיט וואָס נישט איז צוצוהעלפן די מאַטראָסן. די עלטערע יידן זענען געבליבן אונטן און געזאָגט תהילים.

די רוסן וואָס זענען געפאָרן צום הייליקן קבר פון קריסטוס קיין ירושלים, האָבן געקניט און זיך גע׳צלמ׳ט. אַראַבער און טערקן זענען געפאַלן אויף אַלע פיר צו דער ערד, דעם קאָפּ איינגעבויגן און געבעטן צו אַללאַ.

דער קאַפּיטאַן האָט זיך געראַנגלט מיט אַלע כוחות כדי צו לענקען די שיף אין אַ רונדקרייז. אַזוי אַ געוויסע צייט ביז די שיף איז סוף־סוף דער־שווומען נישט ווייט פון אַ פּאָרט וואָס הייסט סמירנא (דאָס איז שוין געווען נישט ווייט פון ארץ־ישראל).

די שיף האָט אָנגעהויבן פייפן מיט אַלע כוחות. באַלד זענען אַרויסגע־קומען פון פּאָרט עטלעכע קלענערע שיפן. די מאַטראָסן פון די דאָזיקע קליינע שיפן האָבן פאַרוואָרפן שווערע דיקע שטריק אויף דער גרויסער שיף. מיט דער הילף פון די דאָזיקע קליינע שיפן צוזאַמען מיטן כוח פון דער גרויסער שיף, איז זי אַריינגעפאָרן אין פּאָרט און אויף אַזאַ אופן זיך געראַטעוועט.

צוויי טעג און צוויי נעכט איז מען געשטאַנען אין דאָזיקן פּאָרט ביז דער שטורעם האָט זיך איינגעשטילט אויפן ים און דער וועטער איז געוואָרן שענער.

ס׳האָבן זיך געשטעלט וואונדערלעכע טעג און נעכט. נאָך אַזעלכע טעג איז מען אַראָפּ שלאָפן מיט אַ געשמאַקן שלאָף. נאָר די יוגנט קאָן זיך נישט אַזוי לייכט געזעגענען מיטן ים און גייט אַראָפּ שלאָפן שפּעטער.

איינמאָל איז געווען אַזאַ העלער, אויסגעשטערנטער הימל, די לופט איז געווען אָנגעפילט מיט אַזאַ זיסן אַראָמאַט, וואָס האָט פאַרשיכורט. די מאַסטן האָבן זיך אויך דאָס מאָל געשניטן אין דער לופטן, אָבער דאָס איז שוין געווען אַ וואָרקען ווי פון טויבן. די שיף האָט זיך געגליטשט אויפן וואַסער ווי אויף אַ שפּיגל.

אין יענער נאַכט האָבן זיך אויסגעזעצט עטלעכע מאַטראָסן אין מיטן שיף אין אַ קרייז. איינער האָט געשפּילט אויף אַ מאַנדאָלינע רוסישע פאָלקס־לידער און די איבעריקע האָבן צוגעזונגען. דאָס מאָל האָט ר׳ מאיר נישט

געקאָנט פּועלן ביי זיך אַזוי גיך אַראָפּצוגיין אין דער קעלער־קאַיוטע און גיין שלאָפן.

וואָס מען האָט געשפּילט דאָרט אויף דער מאַנדאָלינע האָט ער נישט געוווּסט, אָבער דאָך זענען אים די טענער געווען אַזוי באַקאַנט, אַז זיי האָבן געמאַכט בענקען און צאַפּלען זיין האַרץ. די טענער האָבן אים דערמאָנט אין זיין לאַנד וואָס ער האָט פאַרלאָזט, אין זיין היים, אין זיין בית־המדרש, ווו ער האָט געדאַוונט און יעדן אָוונט געלערנט, אָן זיינע אַלע פריינד מיט וועלכע ער האָט זיך דאָרטן באַגעגנט, אָן זיין איינציקן, איבערגעגעבענעם זון, — און פאַרקלעמט האָט אים דאָס האַרץ אַזש ביז טרערן. צו וואָס אייגנטלעך האָט ער דאָס אַלץ פאַרלאָזן?

אין אַ ווינקל פון שיף האָבן יידישע בחורים און מיידלעך געבילדעט אַ באַזונדערע גרופּע און געזונגען ציוניסטישע, העברעאישע לידער. די טענער פון די דאָזיקע לידער זענען ר׳ מאירן געווען אַביסל פרעמד, אָבער די ווערטער זענען אים געווען באַקאַנט. דאָס זענען דאָך געווען העברעאישע ווערטער אַרויסגענומענע פון די הייליקע ספרים.

צוהערנדיק זיך אַ ווײַלע צו די דאָזיקע העברעאישע לידער זענען פאַרשוווּנדן זיינע פריערדיקע מחשבות. ער איז שוין מיד געווען פון ווייטער צו טראַכטן און איז אַראָפּ אין דער קאַיוטע.

## קאַפּיטל פינף

אין אַ גראָען פאַרוואָלקנטן פרימאָרגן האָט זיך די שיף דערנענטערט צום פאָרט פון יפו. מענטשן זענען אַרויס פון דער קאַיוטע און אָנגעשטרענגט געקוקט אין דער ווייטקייט. פריער האָט מען געזען נאָר פאַרוואָלקנטע בערג. ווער ס׳האָט געהאַט גוטע אויגן אָדער פאַרגרעסער־גלעזער, האָט געקאָנט שוין מערקן סילועטן פון הייזער. אַזוי האָבן די מענטשן געקוקט אין דעם ווייטן פאַרויס ביז די שיף האָט זיך אַלץ מערער דערנענטערט און די זון האָט לאַנגזאַם אָנגעהויבן אַרויסצוגיין, דורכשפּאַרן זיך און פאַר־טרייבן די וואָלקנס. איצטער האָט מען שוין גאַנץ קלאָר געזען עפּעס משונה־

דיקע טונקעלע מויערן מיט פירעקיקע לעכער. אַט די מויערן טוליען זיך איינע צו דער צווייטער, איינע אויפֿן צווייטן און ס׳זעט אויס, ווי אַ גרופּע אַלטע, אָפּגעריסענע בעטלער טוליען זיך איינער צום צווייטן פֿאַרן פֿראָסט.

נאָר אָט האָט די שיף געאַנקערט אין פּאָרט. באַלד איז זי אַרומגע־רינגלט געוואָרן מיט קליינע שיפלעך. פֿון דאָרטן האָבן זיך דערהערט פֿאַר־שידענע ווילדע, אומפֿאַרשטענדלעכע קולות פֿון אַראַבער, וואָס קיינער האָט זיי נישט פֿאַרשטאַנען. די אַראַבער האָבן פֿלינק אַרויפֿגעקלעטערט אויף דער שיף. עפּעס משונהדיקע מענטשן מיט ברייטע הויזן אַזוי ווי רעגנ־שירעמס. די קעפּ פֿאַרוויקלטע מיט דיקע טיכער, און פּנימער אַזעלכע ברוינע ווי קופּער און אויגן אַזעלכע ברענענדיקע און זוכנדיקע...

די אַראַבער זענען אַרומגעלאָפֿן איבערן שיף, געכאַפּט פֿון יעדן פּאַ־סאַזשיר זיינע פּעק, צונויפֿגענומען אויף איין פּלאַץ כדי זיי אַראָפּצופֿירן אין צאָל־קאַמער.

געווען פּאַסאַזשירן וואָס האָבן זיך דערשראָקן פֿאַר די אַראַבער, מיי־נענדיק, אַז דאָס זענען אַ באַנדע ים־רויבער אָנגעפֿאַלן און רויבן דאָס אַוועק דעם גאַנצן פֿאַרמעגן זייערן. צווישן זיי איז אויך געווען ר׳ מאיר סטאָלער מיט זיין פֿאַמיליע, וועלכע זענען אַזוי צעטומלט געוואָרן, אַז זיי האָבן זיך אַוועקגעזעצט אויף זייערע פּעקלעך און נישט געלאָזן זיי אָנרירן. זיי זענען אַזוי לאַנג געזעסן ביז ס׳איז צוגעקומען צו זיי אַ מענטש מיט אַ רויטן טערקישן טאַרבוש, — גערעדט האָט ער צו זיי אויף יידיש, — און געזאָגט: האָט נישט קיין מורא פֿאַר די אַראַבער, זיי זענען מיינע אַראַבער, ס׳וועט אייך גאָרנישט פֿעלן, קומט מיט מיר. איך פֿיר אייך אין אַ כשרן יידישן האָטעל.

הערנדיק אַ יידיש וואָרט איז זיי אַראָפּ אַ שטיין פֿון האַרצן. כאָטש אינגאַנצן זיכער זענען זיי נישט געווען, צי דאָס איז נישט קיין אַראַבער, וואָס האָט זיך אויסגעלערנט רעדן יידיש.

אינצווישן האָט דער דאָזיקער מענטש אויך געשריגן און געמאַכט מיט די הענט צו די אַראַבער אַזוי, אַז מען האָט דערזען פֿון אונטער זיין וועסט אַ טלית־קטן. דאָס האָט שוין אַלע באַרואיקט.

דאָס אַראָפּקריכן פֿון דער גרויסער שיף אין אַ קליין שיפֿל איז אויך געווען נישט קיין לייכט שטיקל אַרבעט, אָבער מען איז עס איבערגעקומען.

ערגער איז געווען פאַרנדיק אין דעם קליינעם שיפל ביז צום צאַל־קאַמער, ווו אַלע פּאַסאַזשירן מוזן אָפּגעבן זייערע פּעסער, עפענען און באַווייזן זייערע זאַכן, און דאַן ערשט לאָזט מען אַדורך אין שטאָט אַריין.

דער ים איז געווען אַ ביסל שטורעמדיק, דאָס קליינע שיפל האָט זיך געוויגט ווי אַ הושטאַווקע אַראָפּ און אַרויף. כוואַליעס געזאַלצענע וואַסער האָבן אַריינגעפּאַטשט אין שיפל און פאַרגאָסן די קליידער און געזיכטער פון די רייזנדיקע. די פּאַסאַזשירן האָבן זיך קוים געהאַלטן אויף זייערע פּלע־צער, יעדע מינוט האָט אַן אַנדערער אַרויסגעלאָזן אַ פאַרצווייפלטן קוויטש און מען איז געזעסן אין טויט־שרעק.

די אַראַבער האָבן ווי טייוולאָנים מיט לאַנגע שמאָלע דרענגער גע־רודערט, געצויגן לאַנגזאַם דאָס שיפל צום ברעג און געלאַכט פון די איי־בערגעשראָקענע פּאַסאַזשירן.

אויפן „גומעראַק" (צאַל־קאַמער) איז געווען אַ שטאַרקע ענגשאַפט פון מענטשן און נאָך מערער פון די געפעק. אַרום און אַרום האָבן זיך גע־הערט פאַרשידענע אומפאַרשטענדלעכע קולות. אין די פּיס און אין די זייטן האָט מען יעדעס מאָל געכאַפּט אַ שטויס, אַ קלאַפּ, פון די דורכשלע־פּנדיקע פּעק.

דער טערקישער ייד האָט געעצהט ר׳ מאירן און זיין פאַמיליע צו גיין מיט אים אין שטאָט אַריין גלייך אין האָטעל און די פּעק איבערלאָזן ביי די אַראַבער. ער גאַראַנטירט, אַז זיי וועלן גאַנצערהייט אָנקומען אין האָטעל־אַריין.

שמוציקע, אָפּגעריסענע הייזקעס, אַראַבער מיט משונהדיקע קליידונג, מענטשן גייען אויפן ברוק צוזאַמען מיט די קעמלען און אייזלען, און דאָ — אַזאַ שטאַרקע היץ. דאָס אַלץ האָט געמאַכט אויף זיי אַן איינדרוק ווי זיי וואָלטן אַריינגעפאַלן אין אַ קליינעם גיהנום.

ווען זיי זענען אַריינגעקומען אין האָטעל און דערזען פאַר זיך אַ ריין אויפגערוימט צימער, מענטשן וואָס רעדן יידיש, איז זיי געוואָרן לייכטער און האָבן אַ ביסל פרייער אָפּגעאָטעמט.

אָפּזייענדיק אַ וואָך צייט אין האָטעל, האָבן זיי זיך אויסגעזוכט אַ באַ־שיידענע וווינונג אין נוה־שלום, ביי יפו.

זייער זון יעקב האָט יעדן חודש זיי געשיקט אויף צום לעבן. רבקהלע האָט אָנגעהויבן אַרבעטן אין אַ שפּיטאָל אַלס קראַנקן־שוועסטער.

## קאַפּיטל זעקס

אין יאָר 1914 איז פּלוצלינג אויסגעבראָכן אַ מלחמה צווישן רוסלאַנד און דייטשלאַנד. די דאָזיקע מלחמה האָט זיך פאַרוואַנדלט אין אַ וועלט־מלחמה אַזוי, אַז אויך דאָ, אין ארץ־ישראל, האָט מען זי געפילט און זייער אַ סך מענטשן האָבן געליטן פון איר. יעקב איז דאָרטן, אין פּוילן, אַריינגעצויגן געוואָרן אַלס סאָלדאַט אין דער רוסישער אַרמיי. די גאַנצע צייט פון דער מלחמה האָט מען פון אים נישט געהערט. טאַטע־מאַמע האָבן דערפון שטאַרק געליטן. ערשט ווען די מלחמה האָט זיך פאַרענדיקט איז אָנגעקומען פון אים אַ בריוו, אַז ער איז צוריקגעקומען פון דער מלחמה, אָבער נאָר מיט איין האַנט. ער אַרבעט ווייטער אין זעלבן וואַרשטאַט אָבער צוליבן פעלן פון זיין האַנט קומט עס אים אָן מיט גרויסע אָנשטרענגונגען. גלייכצייטיק שיקט ער זיי איבער דרייהונדערט רובל, וואָס ער האָט געהאַט אָנגעקליבן. ער שרייבט זיי, אַז ס'הייבט זיך אָן אַ נייַ לעבן אין וואַרשע. ס'בילדעט זיך אַ זעלבשטענדיקע פּוילישע מלוכה מיט דעם באַרימטן פרייהייטס־קעמפער יוזעף פּילסודסקי אין שפּיץ. און אַלעמען, אָן אויסנאַם, וועט זיך לעבן גוט.

באַקומענדיק דעם בריוו מיט די דרייהונדערט רובל, האָט ר׳ מאיר מיט טרערן אין די אויגן זיך געזעצט שרייבן אים אַן ענטפער:

„אונדזער ליב קינד,

אין אונדז אַלעמען איז פּשוט אַריינגעזעצט געוואָרן אַ נייַע נשמה מיטן באַקומען דיין בריוו. עס איז פאַר אונדז אַ גרויסער ווייטאָג צו הערן, אַז דו האָסט אַזוי טייער באַצאָלט פאַרן אָנטייל אין דער מלחמה. אָבער מיר דאַנקען צו דעם וואָס לעבט אייביק אַז דו ביסט צוריקגעקומען אַ לעבעדיקער.

פון איצטער און ווייטער בעטן מיר דיך, נישט צו שיקן אונדז קיין געלט. וואָס דו פאַרדינסט דאַרפסטו האָבן פאַר זיך. פאַר אונדז וואָלט געווען

דאָס גרעסטע גליק, ווען דו קומסט אַהער צו אונדז. אויך דאָ דערוואַרט מען גרויסע ענדערונגען. לאָרד באַלפור (זיכער האָסטו געלייענט אין צייטונג) האָט צוגעזאָגט אָפּגעבן יידן ארץ־ישראל כדי אויפצובויען אַ זעלבשטענדיקע יידישע מלוכה. טראַכט וועגן דעם.

דיינע עלטערן און שוועסטער״.

*

אַ פריינד פון ר׳ מאירן האָט אים צוגערעדט צו קויפן באָדן אין רעננה, וואָס האָט זיך אין יענער צייט אָנגעהויבן צו בויען. דאָן איז נאָך ערד געווען ביליק אין ארץ־ישראל. ר׳ מאיר האָט געקויפט אַ שטיקל באָדן, אויסגעבויט אַ צריף פאַר זיין משפחה. געמאַכט אויך אַ קליינעם לול און אַביסל אייגענע גרינס. גלייכצייטיק האָט ער זיך איינגעקויפט געצייג פאַר אַ סטאָלעריי.

נאָכדעם ווי ער האָט שוין אַ היבש ביסל יאָרן נישט געאַרבעט, האָט ער זיך ווידער גענומען צו זיין פאַך. פאַרשטייט זיך, נישט אַלע אַרבעטן האָט ער געקאָנט אויספירן אַליין, האָט ער אַמאָל געאַרבעט מיט אַ געהילף און אַמאָל געמאַכט אַ לייכטע אַרבעט אַליין.

צווישן די ערשטע תושבים אין רעננה האָט זיך אַזוי אַרום, געפונען ר׳ מאיר, דער קאַסטנמאַכער.

## די רויז

אינעם גאָרטן, וואָס איז פאַרטרונקען מיט גרינס און פויגל־מוזיק, איז פאַראַן אויך אַן אַלייע פון רויזן.

פאַרשידענע רויזן: גאָר יונגע, קלייניקע, וואָס האַלטן זיך שטייף און פעסט; אַ ביסל עלטערע, וואָס עפענען שוין זייערע מיילעכלעך און גיבן אַ לאַך... נאָך אַנדערע — שוין צייטיקע, רייפע, ווי דערוואַקסענע צאַרטע פרויען... און אַלע זיי וויקלען פאַנאַנדער זייערע בלעטעלעך, אַלע צוזאַמען רייסן זיך אַרויף, אַרויף צום וואַרעמען בלוי — צום באַגילדעטן הימל.

זיי פאַרשיכורן דעם דורכגייער מיט זייערע דופטיקע ריחות און פאַר־כישופן דאָס אויג מיט זייער פילפאַרביקייט.

דער גערטנער גייט זיך באַזאַכט דורך דער אַלייע, באַטראַכט די רויזן, וועלכע קאָנען שוין גרייט זיין צום מאַרק, און וועלכע מוזן זיך נאָך אויס־שטיין.

אַן עלעגאַנטע דאַמע, צוזאַמען מיט איר הויזווירטין, קומען אַריין אין בלומען־געשעפט און מיט גרויס מבינות מאַכן זיי זייער אויסקלייב. דער פּרייז איז נישט קיין מניעה. און דער קרעמער שיקט זיי אָפּ די בלומען אַהיים. דאָרטן ווערן די בלומען־ריטלעך אַביסל אונטערגעשוירן, פאַנאַנ־דערגעטיילט און אַריינגעשטעלט אין פרישן, קוואַליקן וואַסער, אין פאַר־צעלייענע און אין קריסטאַלענע וואַזאַנען. און אַז עס קומען געסט, באַ־ווונדערן זיי די פּרעכטיקע בלומען, באַזונדערס, די פאַרצעלאַנען און די קריסטאַלן.

דאָס פאַרשאַפט דער באַלעבאָסטע פאַרגעניגן. זי איז שטאָלץ מיט דעם וואָס זי פאַרשטייט זיך אויף בלומען און קאָן מאַכן דעם ריכטיקן אויסקלייב.

ס׳איז נישט באַשערט, אַז בלומען זאָלן לאַנג הויזן אין די טייערע כלים. נאָך אייניקע טעג באַשליסט די הויזווירטן, אַז די בלומען דאַרף מען טוישן. זי גיסט דאָן אויס דאָס וואַסער פון די טייערע כלים און די בלומען, אַלע צוזאַמען, גייען אין מיסט־קאַרב.

די בלומען פאַרמאָגן נאָך אין זיך זייער דופט און שרייען־אַרויס פון קאָרב מיט זייער פילפאַרביקייט. אָבער קיינער הערט זיך נישט צו צו זייער שטילער בלומען־שפּראַך.

אויף מאָרגן אינדערפרי גייט דער מיסט־קאָרב אין מיסט־קאַסטן אַריין. פון דאָרטן ווערן זיי אַריינגעשליידערט אין אַ שווערן, גרויסן לאַסט־אויטאָ. אויב ס׳פאַרפעלט פּלאַץ, ווערן זיי מיט שווערע גומענע שטיוול צוגעדריקט און צוזאַמען מיט גאַנצע בערג מיסט און אָפּפאַל וואַרפט מען זיי אין ים אַריין.

ביסלעכווייז, פּאַמעלעך, זינקט אַלץ אַראָפּ צום אָפּגרונט.

אָבער די רויזן שווימען אַרויף אויפן אויבערפלאַך. שווימען זיך פאַ־נאַנדער איבער אַלע זיבן ים׳ען.



די רויז דערמאָנט אים אין זיין מיידל

***

אַ ריזן־שיף, געטריבן דורך מאָדערנע מאַשינען, באַהערשט די בייזע כוואַליעס און באַוועגט זיך מאַיעסטעטיש אויפן ים. פּאַמעלעך פאַלט צו די נאַכט.

די מאַנשאַפט אויפן שיף באַפרייט זיך פון איר טעגלעכער אַרבעט. יעדער איינער געפינט זיך אַ פּלאַץ ווו אָפּצורוען פון שווערן זוניקן טאָג, און צו געניסן פון דער שטילער, ווונדערלעכער נאַכט. מיטן אויסנאַם פון געציילטע, וואָס מוזן זיין אויף דער וואַך, איז די שיף פאַרזונקען אין אַ טיפן שלאָף.

נאָר איין יונגן מאַטראָס שלאָפט זיך נישט. ער קאָן קיין אויג נישט צוטון. קומט ער אַרויס אויף דער נאָז פון דער שיף, קלאַמערט זיך איין מיט זיינע הענט אין אייזערנעם באַריער און בלייבט שטיין ווי אַ סטאַטוע פאַר־שטיינערט. ער זעט אויס ווי אַ ברוכטייל פון דער גרויסער אַלמעכטיקער נאַ־טור אַרום.

דער טיף־בלויער הימל איז פאַרזייט מיט פינקלדיקע ברילייאַנטן. די מאַסטן רייסן און וואָיען שטיל אין דעם שטורעם פון די ים־כוואַליעס. ס'דוכט זיך, אַז די שטערן פון הימל גיסן זיך צוזאַמען מיט די בלוי־שוואַרצע כוואַ־ליעס און בילדן איין געמיינזאַמע ים־מוזיק.

שטייט דער פאַראייניזאַמטער מאַטראָס אויף דער נאָז פון שיף און קוקט זיך איין אין די כוואַליעס. ער זעט ווי ס'שטייען־אויף איין כוואַליע נאָך דער צווייטער, שוימען זיך און שלינגען איין איינע דער אַנדערער. קוקט זיך צו ווי אויפן אויבערפלאַך שפרינגען־אַרויס פון צייט צו צייט קעפּ פון ריזיקע פיש אָדער ים־חיות.

פּלוצלינג דערזעט ער אַ מערקווירדיקע זאַך שווימען אויפן שפּיץ פון אַ כוואַליע — אַ רויז! ער קוקט זיך איין — יאָ, דאָס איז אַ ווייסע רויז מיט פאַנאַנדערגעבלאָזענע פון שטורעם בלעטעלעך!

די רויז לאָקט אים און ער זוכט אַ וועג צו איר. ראַפּטעם לאָזט ער זיך אַרונטער אויף אַ שטריק־לייטער, ער פאַרגעסט אָן יעדער סכנה, וואָס לויערט דאָ. ער שווימט צו מיט אימפּעט און — כאַפּט־אָן די רויז.

צוריקקומענדיק אויפן שיף, איז ער ווי אַ ניי־געבוירענער גליקלעכער מענטש.

ער צערטלט די רויז און זוכט אַ פּלאַץ וווּ איר צו באַוואָרענען. ענדלעך פאַרשטעקט ער די רויז אין זיין בוזעם אויפן בלויזן לייב.

ער דערפילט די צאַרטקייט פון דער איידעלער, פאַרחלשטער רויז און ער עטעמט־איין דעם שטאַרקן שמעקעדיקן ריח. פאַר זיינע אויגן שווימט־אַרויס זיין מיידל אין ווייסן זומער־קלייד. דאָס פּנים בלאַס ווי די לבנה, אירע אויגן לייכטן ווי די שטערן אין הימל. פונקט ווי די רויז האָט זי דאַן געציטערט, מיט אַ לייכטן שמייכל אויפן פּנים און איינגעהאַלטענע טרערן אין האַלדז, שטיל, אָן אַ וואָרט אַרויסצורעדן, נאָר אַ שטאַרקן פילבאַרן קוש האָט ער דערפילט.

און אַזוי שוין עטלעכע חדשים ווי ער האָט איר ביים ברעג ים געזעגנט.

אַ בענקשאַפט באַפאַלט אים. נאָך איין טאָג בלייבט אים דאָ צו אַרבעטן, און דאַן קומט ער אַהיים צו זיין מיידל.

דער פרימאָרגן קומט אָן.

מען דערנענטערט זיך צו אַ פּאָרט. ס׳פאַלט אַ קאָמאַנדע : „פאַראַנקערן״!

יעדער טוט זיין אַרבעט ווי שטענדיק, ווי געוויינלעך. אָבער דער מאַט־ראָס, וואָס איז ביינאַכט נישט געשלאָפן, טוט זיין אַרבעט מיט אויסערגעוויינלעכער פרייד און פאַרטאָפּלטער ענערגיע.

אַלע באַוואונדערן אים, פאַרשטייען נישט מיט וואָס דאָס דערקלערט זיך.

דער סוד ליגט ביי אים אין בוזעם...

# מיין פריינד דערציילט

איך האָב פֿאַרלאָזט מיין היימשטאָט וואַרשע און געפֿאָרן קיין בערלין, כדי דאָרטן אויפֿסניי בויען מיין היים. מיין ווייב און קינד זענען נאָך צייט־ווייליק געבליבן אין וואַרשע.

צופֿעליק בין איך אַריין אין אַ וואַגאָן וווּ ס׳זענען געווען געציילטע פּאַסאַזשירן. איך זעץ מיך אַוועק אין אַ ווינקל, לעבן פֿענצטער און קוק אין דרויסן אַרויס.

ס׳איז געווען ביינאַכט. דער וואַגאָן איז געווען שוואַך באַלויכטן. פֿון צייט צו צייט איז דער וואַגאָן פֿאַרבייגעלאָפֿן פֿאַר אַ גרויסן לאַמטער, אָדער אַ פּראָזשעקטאָר, וואָס האָט אַריינגעוואָרפֿן, ווי אַ בליץ, אַ סנאָפּ ליכט.

אַנטקעגן מיר איז געזעסן אַ יונגע פֿרוי, פֿון הויכן וווּקס, שוואַרצע האָר און ליכטיקע אויגן. געזעסן איז זי אומבאַוועגלעך. איר גאַנצער קערפּער איז געווען ווי איינגעגראָבן אין דער ווייכער זיץ־באַנק. זי האָט אויסגעזען ווי אַ זיצנדיקע סקולפּטור.

איך האָב געקוקט דורכן פֿענצטער, אָבסערווירט אין דער האַלב־פֿינצ־טערניש, פֿייזאַזשן, טייכלעך, פֿויערשע הייזקעס, חורבות, טעלעגראַף־סלו־פּעס — אַלץ וואָס איז פֿאַרביי מיין אויג.

פֿון צייט צו צייט האָב איך נישט ווילנדיק, איינגעקוקט זיך אין דער יונגער פֿרוי, אַנטקעגן מיר. איך האָב געקוקט אויף איר, ווי מען קוקט זיך איין אין אַ בילד, וואָס הענגט ביי אייך אין צימער אויפֿן וואַנט.

די וואַגאָנען אין שנעלצוג ריטשען זיך שטיל. מען הערט אָן אויפֿהער זייער מאָנאָטאָנעם רעדער־געקלאַפּ. דאָס ריטמישע קלאַפּן איז געווען פֿאַר מיר ווי אַן אַקאָמפּאַניאַמענט צו מיינע געדאַנקען, וועלכע זענען געלאָפֿן נאָך שנעלער ווי דער צוג. איך האָב געהאַט דעם איינדרוק, אַז די רעדער אַק־צעפּטירן אַלץ, וואָס איך טראַכט.

מיטאַמאָל רייסט זיך איבער די שטילקייט אין וואַגאָן.



— פאַרוואָס שווייגט איר?

— פֿאַרוואָס שווייגט איר? — פֿרעגט מיך די פֿרוי אַנטקעגן מיר. אין איר טאָן האָט זיך געפֿילט פֿאַרוואָרף.

איך בין לכתּחילה איבעראַשט געוואָרן, סיי פֿון דער פֿראַגע גופֿא, סיי פֿון איר טאָן.

— וואָס ווילט איר זאָל איך רעדן?

— איר זענט אַ יונגער מאַן, און איך דאַרף אייך זאָגן וואָס? ס׳איז דאָך אומעטיק אין אונדזער קופּע. איר זעט דאָך, אַז די איבעריקע פֿיר פּאַסאַ־זשירן זענען אַלטע לייט וואָס דרימלען דעם גאַנצן וועג. אַ חוץ דעם זענען זיי דייטשן! דייטשן שווייגן און האַלטן אַלץ אין זיך. און איר, זע איך, זענט נישט קיין דייטש. איך — אויך נישט. דערציילט וואָס איר ווילט, אַבי דערציילט, רעדט. לאָמיר הערן אייער שטימע. איך וויל וויסן מיט וועמען איך זיץ צוזאַמען. אייער נאָמען אינטערעסירט מיך נישט. פֿרעגט אויך נישט מיין נאָמען.

— פֿון וואַנען קומט איר? וווּהין פֿאָרט איר? וועמען געלאָזן?

אַזוי האָט זי מיך פֿאַרוואָרפֿן מיט פֿראַגן. אין איר טאָן האָט זיך געפֿילט אַ שטילע צאַרטקייט און מען האָט נישט געקאָנט אָפּזאָגן איר באַשיידענעם פֿאַרלאַנג צו רעדן. אירע רייד האָבן ווי מיט אַ האַמער אַרויסגעשלאָגן פֿון מיין קאָפּ אַלע מיינע ביזאיצטיקע געדאַנקען. איך האָב פּאַמעלעך אָנגעהויבן צו רעדן.

איך געדענק נישט וועגן אַלץ וואָס איך האָב גערעדט. איך האָב איר אויך באַוויזן פֿאַמיליען־פֿאָטאָגראַפֿיעס. גערעדט האָב איך לאַנג, ווי ס׳וואָלט זיך געעפֿנט אַ קוואַל פֿון רייד. די צייט איז שנעל געלאָפֿן.

אַ גראָער פֿאַרוואָלקנטער הימל האָט אַריינגעקוקט צו אונדז אין פֿענצ־טער. ס׳האָט אָנגעהויבן טאָגן.

מענטשן זענען אויפֿגעשטאַנען, אויסגעגליכן זייערע ביינער, אַ ביסל זיך אַרומגעוואַשן, צונויפֿגענומען דעם האַנט־באַגאַזש און זיך געגרייט צום אָנקומענדיקן בערלין.

מיין באַגלייטערין האָט זיך נישט געאיילט. זי האָט אַרומגעוואַשן דאָס געזיכט מיט אָדעקאָלאָן, אויסגעגלייכט אַ ביסל די האָר, צוגעפּודערט, צונויפֿ־

געגומען אַ ביסל אילוסטרירטע זשורנאַלן, אַרויפגעצויגן אויף זיך אַן אויבער־מאַנטל און גרייט געווען צום אויסשטייגן.

געציילטע מינוטן פאַרן אָנקומען פון צוג צום בערלינער וואָקזאַל, האָט זי זיך אויפגעשטעלט און געזאָגט:

— ס'איז געווען אָנגענעם אין אייער געזעלשאַפט. איר מאַכט אַן איינדרוק פון אַן אינטערעסאַנטן מענטשן. לאָזט גריסן אייער יונגע בלאָנדע פרוי, פון אַ צופעליקער מיטרייזנדער. זייט געזונט, האָט דערפאָלג. אַדיע! און נישט צום ווידערזען, ווייל אונדזערע וועגן גייען זיך פאַנאַנדער. מיין וועג פירט קיין פאַלעסטינע.

אַ מענגע פאַסאַזשירן האָבן זיך אַרויסגעלאָזט פון די אויטאָמאַטיש־געעפנטע וואַגאָן־טירן. צוזאַמען מיט זיי אַ שווערע לופט פון די אויסגע־פאַרעטע וואַגאָנען.

אַ געטומל, אַ געפילדער אויף פאַרשידענע שפּראַכן. אויסרופן פון טרעגערס און האָטעל־באַדינער. דאָס אַלץ אויסגעמישט מיט אַ שווערן סאָפּען פון לאָקאָמאָטיוו, ווי דאָס סאָפּען פון אַ ריזיקער חיה וואָס קאָן זיך ענדלעך אויסרוען.

מענטשן זענען זיך פאַנאַנדערגעגאַנגען אין פאַרשידענע קעגנזייטיקע ריכטונגען.

פלוצלינג דערפיל איך אַ לייכטן באַריר אין פלייצע. איך דריי מיך אויס — ס'איז מיין שכנה אין וואַגאָן.

— דאָך, — זאָגט זי מיט אַ לייכטן שמייכל — גיט מיר עפּעס צום אָנדענק.

איך האָב אויסגעשטעלט אויף איר אַ פּאָר פרעגנדיקע אויגן.

— וואָס? איך האָב דאָך גאָרנישט...

—גיט מיר אָט אָ דאָס רויטע קליינע ביכעלע, וואָס איר האַלט אין אייער האַנט.

איך טראַכט מיר: די דאָזיקע פרוי איז עפּעס נישט מיט אַלעמען. אָבער, מילא, אַז מען קאָן אָפּקומען מיט דעם ביכעלע — זאָל זיין.

אָבער, — גיט זי ווייטער צו — שרייבט עפּעס אַן... — אויך אייער אַדרעס אין בערלין.

איך האָב אויף שנעל אַרויסגעצויגן מיין פּילפּעדער און אָנגעשריבן: „צום אָנדענק פון אַ צופעליקן מיטרייזנדן. אונטערגעשריבן: מ. ס. בערלין, אויגוסט 1928. אויך אָנגעגעבן מיין צייטווייליקן בערלינער אַדרעס.

***

דאָס לעבן גייט אָבער נישט ווי מען פּלאָנט זיך דאָס אויס.

אַ געוויסע צייט זענען מיינע געשעפטן געגאַנגען באַרג־אַרויף, אָבער אין יאָר 1933 איז געקומען דער באַרג־אַראָפּ: איך האָב פאַרלוירן דעם גרעסטן טייל פון מיין פאַרמעגן. מילא, איז דאָס געווען אַ קליינע צרה — געלט־שאָדן. האָט זיך אָבער באַלד אונטערגערוקט אַן אמתער אומגליק אויף מיין קאָפּ — איך האָב פאַרלוירן פון אַ קראַנקייט מיין יונגע פרוי. דאָס האָט מיך אינגאַנצן צעטרייסלט און צוזאַמענגעבראָכן.

אין 1934 בין איך געקומען מיט מיין קינד קיין ארץ־ישראל.

שווערע און ביטערע יאָרן זענען דאָ פאַרביי. ס׳האָט גענומען לאַנג, ביז איך האָב מיך דערשלאָגן צו אַ שטיקל פרנסה.

געלעבט האָב איך מיט מיין קינד ביי מיינע עלטערן, אויף בוגראַשאָוו גאַס, אין אַן אַלטן צריף. ווינטער־צייט האָט דער צריף זיך געווייקט אין די רעגנס, פאַרפוילט געוואָרן, און זומער־צייט איז ער אויסגעטרוקנט געוואָרן פון דער ברענענדיקער זון. פאַר מיר און פאַר מיין קינד האָב איך באַקומען אַ קליין קעמערל. געהייסן האָט עס אַ צימער.

פאַרן אַרויספאָר פון בערלין האָב איך פאַרקויפט אַלע מיינע זאַכן, אויסער מיין ביבליאָטעק, אויף וועלכער איך האָב קיין בעלן אין בערלין נישט געפונען. ס׳איז מיר אויך אַ שאָד געווען זיך צו שיידן מיט זיי, האָב איך די ביכער איינגעפּאַקט אין קאַסטנס און זיי אַהערגעבראַכט.

מיין צימערל איז פול געוואָרן מיט ביכער. מען איז געזעסן אויף זיי און געשלאָפן אויף זיי.

איינמאָל קומט צו מיר אַריין אַ באַקאַנטער, נאָך פון וואַרשע, און זאָגט צו מיר אַזוי:

— דו האָסט לכתחילה נישט באַדאַרפט קומען אַהערצו. ביסטו שוין געקומען, איז פאַרפאַלן, קיין וועג צוריק איז נישטאָ. דו דרייסט זיך דאָ אַרום פּוסט־און־פּאַסט. זעסט דאָך שוין וואָס דאָ טוט זיך. מענטשן מיט



ער פֿירט־אַרויס זײַן ביבליאָטעק אין גאַס

אַקאַדעמישער בילדונג דרייען זיך אַרום שלינג־און־שלאַנג און זענען גליק־לעך, אַז זיי קאָנען עפּעס פֿאַרדינען ביי בוי־אַרבעט. איך גלויב, אַז ס׳וועט דאָ זיין בעסער, אָבער דאָס וועט נאָך נעמען יאָרן. דערווייל וועל איך דיר עפּעס פֿאָרלייגן: קיין נוצן פֿון דעם גאַנצן באַרג ביכער האָסטו דאָך נישט. שיידן זיך מיט זיי, ווייס איך, אַז ס׳טוט דיר ווי דאָס האַרץ. אָבער דו דאַרפֿסט דאָך ברויט פֿאַר דיר און פֿאַר דיין קינד. גיי זשע אַרויס אויף יהודה הלוי־גאַס, באַגענט צו דער אַנגלאָ־פּלשתּין באַנק. דאָרטן איז אַ גרויסע באַוועגונג פֿון מענטשן. דינג־אָפּ ביי אַ קרעמער אַ פּלאַץ אויף צו מאַכן פֿינף פּאָליצעס. יעדן טאָג וועסטו אַרויסטראָגן אַביסל ביכער און וואָס דו וועסט פֿאַרקויפֿן, וועט זיין גוט.

אַזוי האָב איך טאַקע געטאָן. איך האָב געקויפֿט אַ גענוצט קינדער־וועגעלע, אַריינגעלייגט אַהינצו אַ צאָל ביכער, און טאָג־איין, טאָג־אויס האָב איך געפֿירט דאָס וועגעלע אויף יהודה הלוי־גאַס און צוריק. ס׳איז געווען אַ ביטער לעבן, אָבער קיין אַנדערע ברירה איז נישט געווען.

מיין קינד האָט זיך אַרומגעוואָלגערט אין די זאַמדן ביים הויז, אָדער סתּם געקראָכן אויף די גלייכע ווענט. ווען כ׳פֿלעג אַהיימקומען, האָט זיך אַלעמאָל מיין מוטער שטאַרק באַקלאָגט:

— גלויב מיר, אַז איך האָב שוין נישט קיין כּוח און קיין געדולד צו קליינע קינדער. איך בין דאָך שוין אַן אַלטע פֿרוי.

אין אַ געוויסן פֿרימאָרגן קומט צו מיר צו אַ פֿרוי אין די מיטעלע יאָרן, עלעגאַנט אָנגעטאָן, אַ ברונעטע, מיט לעבעדיקע בלויע אויגן. זי זאָגט צו מיר:

— הערט זיך איין, איך האָב פֿאַר אייך אַ געשעפֿט, איך וויל אייך געבן צו פֿאַרדינען אַ פּאָר פֿונט.

— אדרבא, לאָמיר הערן — זאָג איך.

זי האָט צו פֿאַרקויפֿן אַ גרויסע שיינע ביבליאָטעק.

— אָבער... — שטאַמל איך — אַז איך האָב גאָרנישט קיין גרויסע געלטער צו קויפֿן ביבליאָטעקן. גאָר באַזונדער, האָב איך נאָך מיינע אייגענע ביכער געגוג אינדערהיים.

— קומט, פֿונדעסטוועגן, אַ קוק טאָן. כ׳וועל אייך פֿאַרקויפֿן ביליק.

אין איינעם אַן אָוונט בין איך אַריבערגעגאַנגען אויף דעם אָנגעוויזענעם אַדרעס.

אַ שיינע סעפּעראַטע הייזקע, אויסגעבויט אין אַ גאָרטן אַרומגערינגלט מיטביימער און בלומען. אַ מאָדנעם איינדרוק האָט אויף מיר געמאַכט, ווען איך האָב געזען אַ רייכע לוקסוס־דירה, מיט מערערע צימערן און אַרומ־געדרייט דאָרטן האָט זיך נאָר די איינציקע פרוי. זי פירט מיך אַריין אין אַ צימער, באַווייזט מיר אויף דריי שאַפעס מיט ביכער און אַלבאָמען און זאָגט מיר:

— דאָס איז עס: נעמט זיי!

— וויפל דאַרף איך באַצאָלן פאַר דעם אַלעמען?

— וויפל גיט איר? — פרעגט זי אומגעדולדיק.

איך האָב זיך ווי פאַרלוירן און נישט געוווּסט וויפל זאָל איך איר אָנביטן. זאָג איך איר:

— איך וועל אייך זאָגן דעם אמת: איך האָב גאָרנישט אַזוי פיל געלט.

— הם... איר האָט נישט גענוג געלט? נעמט אַלץ צו פאַר צען פונט! כ׳וויל מער נישט קוקן דערויף!

געריעדט האָט זי מיט אַ זיכערן טאָן, אָבער אין דער זעלבער צייט האָט מען געפילט אַ וויבלעכע צאַרטקייט אין איר שטימע. ס׳האָט זיך מיר פלוצים אויסגעדוכט, אַז איך האָב מיך אַמאָל באַגעגנט מיט אַזאַ ענלעכן טיפּ, אָבער כ׳האָב זיך אין דעם נישט אַריינגעטראַכט. מאַלע וואָס? אין מיין לעבן האָב איך זיך מיט אַזויפיל פרויען געטראָפן.

איך האָב געקויפט די ביכער.

***

ליג איך אַמאָל אין אַ שלאָפלאָזער נאַכט, און וועלנדיק פאַרטרייבן מיינע שלעכטע מחשבות, בלעטער איך דורך די ביכער, וואָס וואַלגערן זיך ביי מיין געלעגער רעכטס און לינקס.

מיטאַמאָל שטויס איך זיך אָן אויף אַ קליין רויט אָפּגעבליאַקעוועט ביכעלע. איך עפן־אויף די ערשטע זייט און בלייב דערשטוינט: איך דערזע מיין האַנטשריפט: „צום אָנדענק פון אַ צופעליקן מיטרייזנדן. מ. ס. בערלין, אויגוסט 1928".

פון וואַנען שטאַמט דאָס דאָזיקע ביכעלע? — טראַכט איך מיר. דאָס איז דאָך זיכער פון דעם רייכן הויז, ווו כ׳האָב איינגעקויפט די גרויסע מציאה מיט צוויי יאָר צוריק. ביכער האָבן זיך פאַרקויפט שוואַך; צוויי ביכער אַ טאָג איז שוין געווען גוט. מענטשן האָבן געזוכט אַרבעט, פּרנסה און נישט קיין ביכער.

איך האָב באַשלאָסן אַריבערגיין אַהינצו.

זאָל דאָס זיין די זעלבע פרוי, מיט וועלכער איך האָב זיך באַגעגנט אין וואַגאָן פאַרנדיק קיין בערלין?

ס׳איז מיר געווען פריקרע דאָס אַריבערגיין און פרעגן איר אַזאַ פראַגע, אָבער איך האָב מיר אָנגענומען מיט מוט און געגאַנגען. ס׳איז געווען שוין ניין אַזייגער אָוונט. איך האָב לייכט אָנגעקלינגען. איך האָב געהערט ווי עס דערנענטערן זיך טריט. די טיר האָט זיך געעפנט. פאַר מיר שטייט די זעלבע פרוי, אָבער מיט אַ מיד געזיכט. קוקט מיך אָן פאַרוואונדערט און פרעגט:

— וועמען זוכט איר מיין הער? וואָס ווילט איר אייגנטלעך?

מאָמענטאַל איז מיר אָפּגענומען געוואָרן דאָס לשון. האָב איך פּרובירט אַרויסנעמען פון קעשענע דאָס ביכעלע. זאָגט זי צו מיר:

— איר זוכט אייער קבלות ביכל? באמת אייך נישט; איך האָב שוין אויפגעהערט צו געבן תרומות, אַלץ פאַנאַנדערגעטיילט. איר זעט די שאַפעס דאָרטן? אַלץ שוין אויסגעליידיקט, קליידער, וועש, ביכער...

איך קום צו זיך אַביסל, און זאָג צו איר:

— מאַדאַם, דאָס האָב איך דאָך געקויפט באַ אייך די ביכער...

— אָ, איז וואָס ווילט איר ווידער? ניין... אַ מציאה טרעפט זיך נאָר איין מאָל אין לעבן...

— אָבער, אָבער, — פּרוביר איך איר אָפּשלאָגן — נישט אין דעם גייט מיר; טוט אַ קוק אויף דער ערשטער זייט פון דעם ביכעלע, וואָס דאָ איז אָנגעשריבן.

— וואָס אייגנטלעך אינטערעסירט מיך וואָס דאָ איז געשריבן? אָבער קומט שוין אַריין ווייטער אין האָל, איך האָב נישט ביי זיך די ברילן.

מיר זיצן ביי אַ רונדן ווייסן טיש מיט גאָלד באַשלאָגן. צוויי פאַטעלן



זי דערלאַנגט צום טיש כיבוד און דערציילט וועגן זיך

מיט העל־בלויען סאַמעט אויסגעבעט, אויפן טיש אַ קריסטאַלענער וואַזאַן מיט רויטע טוליפּאַנען.

איך זיץ ווי אַן עלעקטריזירטער. זי לייענט און קוקט אויף מיר, קוקט אויף מיר און לייענט.

„צום אָנדענק פון אַ צופעליקן מיטרייזנדן. מ. ס. בערלין, אויגוסט 1928".

— און דאָס זענט איר?

איך האָב צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ.

— ווי איז דאָס מעגלעך? — שרייט זי אויס — וואַרט נאָר... וואָס אַן אמת האָב איך נאָך מיט צוויי יאָר צוריק געהאַט עפּעס געפילט, אַז מיט אַזאַ מענטשן האָב איך זיך אַמאָל געהאַט געטראָפן. אייער אויסזען האָב איך נישט געדענקט, מיר איז געווען גוט אויפן האַרצן צו הערן אייך רעדן. אפילו דער אינהאַלט האָט מיך נישט אינטערעסירט, נאָר אייער שטימע. איך האָב געהאַט דעם איינדרוק, אַז ס'זיצט לעבן מיר אַ פריינד, אַ ליבלע־כער ברודער. אָבער, אָבער — איר זאָלט אייך נישט פילן געטראָפן — דענסט־מאָל אין וואַגאָן האָב איך געזען פאַר זיך אַ לעבעדיקן גוט־געקליידעטן ביזנעס־מאַן, און איצטער...

איך האָב איר דערציילט אַלע מיינע איבערלעבונגען אין בערלין און די סיבות, וואָס האָבן מיך אַהערגעבראַכט.

זי דערלאַנגט צום טיש כיבוד און הייבט אָן דערציילן וועגן זיך:

... בסך־הכל האָב איך מיט אים אָפּגעלעבט זעקס יאָר. אָבער די זעקס יאָר זענען געווען ווי זעכציק. יעדן מאָנטיק און דאָנערשטיק פלעגט ער פליען קיין ציריך, וועגן זיינע ביזנעס. יעדעס מאָל פלעגט ער דאַרפן גרע־סערע סומעס. אַזוי האָט ער אָפּגעביזנעוועט זעקס יאָר צייט. ביז אין אַ גע־וויסן פרימאָרגן באַקום איך אַ דעפּעשע פון פּאַלאַסט־האָטעל אין ציריך: „אייער מאַן איז געשטאָרבן פון אַ האַרץ־אַטאַק."

באַקאַנטע האָבן מיר שפּעטער געזאָגט: — איר האָט נישט וואָס צו באַדויערן, דער מענטש האָט אַלץ פאַרשפּילט אין קאָרטן און פאַרשווענדעט אויף ווייבער...

און ווו זענען די זעלבע באַקאַנטע געווען פריער? אַזוי גייט עס אין

אונדזער לעבן. קורץ, מיין פריינד, איך בין געקומען צום אויספיר, אַז אַלע מענער זענען פאַרעטער; איר שוינט נישט דאָס געזונט פון אייערע פרויען און אויך נישט אייער אייגן געזונט.

דער זייגער האָט זיך גערוקט, ס'איז געוואָרן גוט שפעט. זאָגט זי צו מיר:

— נו, איר זאָרגט דאָך זיכער וועגן אייער קינד, די באָבע קאָן זיך מיט אים קיין עצה נישט געבן. גייט אַהיים און ביי אַ געלעגנהייט כאַפּט אייך אַריין צו מיר אויף אַ גלעזל טיי.

דאַרף איך דען דערציילן, אַז אַרויסגיין פון מיין קעמערל פאַרפולט מיט אַלטע, האַלבפאַרשימלטע ביכער, און אַוועקזעצן זיך ביי דער פרוי אין סאַלאָן, ביי אַ פינקלדיק גלעזל טיי, איז געווען מערער ווי אָנגענעם?...

***

נאָכדעם ווי איך האָב איר שוין אייניקע מאָל באַזוכט, זעצט זי זיך איינ־מאָל צו צו מיר נעענטער און זאָגט:

— הערט זיך איין, וואָס וועט זיין פון אייך דער תכלית? טאָג־איין, טאָג־אויס וועט איר זיך אַזוי שלעפּן מיטן וועגעלע ביכער?

— איז וואָס זאָל איך טאָן, אַז ס'איז נישטאָ קיין מזל?

— נישט אמת, פאַראַן מזל, מען דאַרף עס נאָר קאָנען געפינען. איך וויל אייך אַביסל העלפן. איר זעט דאָרטן אין ווינקל פון מיין ווילע שטייט אַ קליינע הייזקע? דאָרט האָט געוווינט אונדזער גערטנער מיט אַ קליינער פאַמיליע. אָבער אַזוי ווי ס'ליגט מיר נישט אין זינען צו פּפלעגן איצטער מיין גאָרטן, האָב איך דעם גערטנער באַפרייט. קומט צו מיר איין מאָל אַ וואָך אַן אַרבעטער, וואָס גיט זיך אָפּ מיטן גאָרטן. אַזוי ווי די גאַנצע הייזקע דאָרטן איז פריי און ס'איז פאַראַן דאָרטן אפילו מעבל, לאָזט זשע איבער אייער פאַרשטויבט קעמערל און ציט זיך אַריין אַהערצו. אייער קינד? נו, מיט דער צייט וועט מען געפינען אַן עצה אויך צו באַזאָרגן אייער קינד.

איך בין אַריינגעפאַלן אין אַ מאָדנער פאַרלעגנהייט: קומען שלאָפן אין דער קליינער הייזקע און יעדן טאָג גיין ווידער אויף בוגראַשאָור־גאַס, דאָס איז נישט אַזאַ באַקוועמע זאַך; אָפּזאָגן איר האָט זיך אויך נישט געוואָלט.

*

באַכדעם ווי איך האָב שוין דאָרט אָפּגעווינט אַ צווײ וואָכן צײַט, איז גראָד אויסגעפאַלן אַ יום־טוב טאָג, — חג העצמאות. ראַפּטעם הער איך אַ שטאַרקן קלאַפּ אין מײַן טיר. איך לויף אַרויס פון בעט אַ האַלב־נאַקעטער, עפן די טיר און שפּרינג אַרײַן צוריק אין בעט. ווי איבעראַשט בין איך געוואָרן, ווען איך האָב דערזען פאַר זיך די זעלבע פרוי, מײַן באַלעבאָסטע.

איר אויסזען איז געווען כמעט ווי דענסטמאָל ווען איך האָב איר באַגעגנט אין וואַגאָן, מיט אַכט יאָר צוריק, פאַרנדיק קיין בערלין: אַ קאָפּ מיט געדיכט־שוואַרצע האָר, אַ בלאַס־ראָזע געזיכט, בלויע אויגן, שוין אַביסל פאַרלאָשענע, אָבער געווען אין זיי געגנוג לעבן.

זי זעצט זיך אַוועק אויף מײַן בעט. איך דערפיל די וואַרעמקייט פון איר קערפּער, פון וועלכן ס'טראָגן זיך פּאַרפום־ריחות. איך בין געוואָרן ווי פאַרשיכורט... צעטומלט... איך דריי אַוועק מײַן קאָפּ.

— וואָס ביסטו אַזאַ שעמעוודיקער בחור? ביסט דאָך געווען שוין אַמאָל אַ באַווײַבטער... הײַנט איז יום טוב — זאָגט זי — מיר גייען אַרויס צוזאַמען שפּאַצירן. און שנעל כאַפּט זי מײַן פּעקל אָנטועכץ און שלײַדערט עס אַוועק אין אַ ווינקל אין פאָדערצימער.

— זינאַ! — שריי איך אַ דערשטוינטער — וואָס איז?

— גאָרנישט... אָט האָסטו אַ שליסעלע פון דער שאַנק אַקעגן דיר, איך גיי אַרויס, אין אַ שעה ארום זאָלסטו זײַן אָנגעטון.

איך עפן די שאַפע — אַ גאַנצער מאַגאַזין פון מענער־קאָנפעקציע.

איך האָב שוין נישט געהאַט קיין ברירה, האָב איך זיך אויף שנעל אַרומגעוואַשן, ראַזירט, אָנגעטון און געוואַרט אויף איר.

אין אַ שעה אַרום איז זי געקומען.

אין דרויסן האָט שוין געוואַרט אַ קאַדיליאַק מיט וועלכן זי אַליין האָט אָנגעפירט. מיר זענען צוגעפאָרן אויף דיזנגאָף אין אַ קאַפע, אָפּגעגעסן פרישטיק און אַוועק אויף אַ שפּאַציר קיין נתניה, וווּ מיר האָבן גוט פאַרבראַכט דעם גאַנצן טאָג.

ווען מיר זענען צוריק געקומען און איך פאַרנעם זיך צו מיין קליינער הייזקע, טוט זי מיך אַ פאַרהאַלט:

— געוונג צו זיין דאָרטן. דו ביסט דאָך נישט מיין גערטנער... קום מיט מיר.

זי פירט מיך אַריין אין אירע צימערן, באַווייזט מיר אַ זייטיק ליכטיק צימער און זאָגט צו מיר:

— זעסטו: דאָרטן איז דיין בעט. גלייכצייטיק דערלאַנגט זי מיר צוויי גרויסע שליסלען. דאָס זענען די שליסלען פון אַ געשעפט צו פאַרקויפן ביכער. געדונגען פאַר דיינעטוועגן. עק מפו און עק בן־יהודה. אַ גוטער פּלאַץ. און דאָ האָסטו אַ טשעק אויף טויזנט פונט, וועסטו זיך צוקויפן נייע ביכער.

איך האָב נישט געגלויבט מיינע אויגן.

איז דאָס אַ חלום, אָדער אַ ווירקלעכקייט?

# דער גרונטשטיין

## אַ בילד פון לאַנד אין יאָר 1935

אַ האַלבע שעה רייזע פון דעם רוישיקן תל־אביב, אין דרום, וויקלען זיך פאַנאַנדער גרויסע שטחים באָדן, פאַרטרונקענע אין די דיונעס, אָנגע־יאָגטע פון ברעג ים.

גייענדיק ביז די קני אין זאַמד און צוקוקנדיק זיך צו די גריבער און בערגער מעל־זאַמד, פריי פון אַ שטיקל גרינס, האָט מען דעם איינדרוק, אַז דאָס איז אַזוי געבליבן פון ששת־ימי־בראשית.

אָן אַ זייט איז אָפּגעשניטן אַ ברייטער פּאַס פון די דאָזיקע זאַמדן, אויף וועלכן מען האָט אָנגעהויבן שאַפן אַ נייעם ישוב.

וואו־נישט־ווו זעט זיך שוין אַ באַראַקל, אַ קליין הייזקעלע און מאָדערנע וועגן באַגאָסענע מיט אַספאַלט, שלענגלען זיך שוין דאָ און דאָרט.

אויפן סאַמע באַרג שטייט דער קליינער צריף פון שומר.

דער שומר קריכט דאָ אַרום אין די זאַמדן אין הויכע רוסישע שטיוול, אַ לעדערנעם רעקל, אַ ביקס אויף דער פּלייצע און ביי דער זייט אַ גרויסער, קלוגער הונט.

דער דאָזיקער שומר האָט דאָ אַ וויכטיקע אויפגאַבע: היטן אַז בעדער־אינער זאָלן זיך נישט אַמאָל אַרויפכאַפּן אויפן באָדן, פאַרלייגן זייערע געצעלטן, דאַן האָבן זיי שוין אויף דעם באָדן אַ חזקה.

דער דאָזיקער שומר גיט אייך אויך פאַרשידענע אינפאָרמאַציעס, אָדער העלפט אייך אויפזוכן אַ פּלאַץ, וואָס דוכט זיך ער איז שוין דאָ אין די זאַמדן פאַרלוירן געגאַנגען. ער דינט אייך מיט אַ פּלאַן פון דער גאַנצער געגנט.

פאַרן דאָזיקן דינסט נעמט ער נישט באַצאָלט. ער פאַרבעט אייך צו זיך אין ביידל, איז אייך מכבד מיט אַ גלאָז קאַלטע וואַסער, און דערלאַנגט אייך די פּושקע פון נאַציאָנאַל־פאָנד.

איצטער דרייט ער זיך אַרום, דער שומר, אַ צעשטראַלטער, אַ יום־טובדיקער. היינט קומט פאָר די פייערונג פון לייגן דעם גרונטשטיין פון אַ פאַבריקס־געביידע.

האַרט ביי זיין ביידל איז פּראָוויזאָריש אויפגעקלאַפּט געוואָרן אַ גרויס געצעלט וואָס שיצט פון דער זון. דאָ זענען אין אַ ח אויסגעשטעלט געוואָרן דריי טישן סערווירטע מיט גוטע מאכלים און געטראַנקען. אויך בלומען געפינט איר דאָ.

ס'זענען פאַרבעטן געוואָרן מענטשן פון אַלע ספערן און פּראָפעסיעס. יעדער איינער האָט געהאַט זיין פּלאַץ ביים טיש. געפעלט האָט נאָר דער שומר, וואָס האָט צוזאַמען מיט זיין הונט אַרומגעדרייט זיך אינדרויסן אויף דער וואַך, און — דער לערער.

דער עולם איז זיך משמח. מען דערציילט זכרונות פון אַמאָל... מען קומט אַרויף אויפן היינט, מען רעדט וועגן תכלית־זאַכן.

מיטאַמאָל שטעלט זיך אויף דער בעל־שמחה אַליין, דער פאַבריקאַנט:

רבותי! דער יידישער פאַבריקאַנט ווערט נישט מיד צו אינוועסטירן זיינע קאַפּיטאַלן, כדי צו בויען און באַלעבן אונדזער אַלט לאַנד ארץ־ישראל.

מיין פאַבריק וועט מיט דער צייט באַשעפטיקן אַרום זעקסהונדערט אַרבעטער, דאָס הייסט אַ צווייַ טויזנט פינף הונדערט נפשות וועלן לעבן פון מיין פאַבריק. לחיים יידן! לחיים! לאָמיר לעבן אין אחדות פאַרן וווּל פון לאַנד און פון גאַנצן יידישן פאָלק.

דער צווייטער נעמט אַ וואָרט אַן אַרבעטער:

חברים! ס'איז אַ גרויסע פרייד און באַפרידיקונג זיך צוצוקוקן ווי מיר גייען פאָרויס, אונדזער לאַנד ווערט אויפגעבויט און באַלעבט. מיר זענען באמת מחיה מתים. איך באַגריס די איניציאַטיוו פון פאַבריקאַנט און ווינטש אים הצלחה. דאָס הייַנטיקע לייגן דעם גרונטשטיין איז אָבער נישט בלויז דער פאַרדינסט פון פאַבריקאַנט, נאָר דאָס זענען די פאַרדינסטן פון גאַנצן יידישן פאָלק, דערהויפּט — פון יידישן אַרבעטער. אמת, חברים, אַז דער באָדן אויף וועלכן די פאַבריק ווערט געבויט, האָבן מיר באַקומען פון יידישן נאַציאָנאַלן פאָנד, אַ גרויסן ביישטייער האָט אויך געגעבן דער קרן־היסוד. פאַרגעסט אָבער נישט אין די שווערע באַדינגונגען אין וועלכע דעם יידישן אַרבעטער קומט אויס צו אַרבעטן. דער פאַבריקאַנט לייגט טאַקע אַריין זיין געלט, אָבער דער יידישער אַרבעטער לייגט אַריין זיין שווייס און אַז מען דאַרף — זיין בלוט. לחיים! לאָמיר טרינקען פאַרן וווּל פון יידישן אַרבעטער און פאַרן וווּל פון גאַנצן יידישן פאָלק.

נאָכדעם האָט גענומען אַ וואָרט אַ סוחר:

מיר פרייען זיך אַלע און זענען שטאָלץ אויף אונדזער פאַבריקאַנט, וואָס האָט געהאַט אַזויפיל מוט צו מאַכן אַזאַ ריזיקאַלישע אונטערנעמונג, צו בויען אַ פאַבריק אין די דאָזיקע טיפע פון טויזנטער יאָרן פאַרלאָזטע זאַמדן. מען דאַרף אָבער געדענקען, אַז אַ חוץ דעם פאַבריקאַנט איז פאַראַן נאָך אַ וויכטיקער עלעמענט אין לאַנד, וואָס אָן אים איז קיין שום לעבן נישט מעגלעך — דאָס איז דער סוחר. ס'איז נישט גענוג אַז די פאַבריק אַרבעט־אויס פאַרשידענע סחורות, מען מוז די דאָזיקע סחורות פאַר־שפרייטן און צעטראָגן זיי צום קאָנסומענט. איך טרינק פאַרן געזונט פון אַלע אונדזערע בויערס, פאַרן וווּל פון די סוחרים און גאַנצן פאָלק ישראל.

נאָך אים האָט גערעדט אַ דאָקטאָר:

— חשובער עולם! דער אויפטו פון אונדזער פאַבריקאַנט דאַרף באַ־

טראַכט ווערן ווי אַ היסטאָריש געשעעניש. דער פאַבריקאַנט מיט זיין אומ־באַגרענעצטער איניציאַטיוו האָט געקאָנט אין אייראָפּע פּיל מער אויפטאָן פאַר זיך, האָט ער אָבער אויסגעקליבן ארץ ישראל, ווייל ער וויל שאַפן נישט בלויז פאַר זיך, נאָר פאַרן יידישן פאָלק. דערפאַר לייג איך פאָר, אַז מען זאָל דעם פאַבריקאַנט איינשרייבן אין גאָלדענעם בוך. דאָס זעלבע איז אויך מיט דעם יידישן מעדיקער, וועלכער האָט געהאַט אין אייראָפּע ברייטערע מעגלעכקייטן — אָבער מיר, די יידישע דאָקטוירים ווילן אויס בעסער ארץ־ישראל, כדי צו זאָרגן פאַר אַ נייעם, יונגן געזונטן דור אין ארץ־ישראל.

נאָך אים האָבן נאָך גערעדט אַ מעקלער, אַ בעל־מלאכה און אַ שאָפער.

דער שומר איז געשטאַנען מיט דער ביקס אויף דער פּלייצע און מיטן הונט ביי דער זייט אויף דער וואַך — ס'זאָלן אומגעבעטענע שכנים נישט קומען מיטאַמאָל שטערן די גאַנצע שמחה. גלייכצייטיק האָט ער זיך פון ווייטנס צוגעהערט צו דעם אַלעם וואָס דאָ קומט פאָר.

דער עולם איז געווען שוין גוט אַריינגעטאָן אין דער אכילה און אין זויפן. יעדער איינער האָט געהאַלטן פאַר זיין חוב אָפּצודאַנקען דעם פאַב־ריקאַנט פאַר אַזאַ סעודהלע כאָטש מיט אַ גוט וואָרט. יעדער איינער האָט זיך געכאַפּט רעדן, שרייען לחיים, אזוי אַז ס'האָט שוין גאָרנישט געהאַט קיין טעם וואָס די מענטשן האָבן גערעדט.

דער שומר האָט געפילט אַ נויטווענדיקייט אויך עפּעס צו זאָגן. ער האָט זיך דערנענטערט צום טיש און אָנגעהויבן:

רבותי! דער עולם איז אָבער געווען פאַרטאָן מיט דער אכילה און זיך נישט צוגעהערט צו אים. ער האָט געפּרוווט נאָכאַמאָל עפּעס זאָגן, אָבער קיינער הערט זיך נישט צו צו אים. ער האָט פאַרביסן מיט די ליפּן, אַראָפּ־געכאַפּט פון אַקסל זיין ביקס און אויסגעשאָסן אין לופטן.

דער עולם האָט אויפגעצאַפּלט און זיך אַ ריס־געטאָן פון די ערטער: ווו איז דער שומר? ערשט אַז מען האָט געהערט דאָס בילן פון הונט, האָט מען זיך געכאַפּט, אַז דער שומר שטייט דאָ צווישן זיי. אַלעמענס בליקן זענען געווען געווענדעט צו אים. ער האָט אָנגעהויבן:

— רבותי! דאָס האָב איך געשאָסן צוויי מאָל אין דער לופטן, כדי אייך



די געסט זענען אַריינגעטאָן אין דער אכילה און הערן זיך נישט צו
צו די רייד פון שומר

אויפצוּוועקן. איך האָב זיך גוט צוגעהערט צו אייערע רעדעס, פיל מיט פּאַטריאָטיזם און... זעלבסטבאַרימעריי. אָבער... איר האָט פאַרגעסן אין איין מענטש — אונדזער פּאַלקס־לערער. הערט מיך אויס: דאָס איז געווען מיט אַ יאָר פערציק צוריק. אויף דער שיף וואָס האָט געפירט עמיגראַנטן פון רוסלאַנד, האָבן זיך געפונען אַ גרופּע בחורים וואָס זענען געפאָרן קיין ארץ־ישראל. געווען צווישן זיי איינער אַ בלאַסער און פאַרחלומטער בחור. ווען אַלע האָבן געלאַכט און געשטיפט, האָט ער זיך געהאַלטן אָן אַ זייט. דערפאַר האָט מען אים שטענדיק געזען אַרומדרייען זיך אַרום די קינדערלעך אויפן שיף. ער האָט צונאָמענגענומען די קינדער, גערעדט מיט זיי אויף זייער קינדער־שפּראַך און דערציילט זיי מעשיות וועגן גאָלדענע עפּל און טרויבן, וועגן פּאַלמען און איילבירטן, וועגן דעם לאַנד ווו דער ירדן פליסט און מען שפּיגלט זיך אין כנרת...

יעדער איינער פון די אָנגעקומענע פּיאָנערן, האָט זיך געזוכט אַ פּלאַץ איינצוּאָרדענען ווו ס'זאָל אים זיין באַקוועמער און בעסער. דער דערמאָנטער בלאַסער און פאַרחלומטער בחור איז אַוועק אין אַ קאָלאָניע פון וואַנען אַלע זענען זיך צעלאָפן, צוליבן געלן־פיבער וואָס האָט דאָרט געהערשט. „וואָס וועט זיין — האָט ער געטענהט — מיט די קינדערלעך וואָס בלייבן דאָרט לעבן?”, זיי וועלן דאָך אויסוואַקסן ווי ווילדע חיהלעך. דער בחור — דאָס איז געווען אונדזער לערער.

ער האָט מיט אונדז איינגעטענהט: דער באָדן אויף וועלכן מיר שטייען, דאָס איז אונדזער לאַנד. קיין אַנדערס איז נישטאָ! אַלע אַרבעטן פון אונדז זענען וויכטיק, ווייל דאָס העלפט אויפלעבן, באַנייען דאָס לאַנד און פעאיק מאַכן אויפצונעמען אַלץ מערער און מערער יידן.

אָבער וויכטיקער פאַר אַלץ איז די שמירה! ס'זענען געווען אומרואיקע צייטן; אויפגעהעצטע אַראַבער זענען אונדז באַפאַלן, געוואָלט צונישט מאַכן אונדזערע דערגרייכונגען. זיי האָבן פּרובירט אַוועקרייבן אונדזערע, מיט שווייס דעראָבערטע פּאָזיציעס. אַ שווערע שלאַכט האָט אָנגעהאַלטן, וואָס האָט געקאָסט בלוט־פאַרגיסונג און קרבנות. צווישן די פאַרוווּנדעטע איז אויך געווען אונדזער לערער. ער, דער לערער, מאַכט עס פון אונדז, די געוועזענע קינדער, מענטשן, פעאיקע צו דענקען און צו אַרבעטן. דאָס

מאַכט ער, דער לערער, אונדז אַלעמען פאַר לייט. ער האָט דאָ אַריינגע־לייגט זיין מוח, זיין האַרץ, און זיינע לונגען.... דאָס איז ער, אונדזער פאָלקס־לערער, דער גרונטשטיין פון אונדזער גאַנצן בנין, וואָס מיר רופן ארץ־ישראל!

ובכן: זאָל לעבן אונדזער לערער!

דער עולם האָט אַפּלאָדירט און מיטגעשריען:

— זאָל לעבן דער לערער!

— זאָל לעבן דער שומר!

עפּעס האָבן די מענטשן דאָ זיך געפילט ווי שולדיק, וואָס אין האַנט פון שומר איז קיין גלאָז נישט געווען.

גלייך זענען אויסגעוואַקסן צענדליקער הענט מיט גלעזער משקה.

— טרינקט מיט אונדז לחיים!

דער שומר האָט אָבער אַלץ צוריקגעוויזן:

— אַ שומר איז נישט דערלויבט צו טרינקען. אַ שומר מוז שטענדיק זיין ניכטער. ער מוז שטיין אויף דער וואַך און אָפּהיטן דאָס לאַנד.

## און געפּלאַצט האָבן די סטרונעס

ווען ער איז אַלט געוואָרן פינף יאָר, האָט אים די נאַטור גרויזאַם באַ־עוולהט: פאַרשלאָסן פאַר אים די ליכטיקע וועלט.

אין בלינדן־הויז האָט דער קליינער אליהו ששון געלערנט צוויי מלאכות: פלעכטן קוישלעך און מוזיק.

זענען יאָרן געלאָפן, די משפּחה ששון האָט זיך פאַרגרעסערט און באַ־דאַרפט מערער פּרנסה. האָט אויך אליהו דער בלינדער אָנגעהויבן טראָגן דעם עול פון דער משפּחה.

שוין לאַנגע יאָרן ווי מען זעט אים זיצן ביים ראָג־הויז פון כרמל און אלנבי, מיט דער מאַנדאָלינע אין האַנט, מיט וועלכער ער באַגלייט זיינע לידער פון אַמאָל... אַמאָל...

געוועזן צייטן, ווען דאָס קומען אַהערצו אין לאַנד אַריין, איז געוועזן פֿאַרבונדן מיט חלוציזם, אידעאַליזם און ראָמאַנטיק. דאָס לאַנד גופא איז געווען איינגעהילט אין ראָמאַנטיק און אין הייליקייט.

ווען אָט דער דאָזיקער ראָמאַנטיק און הייליקייט האָט דאָס דער בלינדער ששון געזונגען.

די מערסטע לידער וואָס האָבן זיך געפונען אין זיין רעפּערטואַר, זענען געווען די לידער פון יהודה הלוי. ער האָט זיי גוט געדענקט נאָך פון חדר און פון זיין היים.

צום מיינסטן זענען דאָס געווען ים־לידער, לידער פון ליידן, גלויבן, האַר־פֿענונג און בענקשאַפט נאָך ציון — צום הייליקן לאַנד.

און געזונגען האָט ער די לידער אַזוי באַהאַרצט, מיט אַזאַ געפיל, אַז ער האָט געצוווּנגען די פֿאַרבייגייער זיך אָפּצושטעלן, איינצוהערן זיך אין די טרויעריק־פֿאַרבענקטע ניגונים און אַריינצוּוואַרפן אַ מטבע אינעם בלעכענעם טעלער, וואָס איז געלעגן אויף אַן אויסגעשפּרייטן טוך.

לויפט אַזוי אַ יאָר נאָך אַ יאָר. ס׳מערן זיך גאַסן, הייזער און מענטשן — ס׳ענדערט זיך דאָס פּנים פון תל־אביב מיט איר באַפעלקערונג צוזאַמען.

איין זאַך בלייבט אָבער אומפֿאַרענדערט: דאָס ראָגאָווע הויז ווו ס׳זיצט ששון דער בלינדער, מיט זיינע פֿאַרטרערטע אויגן, ווי אַריינגעוואַקסן אין מויער.

פון היץ און פון ווינט, פון חמסין און פון רעגן, שיילט זיך און שפּאַלט זיך די מויער פון דאָזיקן הויז. און פונקט אַזוי, שיילט זיך און קאַרבט זיך דאָס פּנים פון ששון דעם בלינדן.

מענגעס מענטשן גייען טאָג־טעגלעך פֿאַרביי דעם דאָזיקן ווינקל. אָבער פונקט ווי מען באַמערקט נישט דאָס אַלטע הויז, וואָס איז נאָך דאָ גע־בליבן, אַזוי באַמערקט מען נישט דעם בלינדן זינגער און שפּילער.

זיצנדיק אַזוי מיט דער מאַנדאָלינע אין האַנט, דערמאָנט זיך ששון אין די אַמאָליקע צייטן, ווען מענטשן האָבן זיך אָפּגעשטעלט, צוגעהערט זיך אַ וויילע צו זיינע לידער און צוגעוואָרפן אַ פּאָר פּרוטות. שפּעטער זענען גע־קומען אַנדערע צייטן, ווען נאָר שול־קינדער האָבן זיך אָפּגעשטעלט און



צייטן האָבן זיך געביטן און — די ראָמאַנטיק איז פאַרשוווּנדן

צוגעוואָרפן, ווער זיינע אָפגעשפּאָרטע פּרוטות, און ווער — אַ נישט־דערעסן פּרישטיק.

צוביסלעך איז די ראָמאַנטיק אינגאַנצן צערונען, פאַרשוווּנדן. די שטאָט און אירע איינוווינער זענען געוואָרן וואָכעדיק — אַנדערש ווי אַמאָל.

אויך די קינדער זענען היינט אַנדערע. זיי אינטערעסירט היינט אַנדערע לידער, אַנדערע אַטראַקציעס.

נאָר בלויז ששון דער בלינדער איז געבליבן ביי זיינע אַלטע לידער און ניגונים.

מיטאַמאָל האָט ער זיך דערפילט איינזאַם און פאַרלאָזן. נישטאָ מערער קיין קאָנטאַקט צווישן אים און די פאַרבייגייער.

האָט ער אויפגעהערט זינגען, איבערגעקערט די מאַנדאָלינע אויף דער צווייטער בייכיקער זייט, און אָנשטאָט צו באַרירן די סטרונעס מיט זיינע צאַרטע, אויסגעמאָגערטע פינגער, האָט ער גענומען אַ שטיק האָלץ און אָנגעהויבן דערמיט צו קלאַפּן אויף דער מאַנדאָלינע און סתם ברומען אַ ניגון.

אפשר — האָט ער געטראַכט — וועט דאָס כאַאָטישע האָלץ־קלאַפּן און זיין הייזעריק שרייען, צוציען די אויפמערקזאַמקייט צום בלינדן פאַר־איינזאַמטן מענטשן.

ששונס האַרץ איז פאַרקלעמט געוואָרן. ער האָט נאָך שטאַרקער אָנ־געהויבן קלאַפּן מיטן האָלץ איבער דער מאַנדאָלינע ביז... ס'האָבן געפּלאַצט די סטרונעס און זיין געזאַנג איז איבערגעריסן געוואָרן...

איבערגעריסן אויף שטענדיק, אויף אייביק!

## ביים קאַסע־פּענצטערל

מיין ווייב וויל גיין אין טעאַטער אַריין. האָב איך זיך געלאָזן צו „מוגראַבי״ קויפן בילעטן.

ווען כ׳בין אָנגעקומען אויפן אָרט זענען שוין געשטאַנען אַ מאַן צוואָנ־ציק אין דער ריי. מען מעלדעט, אַז אין פינף מינוט אַרום עפנט מען די קאַסע. איך שטעל זיך אַריין אין דער ריי. נאָך מיר קומען נאָך קויפערס און מען שטופּט זיך.

פרעג איך ביי די מענטשן: וואָס שטופּט מען זיך? די קאַסע איז נאָך נישט אָפן און מיר שטייען דאָך שוין אַלע אין דער ריי.

ענטפערן זיי מיר, אַז כ׳בין אַ פּראָווינצער און קאָן נישט די תל־אביבער מנהגים. אַ ריי אין תל־אביב איז צוליב דעם מען זאָל זיך שטופּן.

מיטאַמאָל: סקריפּ! דאָס פענצטערל עפנט זיך.

דאָ הייבט זיך ערשט אָן די ריכטיקע שטופּעניש. דוכט זיך די קישקעס קאָנען פון בויך אַרויסקריכן. מען קעמפט פאַר אַ שטיקל פּלאַץ, פּונקט ווי פאַרן לעצטן שטיקל ברויט, וואָס שטייט פאַר צו פאַרלירן.

אַזוי שטייענדיק קוק איך זיך צו און הער זיך איין ווי אַזוי ס׳קומט פאָר דער פאַרקויף פון די בילעטן.

אַן עלטערער מאַן רעגט זיך אויף:

— דו, חוצפּן! ווי וואַגסטו צו גיין אָן אַ תור?

— איך בין אַן אינוואַליד.

— אַזוי? אַן אינוואַליד? איז פון וואַנען נעמסטו דאָס אַזויפיל כוח זיך צו שטופּן?

— נישט דיין באָבעס דאגה! דו גיסט מיר נישט קיין עסן!

— טאָ באַווייז דיין אינוואַלידן־ביכל.

— וואָס ביסטו אַ „מעם צאַדיק״? קום אין אַ זייט, וועל איך דיר באַווייזן...

— פוי! חזיר! בלתי מחונך! — שרייען עטלעכע אין דער ריי.

ס׳בילדן זיך אויס צוויי צדדים: איין צד וואָס האַלט פון אַ סדר, און אַ צווייטער צד וואָס האַלט פון „מה איכפת לי״?

דער העברעאישער לעקסיקאָן פון זידל־ווערטער ווערט דאָ אויסגעניצט אין דער פולער מאָס. און אַז ס׳פעלן־אויס געפעפערטע ווערטלעך — געברויכט מען פעטע ווערטער פון רוסישן לעקסיקאָן.

אזוי ווי די געמיטער זענען אָנגעגליט, גייט מען שנעל איבער פון ווערטער צו מעשים. און אַזוי ווי די מעשים הייבן זיך אָן, ווערט די ריי אינגאַנצן צעשאָטן און ס׳בילדעט זיך אויס אַ נייע ריי.

דער קאַסירער און די „בייטראַלע״ עטעמען אָפּ אַ ביסל לייכטער.

— אדוני, הקופאי! גיט מיר צוויי גוטע בילעטן, אַ שאָד די צייט, זאָלן זיי זיך שלאָגן. אָבער די פּלעצער זענען אינדערמיטן? תודה רבה.

— שלום, אדוני הקופאי! וועלכע פּרייזן זענען נאָך דאָ? (דער קאַסירער באַווייזט אויף דער פּרייזן־טאַבעלע).

— ווו זיצט מען, כ׳בעט אייך, פאַר אַ פונט זיבעציק? און ווו פאַר אַ פונט דרייסיק? נו, גוט, און ווו זיצט מען פאַר אַ פונט מיט פינף פּיאַסטערס?

— נו, וואָס געבן? — פרעגט דער קאַסירער שוין אומגעדולדיק.

— וואַרט נאָך צו אַ האַלבע שעה, כ׳גיי אַהיים זיך מישב זיין מיט מיין ווייב.

אַ פעסט־געבויט מיידל מיט דאַרפישע שטריכן אויפן פנים:

— איך וויל איין בילעט. וויפל קאָסט דער ביליקסטער? אַ פונט מיט פינף? גוט, אָבער לאָזט אים דערווייל ביי זיך; כ׳וועל מיר געפינען אַ בחור וואָס וועט שוין פאַר מיר באַצאָלן...

— עי, חבוב, גיט אַהער זעקס גוטע בילעטן פאַר זעלנער. דאָס זענען גוטע? בחייך? מירן זען, אויב נישט, איז דיין קאַסע דאָ גאָרנישט ווערט...

— איך וויל פיר גוטע בילעטן, אָבער באמת גוטע, מען זאָל הנאה האָבן; מיר גייען איין מאָל אין יאָר אין טעאַטער; איר פאַרשטייט, מיר זענען דאָרפסלייט. ער נעמט די בילעטן אין האַנט, באַקוקט זיי פון אַלע

זייטן, באַטאַפּט זיי אַרום און אַרום, דאָס נעמט צייט און די קויפערס הינטער אים דענערווירן זיך:

— ר׳ ייִד, וואָס קוקט איר אַזוי לאַנג? איר קויפט דאָך נישט קיין הויז... נישט קיין מגרש...

— וואָס זענען דאָס פאַראַ מענטשן, די שטאָטישע? נאָר מען איילט זיך, נאָר מען לויפט. אין טעאַטער אַריין קאָן מען דאָך שוין גיין פּאַמעלעך.

— ר׳ ייִד, ענדיקט און זאָגט אונדז נישט קיין מוסר.

— איך וויל האָבן צוויי גוטע בילעטן, אָבער איך בעט אייך נאָכאַמאָל: גוטע בילעטן. איך גיי נישט מיט מיין ווייב, כ׳גיי מיט מיין געליבטע...

— גיט מיר דריי גוטע בילעטן, אָבער ווען הייבט זיך אָן? האַלב אַכט? אוי, אַנטשולדיקט, כ׳קאָן, ליידער, נישט גיין, כ׳האָב נישט וועמען צו לאָזן ביי די קינדער.

— גיט מיר, כ׳בעט אייך, צוויי גוטע בילעטן, פאַר מיר, פאַר מיין מאַן, טיילט אונדז נישט פונאַנדער, מיר האָבן ערשט נישט לאַנג חתונה געהאַט...

— גיט מיר, כ׳בעט אייך, דריי גוטע בילעטן, פאַר מיר, פאַר מיין מאַן און פאַר מיין טאָכטער. זי וויל אפילו נישט גיין מיט אונדז, נאָר דווקא מיט אים, אָבער אַ קרענק וועלן מיר אים געבן, דעם מנוול, מירן איר שוין נעמען מיט זיך.

— גיט מיר איין בילעט, אָבער אַ גוטן פּלאַץ. עע... איך בעט אייך, אדוני, הקופאי, אַז ס׳וועט אייך אונטערקומען עפּעס אַ סימפּאַטישע בחורה, זעצט איר אַוועק לעבן מיר...

אַן עלעגאַנטע פרוי רוקט זיך אונטער, מיט אַ גוטמוטיקן שמייכל:

— גיט מיר צוויי גוטע בילעטן. וואָס? — זי ווענדעט זיך אָן אַ זייט צו אַ מאַן וואָס באַגלייט איר.. האָסט מורא פאַר מיין מאַן? רעד נישט קיין נאַרישקייטן און ווי פּאַסט עס פאַר אַ פרוי, זי זאָל אַליין אַריינגיין אין טעאַטער? מיט אַ שטילערע שטימע: דו מיינסט, אַז מיין מאַן, וואָס זיצט איצטער אין טבריה, ריכט דאָרט אָפּ תעניתים? באַלד מיט אַ שטאַרקערער שטימע צום קאַסירער: איך בעט אייך צוויי גוטע בילעטן.

— שלום, אדוני הקופאי! וואָס מאַכט איר? בסדר? ברוך השם. גיט מיר, כ׳בעט אייך, צוויי בילעטן, אָבער גוטע. איך קויף זיי פאַר זיך, און

נישט פאַר מיין באַלעבאָס. כע.כע, ס׳קומט מיר אַ מזל־טוב. כ׳האָב די וואָך חתונה געהאַט. וואָס קוקט איר אויף מיין פּליך? גלויבט מיר, אַז כ׳בין נאָך עפּעס ווערט... מען האָט מיר אַפילו גערעדט אַ סך שידוכים, אָבער ס׳איז אַלץ נישט געווען קיין סחורה... זי איז אַפילו נישט קיין שיינע, מיין יידענע — אַ שיינע וואָלט דאָך מיך נישט גענומען. אָבער דערפאַר איז זי אַ פרוי, אַ ווייב!... כ׳בעט אייך מען קאָן דאָך נישט חתונה האָבן מיט קיין דראַנג...

— גיט מיר צוויי בילעטן, אין סאַמע מיטן פון זאַל. וואָס? איר האָט שוין נישט אין מיטן? אדוני הקופאי, רעכנט אייך מיט דער לאַגע: דאָס ערשטע מאָל גיי איך אַרויס מיט מיין בחורה, ס׳קאָן דורך דעם ווערן אויס שידוך...

— גיט מיר צוויי בילעטן, אָבער שנעלער, מען הייבט שוין אָן. וואָס? נאָר סעפּאַראַטע האָט איר? יעדער איינער זאָל זיצן באַזונדער? וואָס זאָגט איר? בעתן אַנטראַקט אין בופעט קאָן מען זיך טרעפן? אַז איר גייט אין טעאַטער טוט איר אויך אַזוי? כ׳בעט אייך מאַכט נישט קיין וויץ; אַז איר וועט אָנקוקן מיין חתיכה, וועט איר אַליין זאָגן, אַז זי איז ווערט מען זאָל זיצן מיט איר צוזאַמען...

— גיט מיר, שנעלער, צוויי בילעטן. איר האָט שוין נישט? נאָר באַזונדער צו זיצן? מילא. זאָל זיין. אָבער זאָגט מיר: מיין קליינע טאָכטער קאָן איך מיטנעמען? ס׳איז נישט דאָרטן עפּעס אַ ביסל איבערגעזאָלצן? נו, דאָס איז גאָרנישט; אַז די קינדער גייען אין סינעמאַ, קושט מען זיך וויניק דאָרטן אויפן לייוונט?

— איך בעט אייך, שפּילט מען דאָ יידיש טעאַטער? ניין, זאָגט איר, נאָר העברעאיש? מילא. איך בין אַפילו געהרגעט אויפן לשון, אָבער גיט אַהער צוויי בילעטן.

איך פרעג ביים קאַסירער, אויף וויפל לשונות פאַרקויפט ער זיינע בילעטן? זאָגט ער מיר, ער ווייסט אַליין נישט. דוכט זיך, אַז זיבן, אָדער אַכט שפּראַכן. אָבער — גיט ער צו — אַז ער מוז זיך אויסלערנען ביז אַ טוץ שפּראַכן.

— האָט נישט קיין פּאַראיבל — זאָג איך צו אים — די טעאַטער־

מענטשן זאָגן אויף אייך, אַז איר זענט אַביסל משוגע... און אַז איר וועט נאָך לערנען ביז אַ טוץ שפּראַכן, וועט איר גאָר מבולבל ווערן!

— אָ, דאָס איז גוט! — שרייט ער אויס, — איצטער בין איך נאָר אַ קאַסירער, און דאַן וועל איך שוין קאָנען זיין אַ רעזשיסאָר!

ס׳רוקט זיך אונטער אַ פעסט־געבויטער חברהמאַן:

— אויספּאַרקויפט? אָבער אויף שבת קאָן איך באַקומען איצטער? גוט, גיט מיר דריי בילעטן. איך האָב אַ ייִנגעלע פון אַ יאָר פינף, קאָן איך אים מיטנעמען אין טעאַטער? ניין, זאָגט איר? פינף יאָריקע קינדער לאָזט מען נישט אַריין אין טעאַטער? מילא, נישט איז נישט...

גייט צו אַן עלטערע פרוי:

— שוין נישטאָ קיין בילעטן? מען הייבט שוין אָן? זאָל זיין אין אַ מזלדיקער שעה! כ׳וועל נישט שטערן. מיר גייט עס נישט אין לעבן דווקא היינט! איך קאָן קויפן אויף מאָרגן, אויף איבערמאָרגן, און אפילו אויף דער צווייטער וואָך. אָבער הערט מיך אויס: די בילעטן דאַרף איך נישט פאַר זיך, איך האָב שוין אָפּגעטעאַטערעוועט... איך וויל זיי פאַר מיינע צוויי געשווסטער־קינדער. אַ רחמנות אויף זיי — נאָר וואָס אָנגעקומען פון פוילן. דורכגעמאַכט אַשוויענטשים און אַנדערע לאַגערן, קוים לעבן געבליבן, נעבעך. שטאַרק דערשלאָגן, וויל איך זיי זאָלן זיך אַביסל אויפֿהייטערן. וואָס? איר ווילט שוין שליסן די קאַסע? זאָל איך קומען מאָרגן? איך וועל אייך, חס ושלום, נישט אויפהאַלטן. זאָגט מיר נאָר, ווען שפּילט עפּעס אַ פריילעכע זאַך?

— היינט און מאָרגן גיט מען „הוא הלך בשדות״.

— זאָגט מיר אויף יידיש, כ׳בעט אייך, וואָס הייסט עס „סאַדאָט״?

— דאָס הייסט: און ער איז געגאַנגען דורך די פעלדער.

— דורך פעלדער? עפּעס אַ פריילעכערע זאַך קענט איר שוין נישט פאַר מיר אויסקלייבן? כ׳לעבן, מיר האָבן שוין גענוג געהאַט די פעלדער און וועלדער...

— איבערמאָרגן גייט אַ שיינע קאָמעדיע „משרת של שני אדונים״.

— זאָגט מיר בעסער אויף יידיש.

— דער משרת פון צוויי באַלעבאַטים.

— וואָס ? מעשאָרעס ? מיין מאַן איז זיין לעבן לאַנג געווען אַ מעשאָרעס, האָב איך ביי אים געהאַט אויסגעריסענע יאָרן... איז דאָס ביי אייך אַ פריי־לעכע זאַך ?

— די אַנדערע וואָך גייט אין אונדזער טעאַטער אַ שיינע אָפּערעטע „מאַריצאַ".

— ווי זאָגט איר, מאַריצאַ ? כ'בעט אייך איבער, איר מוזט האָבן אַ טעות, דאָס מוז זיכער זיין „מאַרישא"! וואָס שאָקלט איר מיטן קאָפּ אויף ניין ? אַז איך קען דאָך דאָס שיקסל „מאַרישאַ" — זי האָט דאָך ביי מיר געטאָגט און געגנעכטיקט. ניין, מיין פריינד, אויף „מאַרישאַ" וועל איך קיין בילעטן נישט קויפן. דאָס איז שוין גאָרנישט קיין פריילעכע זאַך ; זינט מיין זון האָט זיך פאַרליאַפּעט אין איר, איז אויף מיין שטוב געקומען אַזעלכע צרות, אַז איין גאָט זאָל שומר ומציל זיין. איך בין ספּעציעל געקומען פון רעננה צו קויפן בילעטן אויף עפּעס אַ פריילעכן טעאַטער, אָבער איך זע — זייט אויף מיר נישט בייז — אַז כ'וועל שוין ביי אייך קיין בילעטן נישט קויפן. ס'איז גאָרנישט פריילעך ביי אייך אין תל־אביב.



— "מאַרישאַ" איז ביי אייך אַ פריילעכע זאַך? איך זע, אז ביי אייך אין תל־אביב איז גאָרנישט פריילעך...

# אויסגעשפּיגענע

דער מוגראַבי־פּלאַץ, וואָס נעמט אַרום די גאַסן: בן־יהודה, פּינסקער און אַלנבי — געהערט צו די סאַמע רוישיקסטע ערטער אין תל־אביב.

פאַרשידענע סגאַלן מענטשן — אַ חוץ דער נאָרמאַלער באַוועגונג — טרעפט איר דאָ. מענטשן, וועלכע דרייען זיך אַרום פּוסט־און־פּאַסט ביי די וויטרינעס פון טעאַטער, אָדער קינאָ און קוקן שעהנלאַנג אויף די בילדער. און אַז איר וועט אַזאַ איינעם פרעגן, וואָס ער האָט געזען, וועט ער אויף אייך אויסשטעלן אַ פּאָר פאַרוואונדערטע אויגן און הייבן מיט די אַקסלען.

תל־אביב איז אַ גרויסע שטאָט. אָבער פאַר איינעם, וואָס האָט נישט קיין פריינד, קיין נאָענטע, איז זי ענג. פאַר אַזאַ איינעם איז דאָס בעסטע אָרט — דאָס קאַסע־פענצטערל פון טעאַטער. דאָרטן שטעלט ער זיך אַוועק אָבסערווירן די בילעטן־קויפערס, וואָס קומען און גייען אַוועק. וואָס ער טראַכט וועגן די אַלע מענטשן? — דאָס ווייסט נאָר ער אַליין.

אין די פאַרמיטאָג־שעהן, ווען דער קאַסירער איז נישט אַזוי שטאַרק באַשעפטיקט, דערנענטערט ער זיך צו דער קאַסע, שפּאַרט זיך אָן מיטן עלנבויגןביים ראַנד פון קאַסע־פענצטערל, נעמט זיך אָן מיט מוט און הייבט אָן צו רעדן.

אַמאָל ענטפערט אים דער קאַסירער און אַמאָל נישט. אָבער דאָס איז שוין נישט וויכטיק. דער עיקר, ער האָט געפונען אַ מענטשן וואָס הערט אים אויס.

פאַרנאַכט באַוויזן זיך גרופּעס בחורים מיט טונקעלע פּנימער און דינע וואָנצעלעך. די הענט האַלטן זיי אין די שמאָלע הויזן־טאַשן. זיי שאַרן זיך הין און צוריק. טומלען, קריגן זיך, און נישט איינמאָל דערלאַנגט איינער דעם צווייטן אין די זייטן. מען רופט זיי „די פאַרמיטלער“. זייערע מיידלעך

האַלטן זיי אין די נאָענטסטע שמאָלע געסלעך. אַמאָל נעמען זיי מיט מיט זיך איינע פון זיי.

ס'טרעפט, אַז איינער אַזאַ לאָזט־אַראָפּ אַ קלינגענדיקן פּאַטש זיינס אַ מיידל. זי שלינגט עס אַראָפּ ווי גאָרנישט איר מיינט מען. פאַרבייגייער זעען דאָס, אָבער מען מישט זיך נישט. דאָס איז אַ גאַנץ אַנדערע וועלט, אין וועלכער מען וויל נישט אַריינגיין.

פאַראַן נאָך אַ רייע טיפּן, וועלכע מען באַצייכנט דאָ מיט איין אַלגע־מיינעם נאָמען: „היימלאָזע".

איינמאָל — דערציילט מיר דער קאַסירער — קום איך עפענען די קאַסע, פריער ווי געוויינלעך, ווייל איך האָב דאָרט געהאַט אַרבעט, און טרעף דאָרט אויף די טרעפּ ביים אַריינגאַנג, האַלבשלאָפנדיק, אַ בחור פון אַ יאָר צוואַנציק. איך פּרוּוו אים וועקן. ער מרוזשעט מיט די אויגן און נעמט זיך געשמאַק שיבערן און קראַצן איבערן לייב. ס'לאָזט זיך גלייך דערקענען מיט וועמען מ'האָט דאָ צו טאָן.

— וואָס טוסטו דאָ?

— איך בין געקומען שלאָפן.

— און וווּ שלאָפסטו שטענדיק?

— נישטאָ קיין פּלאַץ פאַר שטענדיק.

ער רעדט עברית געמישט מיט פראַנצויזיש. אין קורצן דערציילט ער אַזוי:

...איך האָב געלעבט אין אָראַן (אַלזשיר) צוזאַמען מיט מיינעם אַ יונ־גערן ברודער און שוועסטער. האָט מען מאָביליזירט ביי אונדז סאָלדאַטן צו באַפרייען פּאַלעסטינע פאַר די יידן. האָט מען מיך אויך אַנגענומען. בין איך געקומען צוזאַמען מיט נאָך אַ גרופּע. מע האָט מיר מורא געהאַט צו געבן אַ ביקס, טאָמער וועל איך זי פאַרלירן. איך האָב געשוואוירן, אַז כ'וועל זי נישט פאַרלירן, אָבער זיי האָבן מיר נישט געגלויבט און געשיקט אַר־בעטן אין קיך. אַז די מלחמה האָט זיך געענדיקט, האָט מען מיך באַפרייט. איך האָב באַקומען פאַר מיין אַרבעט פערציק פונט. מע האָט מיך געשיקט אויף זשאַבאָטינסקי־גאַס אין אַ לאַגער, דאָרטן צו שלאָפן אַזוי לאַנג ביז איך וועל מיר געפינען אַרבעט. בין איך דאָרטן געשלאָפן צוויי טעג. אויפן

דריטן טאָג האָט מען מיר אַרויסגעגנבעט די פּערציק פונט און מען האָט מיך אַרויסגעטריבן.

דער בחור טשאָכעט זיך אויס אַביסל, שטייט אויף און רעדט ווייטער:

...מע רופט מיך טשאַרלי. איר קאָנט שרייבן פראַנצויזיש? אָט אין דעם צעטעלע איז דער אַדרעס פון מיין מאַמען. שרייבט איר אַ בריוו, איך בעט אייך, אַז איך בין שוין נאָך דער מלחמה. איך בין געזונט און זאָל זי נישט זאָרגן.

וווהין איך האָב דעם בחור נישט געשיקט, — דערציילט דער קאַסי־רער — האָט מען מיט אים נישט געוואָלט רעדן. עסן פאַר אים איז נישט געווען אַזאַ גרויס פּראָבלעם, ווי צו געפינען אים ווו דעם קאָפּ אַוועקצולייגן. האָב איך אים איינינקע מאָל אַריינגענומען אין קאַסע־צימערל אויף איבער־נאַכט. איז עס אָבער נישט געפעלן געוואָרן מיין שכן פון נאָענטן קיאָסק. האָב איך פּרובירט אים אַרייננעמען אין טעאַטער, שפּעט ביינאַכט, הינטער די קוליסן. אויף צומאָרגנס קומט צו מיר דער פאַרוואַלטער פון דער גאַר־דעראָבע מיט אַ געוואַלד: סטייטש? ער וועט דאָך פאַרלייזיקן די אַלע קליידער, קורטינעס און דאָס מעבל. איז פלעגט ער אַמאָל אַוועקגיין שפּעט ביינאַכט אין אַ טרעפּן־צימער, זיך איינגעוויקלט אין שמאַטעס און געשמאַק געשלאָפן. אָבער אַז דער באַלעבאָס פון הויז מיט זיין ווייב זענען אַהיימגע־קומען נאָך שפּעטער, האָבן זיי אים פאַרטריבן פון דאָרטן. דעם מאַן האָט עס אייגנטלעך נישט געאַרט, זאָל ער שלאָפן. אָבער זיין ווייב איז אַריינ־געפאַלן אין אַ גרימצאָרן: וואָס הייסט? ערשט היינט אינדערפרי האָט מען געוואַשן די טרעפּ. און ווער ווייסט, אפשר איז די גאַנצע זאַך אַן אָנשטעל: ביינאַכט וועט ער אַריינגיין מיט אַ נאָכשליסל צו די שכנים און זיי באַ־גנבענען. ניין, ס'איז נישט דערלאָזבאַר, איך טעלעפאָניר גלייך נאָך פּאָליציי. ס'איז שנעל געקומען אַ פּאָליציי־אויטאָ, מען האָט דעם בחור אויפגעוועקט, אַריינגעוואָרפן אים אין אויטאָ און אָפּגעפירט אין דער צענטראַל־פּאָליציי אויף דיזנגאָף־גאַס.

אויף צומאָרגנס קומט צו מיר טשאַרלי און דערציילט מיר, אַז ס'איז אים דאָרטן געווען גאַנץ גוט. ס'איז געווען וואַרעם צו שלאָפן און אינדערפרי האָט מען אים געגעבן אַ גלאָז טיי מיט ברויט. דעם טאָג איז ער אָפּגעשטאַנען

ביי מיין פענצטערל אַ פריילעכער, אַ גליקלעכער. צו דער מאַמען, זאָגט איר, האָט איר שוין געשריבן און אַ פּלאַץ צו שלאָפן איז אויך פאַראַן, איז זייער גוט.

אין אָוונט איז ער אַוועק צו דער זעלבער פּאָליציי און גלייך געוואָלט אַריין אין דעם צימער וווּ ר׳איז מיט אַ נאַכט פריער געשלאָפן. ערשט ער הערט אַ געשריי:

— חבר, וואָס מיינסטו, דאָ איז אַ האָטעל? טראָג זיך אָפּ פון דאַנען.

— אָבער, אָבער איך וויל דאָך דאָ נאָר שלאָפן.

— נישטאָ דאָ קיין אָרט צו שלאָפן, האָט מען דיר געזאָגט!

איז וואָס טוט מען ווייטער? — בין איך אַוועק אין דער סאָציאַלער אָפּטיילונג פאַר היימלאָזע און דאַכלאָזע קינדער און געזאָגט זיי, אַז דער בחור איז גרייט צו יעדער פיזישער אַרבעט, אָבער ער נויטיקט זיך אין אַ פּלאַץ צום שלאָפן.

— ס׳טוט מיר לייד — ענטפערט מיר דער פאַרוואַלטער פון הויז.

— פאַרוואָס?

— דערפאַר ווייל דאָס הויז איז שוין איבערפולט. און ווען איך זאָל ספּעציעל ווענדן אים אַריינפּאַקן אַהינצו, וועלן אים די חברה נישט אָננעמען.

— וואָס הייסט? וואָסער חברה?

— שטעלט אייך פאָר, איך האָב אַוועקגעשיקט אַהינצו צוויי יוגנטלעכע פון טוניס. אויפן דריטן טאָג קומט צו מיר צו לויפן דער אויפזעער פון הויז מיט אַ געוואַלט, אַז דאָרטן קומען פאַר געשלעגן אויף מעסערס. אַרויסגע־שטעלט האָט זיך, אַז די ערשטע צוויי נעכט זענען די טוניסער ייִנגלעך געשלאָפן רואיק: ביינאַכט געקומען, אינדערפרי אַוועקגעגאַנגען — אַלץ אין אָרדענונג. אויף דער דריטער נאַכט, האָבן זיי אַהינצו אַריינגעלאָזן עלטערע טוניסער בחורים. די לעצטע האָבן נאָך אַריינגעברענגט מיידלעך מיט אַראַק און אײַפגעהויבן אַזאַ טומל, אַז ס׳איז נישט מעגלעך געווען איינצושלאָפן. האָבן די חברה זיך אָרגאַניזירט און די טוניסער מער נישט אַריינגעלאָזן אין הויז. אייער בחור איז אַן אַלזשיריאַנער — זאָגט איר — וועלן די חברה מורא האָבן און אים נישט אַריינלאָזן.

האָב איך סוף־כל־סוף געפונען פאַר אים אַ פּלאַץ אין אַ בעקעריי

פון זיסוואַרג. דאָרטן האָט ער געאַרבעט, באַקומען עסן און שלאָפן. פלעגט ער זיך אָבער באַקלאָגן, אַז קיין ריכטיק עסן באַקומט ער נישט דאָרטן, ווייל מען גיט אים נאָר קוכנס מיט קאַווע. דאָס איז דאָך נישט קיין עסן, ער בענקט נאָך אַ שטיקל ברויט און אַביסל געקעכץ. שבת איז געווען נאָך ערגער: די באַלעבאַטים האָבן מורא געהאַט אים צו לאָזן אַליין, טאָמער וועט ער עמיצן עפּעס אַרויסגעבן. איז ווי ס'איז געקומען פריִיטיק פאַר־נאַכט, ביים פאַרמאַכן די בעקעריי, האָט מען אים פאַרשלאָסן אין אַ קלאָזעט ביז זונטיק אינדערפרי. פונדעסטוועגן האָט ער אַלץ פאַרליב גענומען, ווייל דער פּאָסטן איז שוין געווען דער בעסטער, וואָס מען האָט געקאָנט פאַר אַזאַ בחור אויסגעפונען. אָבער אויך דאָס האָט זיך געענדיקט: אַ רייזע־ביוראָ האָט אָפּגעקויפט דעם לאָקאַל און די בעקעריי האָט זיך ליקווידירט.

פון דעמאָלט אָן איז ער שוין געשלאָפן אין רינשטאָקן, אין אָפּטריטן, אין גאַראַזשן און אין בודעס פון הינט — אָבער פון אומעטום האָט מען אים געטריבן.

איינמאָל האָב איך אים געטראָפן שטייענדיק ביים קינאָ „מגדל אור" אויסשטרעקנדיק אַ האַנט. האָב איך אויף אים אָנגעשריגן: דאָס טאָר מען נישט. פאַרענטפערט ער זיך, אַז ס'איז פאַראַן אַ האָטעל, וווּ מען בעט נאָר איין פונט פאַרן איבערשלאָפן. אַ חוץ דעם וויל ער אָנזאַמלען אַביסל געלט און פאָרן קיין אָראַן. דאָס געלט וועט ער אַוועקגעבן דער מאַמען און זיך קאָנען אויסשלאָפן. נאָכדעם איז ער מיר פאַרשוווּנדן. פאַרפאַלן ווי אין וואַסער אַריין.

איינמאָל — דערציילט מיר ווייטער דער קאַסירער — שטעלט זיך מיר אַוועק ביים פענצטערל, אַ בלאַס, יונג בחורל, מיט גרויסע רויטע אויגן, אין אָפּגעטראָגענע קליידער און קוקט ווי איך לייג איין מיינע בילעטן, ווי איך רעד מיט די קויפערס און צו אַלץ וואָס איך טו.

— וואָס ווילסטו?

— איך וויל אַריינגיין אין טעאַטער, איך האָב ליב טעאַטער און מוזיק.

— דאָס קאָסט דאָך געלט.

— אָט איז געלט.

ער לייגט מיר אַוועק אויפֿן קאַסע־פֿענצטערל אַ קופּקעלע מיט קליינע מטבעות, איך צייל איבער און זאָג צו אים:

— דאָס קאָסט מערער.

— מערער האָב איך נישט.

איך האָב דעם בחור געגעבן אַ בילעט און ער איז אַריין אויף דער פֿאָרשטעלונג. אויף צומאָרגנס קומט צו מיר דער פֿאַרוואַלטער מיט אַ טענה:

— ווי פֿאַלט איר אויס אַזאַ בחור אַריינצולאָזן אין טעאַטער? ער זעט דאָך אויס ווי אַ גאַסן־בעטלער.

— ער האָט מיר באַצאָלט פֿאַר אַ בילעט, צו זיינע קליידער האָב איך זיך נישט צוגעקוקט.

צומאָרגנס, ווען כ׳בין געקומען צו מיין אַרבעט, זע איך ווי דער בחור שטייט לעבן די טעאַטער־אַפֿישן און מאַכט אויף זיי צייכענונגען.

— וואָס שרייבסטו דאָ?

— איר זעט נישט? אָט האָב איך דאָ אָנגעצייכנט דעם אַרטיסט יוסף ידין, אין דער ראָל וואָס ר׳האָט נעכטן געשפּילט. און דאָ האָט איר חנה מירון אין איר ראָל. און דאָ מאַך איך די גאַנצע סצענע.

— וואָס איז דיין פֿאַך? וואָס טיסטו?

— איך קאָן מאָלן, אָבער איך געפֿין נישט קיין אַרבעט.

— ווו נעמסטו אויף צו לעבן?

— ס׳איז נישט גוט, אַ ביסל נעם איך פֿון באַקאַנטע פֿון אונדזער שטעטל. אָבער ערגער איז מיטן שלאָפֿן, קיינער פֿון זיי נעמט מיך נישט אַהיים צו שלאָפֿן.

— ביי טאָג גיי איך אַרום און זוך מיר אויס אַ פּלאַץ ווו צו שלאָפֿן ביינאַכט. למשל איך האָב אויסגעפֿונען אַז אויף זשאַבאָטינסקי־גאַס בויט מען אַ ניי הויז. בין איך אַהינצו אַריינגעקראָכן, געפֿונען דיקע סמאָלע־פּאַפּירן, מיט זיי זיך צוגעדעקט און געשמאַק געשלאָפֿן. די צווייטע נאַכט האָט מיך דער שומר נישט אַריינגעלאָזט. בין איך אָפּגעגאַנגען אַ פּאָר גאַסן, ביז איך בין אַרויף אין אַ ניי־געענדיקט הויז, האָב איך ד׳אָרטן געפֿונען אויפֿן דאַך אַ גרויסן קאַסטן פֿון אַ קלאַוויר, מיט אַ סך שמאַטעס, ס׳איז געווען זייער אַ גוט געלעגער. אָבער דאָס האָט זיך שוין געענדיקט. געקומען דער

בוי־מייסטער און האָט דעם קאַסטן צוגענומען. אין שדרות ראָטשילד אויף די בענק איז אויך נישט שלעכט צו שלאָפן, ווען ס׳וואָלט נישט געווען קיין ווינט און קיין רעגן.

— דו ביסט פעאיק צו צייכענען, אפשר וואָלסטו זיך געלערנט אַ פאַך?

— איך בין שוין געווען אין „אַרט״־שולן, האָט מען פאַרלאַנגט פון מיר אַ צייגעניש אַז איך האָב געענדיקט אַ קליינע שולע. זיי זאָגן מען דאַרף אויך צאָלן שכר־לימוד. די הויפּטזאַך, זאָגן זיי, אויב איך האָב אַן אָרט צום שלאָפן און עסן. איז פון דעם אַלעם גאָרנישט געוואָרן.

איינמאָל, די ערשטע נאַכט חנוכה, קומט ער צו מיר צו:

— עס פעלט מיר נאָר איין האַלבער פונט.

— צו וואָס?

— איך גיי אין שול אַריין און דאַרף באַצאָלן דעם שמש אַ האַלבן פונט פאַר זאָגן קדיש נאָך מיין טאַטן. חנוכה איז זיין יאָרצייט. דאָס געדענק איך גוט.

— ווען איז דאָס געווען?

— ווען דער דייטש האָט געהאַלטן ביים אַריינגיין, האָט מען געשריגן: יידן לויפט! ראַטעוועט אייך ווו איר קאָנט. איז דער טאַטע מיט מיר גע־לאָפן קיין רוסלאַנד. די מאַמע איז געבליבן, אָדער אויך געלאָפן, כ׳ווייס נישט וווהין. אַ לאַנגע צייט איז מען געווען אין רוסלאַנד. געאַרבעט אין אַ וואַלד און מיין טאַטע איז געשטאָרבן. איז געווען דאָרטן אַ ייד, זאָגט ער צו מיר: זישע, זאָלסט שטענדיק געדענקען, אַז די יאָרצייט נאָך דיין טאַטן פאַלט־אויס דעם ערשטן טאָג חנוכה. געדענק איך דאָס גוט און יעדן חנוכה זאָגט פאַר מיר קדיש דער שמש אין שול.

— און ווי אַזוי קומסטו אַהערצו קיין ארץ־ישראל?

— אין רוסלאַנד האָט זיך געשאַפן אַ פוילישע אַרמיי. זאָגט צו מיר אַ פוילישער זעלנער: מיר גייען קיין פאַלעסטינע. מירן דיך מיטנעמען, דאָרטן איז וואַרעם און ס׳וועט דיר זיין גוט. בין איך געגאַנגען.

אַ לענגערע צייט האָט ער זיך נישט געוויזן. מיטאַמאָל באַווייזט ער זיך ביים פענצטערל אַ פאַרוואַקסענער מיט אַ באָרד.

— פאַרוואָס האָסטו זיך פאַרלאָזט אַ באָרד?

— פֿאַרשטייט איר, איך האָב דאָך געזוכט פּרנסה, בין איך אַריינגעפֿאַלן קיין בני־ברק אין אַ שטיבל פֿאַר אַן אונטער־שמש. האָט מען מיר געזאָגט, אַז מען טאָר זיך נישט ראַזירן. דאָרטן האָב איך געגעסן, געשלאָפֿן און ס׳איז מיר געווען ווויל ווי די וועלט.

— איז וואָס טוסטו איצטער אין תל־אביב?

— פֿאַרשטייט איר, אַז דאָס האָט זיך שוין אויך געענדיקט.

— פֿאַרוואָס?

— ווייל זיי ווילן, אַז איך זאָל דאַווענען און לייגן תפילין. אַזעלכע זאַכן איז דאָך קיינמאָל נישט געווען קיין צייט צו לערנען. האָט מען מיך געהייסן גיין.

ס׳איז אַוועק אַ שטיקל צייט און ער באַווייזט זיך ביים פֿענצטערל אַ צעשטראַלטער.

— וואָסי?

— איך האָב געפֿונען מיין מאַמען. אַ באַקאַנטער פֿון אונדזער שטעטל טרעפֿט מיך אין גאַס, זאָגט ער: זישע, גיי שנעל אין שכון עממי, דאָרטן וווינט דיין מאַמע. בין איך אַוועקגעגאַנגען, מיין מאַמע האָט שוין דערווייל חתונה געהאַט מיט אַן אַנדערן מאַן און אַפֿילו אים געבוירן אַ קינד. דער נייער טאַטע איז געווען זייער בייז און געשריגן, אַז ס׳איז נישטאָ דאָ קיין אָרט צו שלאָפֿן. האָט מיין מאַמע שטאַרק געוויינט, האָט ער מיך געלאָזן זיין דאָרט אַ גאַנצע וואָך. שפּעטער איז אונטערגעקומען אַ וועגעלע וואָס פֿירט אייז. האָב איך פֿאַרדינט אַ פּאָר פּיאַסטערס און זיי אַוועקגעגעבן דעם טאַטן איז ער געווען צופֿרידן. אָבער אַז ס׳איז געוואָרן ווייניקער אייז צום טראָגן, שרייט ער אויף מיר: טראָגן אייז איז נישט קיין פֿאַך, זאָל איך גיין און זיך אויסזוכן אַ גוטע אַרבעט. ער לאָזט מיך נישט מערער שלאָפֿן אין שטוב. דריי איך מיך ווידער אַרום.

— אפֿשר פֿאַרט וועסטו געפֿינען אַ מאָלער וואָס וועט דיך מיטנעמען צו דער אַרבעט?

— אַז איר פֿאַרשטייט נישט, איך דאַרף מיר אויסזוכן אַ פּלאַץ צום שלאָפֿן.

זינט דעמאָלט האָב איך אים שוין מער נישט געזען.

— נאָר אויב איר ווילט הערן נאָך אַזעלכע „געשיכטעס" — זאָגט צו מיר דער קאַסירער — וועל איך אייך דערציילן.

— אדרבא, דערציילט.

...איינמאָל שטעלט זיך אַוועק לעבן פענצטערל אַ תימנער בחורל. פאַרשמירט, פאַריסט, אינגאַנצן הויט און ביינער. קיין פלייש איז אויף אים נישטאָ. זיינע שוואַרצע ברענענדיקע אויגן גלאַנצן און זינגט זיך צו אַן ענגלישן שלאַגער.

— דו זינגסט ענגליש?

— איך ווייס נישט אויב דאָס איז ענגליש. איך ווייס נאָר, אַז יעדער נאַכט זינגט מען דאָס אין קינאָ.

— אַזויפיל געלט האָסטו, אַז דו גייסט יעדער נאַכט אין קינאָ?

— איך באַצאָל נישט קיין געלט. איך אַרבעט דאָרטן, העלף מאַכן ספּאָנדזשע, אַרויסטראָגן ס'מיסט און אַלץ וואָס מען דאַרף.

— ווו לעבסטו? ווו וווינסטו?

— איך האָב דיר געזאָגט: איך אַרבעט, עס און שלאָף אין קינאָ. וואָס אַן אמת, עס איך אײַנדרויסן אויף דער לופט, אויף די גרויסע טרעפּ. שלאָפן ביינאַכט אין קינאָ איז אויך נישט גוט.

אַמאָל אין אַ פרייטיק קומט ער צו צום פענצטערל.

— אַדוני הקופאי, טו מיר אַ טובה, באָרג מיר איין פונט מיט צוואַנציק פּיאַסטערס. זונטיק וועל איך דיר דאָס געלט צוריק אָפּגעבן.

— אויף וואָס דאַרפסטו דאָס געלט?

— היינט איז פרייטיק, וויל איך אַהיימפאָרן זען די מאַמען.

— ווו וווינט איר?

— מיין טאַטע־מאַמע מיט די קינדער וווינען אין ראשון־לציון. פאַראַן אַ חוץ מיר צען קינדער. דער טאַטע לאָזט מיך נישט אַריין. נישטאָ קיין אָרט, שרייט ער. אָבער אַז איך גיב אים זעכציק פּיאַסטער, לויפט ער אַוועק קויפן אַראַק, און איז זייער גוט צו מיר. נאָך זעכציק פּיאַסטער דאַרף איך אויף די הוצאות.

גלייך צום צוגעזאָגטן טערמין האָט ער מיר צוריקגעבראַכט די הלוואה מיט אַ שמייכעלע און צוברומענדיק דעם ענגלישן שלאַגער.

איינמאָל קומט ער צו מיר צו אַן אומעטיקער און שווייגט.

— וואָס הערט זיך?

— נישט גוט. שלעכטע מענטשן, אַ שלעכטע וועלט.

— וואָס איז געשען?

— פרישע פאַראָרדענונגען. זיי זאָגן, אַז איך קאָן נישט גוט מיין פאַך. בקיצור, מען האָט מיך שוין געבוגן.

— וואָס האָסטו בדעה צו טאָן?

— אריה, וואָס שטופּט אַ וועגעלע מיט צייטונגען, פאַרזיכערט מיר פּרנסה. כ׳זאָל אַרומלויפן פאַרקויפן צייטונגען אויפן שפת הים.

— אויב אַזוי איז גוט.

— ס׳איז נאָך נישט גוט, דערווייל זוך איך אַן אָרט צום שלאָפן, און פאַרדינט האָב איך קוים אויף אַ פאַלאַפעל.

מיט אַ וואָך שפּעטער קומט ער צולויפן אַ פאַרסאָפּעטער:

— איר ווייסט, אַז היינט איז פרייטיק?

— יאָ, איך ווייס, איז וואָס?

— מוז איך שנעל לויפן צום אויטאָ קיין ראשון, איידער ס׳ווערט שבת. פון צייטונגען שוואַכע פאַרדינסטן, קוים צום עסן. און שלאָפן ביים ים איז קאַלט. איך וויל אויף שבת אַהיימפאָרן צו דער מאַמען און שלאָפן אין אַ צימער. גיט מיר נאָך אַ הלוואה איין פונט מיט צוואַנציק פּיאַסטערס, איך וועל אייך צוזאַמען אָפּגעבן.

אויך דער תּימנער בחור איז פאַרשוווּנדן פון האָריזאָנט.

⁂

ביים קינאָ מוגראַבי דרייען זיך אַרום איבערקויפערס. ווער ס׳פאַר־שפּעטיקט, אָדער וויל נישט שטיין אין דער רייע, קופט ער ביים איבער־קויפער. פאַראַן איינער אַזאַ איבערקויפער, וואָס די גאַנצע שטאָט קען אים שוין. ער מאַכט דעם גרעסטן אומזאַץ. ער האַלט זיינע בילעטן באַהאַלטן אין אַ נאָענטן צימער. ביי זיך האַלט ער נאָר עטלעכע בילעטן. קומט אַ קויפער ווערט ער מיט אים פריער פאַרטיק מיטן פּרייז. דאַן זאָגט ער: וואַרט אַ ווײַלע, לויפט אַרויף אין זיין באַהעלטעניש און ברענגט־אַראָפּ די סחורה.

און ס׳איז פאַראַן נאָך אַן איבערקויפער, אַ לא יצלח. אַ מענטש אַריבער

די פופציקער. אַ בלייכער, אַ קרענקלעכער, באַוועגט זיך לאַנגזאַם. דער־נענטערט זיך צו אים אַ קונה, רינגלען אים אַרום יונגע חברה און אויך עלטע־רע, מיט געוואַלדן: קויפט נישט! מ׳דאַרף נישט קיין ספסרים... איינער ציט אים פאַרן צעריסענעם אַרבל און צערייסט אים נאָך מערער. אַן אַנדערער שטויסט אים סתם אין דער פּלייצע אַריין. אַנדערע שרייען: פּאָליציי! פּאָ־ליציי! נישט דערלאָזבאַר קיין ספסרות!... אַ פּאָליצייאישער אויטאָ דער־נענטערט זיך. מען פאַרטרייבט דעם אַרומיקן בייגעריקן עולם און דעם אַלטן ספסר פירט מען אָפּ אין פּאָליציי־קאָמיסאַריאַט. דער יונגער שטייט פונווייטנס און האַלט זיך פאַר די זייטן.

— איר האָט אַ סך בילעטן?

— ניין, בסך הכל האָב איך געקויפט צען. כ׳האָב מורא צו ריזיקירן.

— מען באַקלאָגט זיך, אַז הונדערטער בילעטן ווערן פאַרקויפט אויף מוגראַבי־פּלאַץ פאַר אויפגעשרויפטע פרייזן!

— דאָס איז אמת, אָבער דאָס מאַכט ער, דער ממזר, ליפּע, ער האָט אַנגעשטאָפּטע קעשענעס מיט בילעטן. אָבער נישט איך. און דערצו איז ער אַזאַ מנוול, אַז ער פאַרגינט מיר נישט די פאָר בילעטן וואָס כ׳פאַרקויף, שיקט ער אונטער פרענקישע יינגלעך, זיי זאָלן שרייען און אַראָפּטרייבן מיך פון פּלאַץ.

— וויפל האָט איר נאָך איצטער?

— פיר בילעטן.

— וויפל קאָסטן זיי?

— פיר פונט מיט אַכציק פּיאַסטערס.

— גיט אַהער די בילעטן, דאָ האָט איר געלט און גייט אַהיים זיך אויסרוען.

אין אַ שיינעם פרימאָרגן שאַרט זיך צו צו מיר דער אַלטער ספסר און לענט זיך אָן ביים פענצטערל.

— שלום.

— שלום.

— איר האָט געזען וואָס ס׳האָט זיך דאָ געטאָן שבת צונאַכט?



נישט דערלאָזבאַר קיין ספסרות...

— ניין.

— מען האָט דאָך מיך גענומען אין דער פּאָליציי.

— דאָס איז נישט אין אָרדענונג.

— דאָס איז נישט אין אָרדענונג, זאָגט איר? דאָס זענען דאָך חיות! נישט קיין מענטשן! אַזאַ מאַן ווי איך, לאָזט מען מיך נישט לעבן. מען דערגייט מיר די יאָרן.

— אפשר וואָלט איר געזוכט אַן אַנדער באַשעפטיקונג?

— ווו? וואָס? שוין דרייסיק יאָר בין איך אין לאַנד. געאַרבעט אין סולל בונה, געשלעפּט ציגל און געטראָגן ליים. ביז ס'איז געשען מיט מיר אַ צופאַל — איך בין געפאַלן און צעקלאַפּט זיך אַ פוס. גיין גלייך קאָן איך שוין נישט. זאָגן זיי אַז כ'בין אַן אינוואַליד און כ'דאַרף מערער נישט אַרבעטן.

— וואָס האָט איר באַקומען?

— עטלעכע הונדערט פונט, און דאָס איז אַלץ.

— וואָס מאַכט איר מיטן געלט?

— מען דאַרף דאָך לעבן, מען דאַרף דאָך עסן.

— און אייער פאַמיליע?

— מיין פאַמיליע? בעסער פרעגט נישט. נישטאָ קיין ווייב, נישטאָ קיין קינד, קיין רינד — גאָרנישט. איינער אַליין אויף גאָטס וועלט. איין זאַך האָב איך גוט געטאָן: איך האָב מיר געדונגען אַן אייגענעם צימער ביי אַ פאַמיליע אויף שליסל־געלט. מען דאַרף דאָך האָבן ווו דעם קאָפּ אָוועקצולייגן. ניין?

— און ביז איצטער ווו איז געווען אייער דירה?

— אַ דירה? — אַ קבירה איז דאָס געווען. איך בין געשלאָפן אין די בודעס, באַ יעדער בוי־אַרבעט איז פאַראַן אַ שטיקל בודע. דאָרטן בין איך געשלאָפן.

— אפשר וועט איר איצטער אַרבעטן אַלס שומר אין זעלבן סולל בונה ביי די נייע בנינים?

— דאָס איז אַ גוטער פּלאַן. ווילן זיי מיך נישט.

— פאַרוואָס?

— פאַרוואָס? איר זעט אויס צו זיין נישט קיין היגער, דאָ דאַרף מען פּראַטעקציע. איך האָב עס נישט.

נאָכדעם ווי איך האָב אָנגעוואָנדן אַ שטאַרקע אינטערווענץ, האָט מען דעם מענטשן אָנגענומען אַלס אַ שומר.

ער פלעגט זיך אָבער באַקלאָגן, אַז די באַציאונג צו אים איז זייער אַ שלעכטע. דווקא דערפאַר ווייל ער איז אַ וואָכער מענטש, וואַרפט מען אים צו אַרבעט; נאָכדעם ווי ער ווערטעוועט אָפּ אַ גאַנצע נאַכט, גיט מען אים אַ קישקע ער זאָל באַגיסן מיט וואַסער דעם ביי־געגאָסענעם דאַך. אַפילו ראש־השנה און יום־כּיפּור באַפרייט מען אים נישט פון פלאַץ. האָט איר שוין אַזאַ זאַך געהערט?

איינמאָל, אין מיטן טאָג, קומט ער צו צו מיר אַן אויפגערעגטער אַ צע־בלוטיקטער: דאָס זענען דאָך חיות נישט קיין מענטשן! זיי מאַכן דאָך מיך משוגע!

— וואָס איז געשען?

— וואָס? אדרבא, קומט מיט מיר אַרויף אין מיין דירה, וועט איר זען וואָס עס טוט זיך. אַז איך קום אַ מידער אַהיים און וויל שלאָפן, באַפאַלן זיי מיך אַלע — דער מאַן, זיין ווייב און זייערס אַ יינגל, און קלאַפּן אין מיין טיר אַזוי, אַז מען קאָן טויב ווערן. זאָג איך צו זיי: איר שעמט אייך נישט, אַן אַלטן מאַן אַנטאָן אַזעלכע צרות? האָבן זיי אויפגעהערט צו קלאַפּן. אָבער זיי האָבן אויפגעריסן די גלעזערנע טיר און וואַרפן מיר אַריין אַהינצו שמאַטעס, שמוץ און שטיינער.

איך האָב מיר גענומען צייט און אַרויפגעגאַנגען צו זיינע באַלעבאַטים.

— וואָס קומט דאָ פאַר?

— איר זעט: אָט דער־אָ מענטש איז אַ משוגענער. מיר ווילן נישט לעבן צוזאַמען מיט אַ משוגענעם.

— אָבער דער מענטש מאַכט אייך נישט אָפּ קיין צרות, און איר לאָזט אים נישט זיך אויסשלאָפן אין זיין צימער פאַר וועלכן ער האָט אייך גע־געבן שליסל־געלט.

— איך וועל אייך זאָגן דעם אמת — רופט זיך אָפּ דער מאַן — איר זעט מיין ווייב איז אין אַנדערע אומשטענדן, צוויי קינדער האָב איך שוין,

וועט קומען אַ דריטס. דאַרף איך דעם צימער פאַר זיך. ווי אַזוי קאָן מען אים אַרויסבעגדיקן? מען וועט אים מאַכן צרות וועט ער אַנטלויפן...

איך האָב קוים געפועלט ביי די מענטשן, זיי זאָלן האָבן אַביסל געדולד נאָך אַ געוויסע צייט און אים לאָזן רואיק לעבן, ביז פאַר די קליינע סומע וואָס זיי גיבן אים, וועל איך מיך באַמיען צו באַקומען פאַר אים אַ שיכון.

מיט עטלעכע חדשים שפּעטער איז ער געקומען צו מיר און מיר שטאַרק באַדאַנקט פאַר דער גאַנצער טירחה. ער האָט שוין באַקומען דעם שיכון.

אַ לענגערע צייט בין איך געווען אין חוץ־לארץ. ווען כ׳בין צוריקגעקומען אין לאַנד אַריין בין איך גלייך אַוועק זען דעם מענטשן אין זיין שיכון.

די דירה איז געווען געשלאָסן. שכנים האָבן מיר דערציילט, אַז שוין צוויי חדשים ווי דער מענטש איז נפטר געוואָרן. דערוווּסט האָט מען זיך דורך דעם, וואָס אַז ווען מען איז פאַרביי זיין טיר האָט זיך געהערט אַ שלעכטער ריח. די פאָליציי האָט געעפנט די וווינונג און ס׳איז פעסטגעשטעלט געוואָרן, אַז דער מענטש איז שוין געלעגן טויט דריי טעג.

איך בין אַוועק צום אפּוטרופּוס אין וועמענס הענט ס׳ליגן זיינע פאַר געבליבענע פונטן, און דער שיכון פאַר וועלכן ער האָט די גאַנצע צייט געצאָלט.

— ביי אייך געפינט זיך דער תיק פון נפטר שלמה...?

— יאָ, ביי מיר. און איר זענט זיינער אַ קרוב? איר פּרעטענדירט אויף ירושה?

— ניין. איך בין אַ גאַנץ פרעמדער. איך האָב דעם מענטשן זיינערצייט געהאָלפן. איך וויל נאָר, אַז פון זיין אָרעם געבליבן פאַרמעגן זאָלט איר אים שטעלן אַ מצבה.

— מאַכט אייער בקשה שריפטלעך. ס׳עט נעמען אַביסל צייט, כ׳מיין מיר וועלן אייער בקשה דערפילן.

*

אויפן בית־הקברות אין קרית שאול, ווייט, ווייט לעבן פלויט, טיילט זיך אויס אַ מצבה מיט אַן אויפשריפט:

פ. נ.
בודד וגלמוד
איש היגע והעמל
שלמה ב״ר יצחק בורובסקי
נפטר יט׳ סיון תשכ׳
ת נ צ ב ה

---

— נו, איר ווילט נאָך געשיכטעס? — פרעגט מיך דער קאַסירער.
— ניין, גענוג!

## עפּיזאָדן

א כינעזער דאַרף טרינקען טיי!

פון לאָס־אַנזשעלעס האָב איך באַדאַרפט אָפּפליען קיין ראָטשעסטער.

די טאַקסי וואָס האָט מיך געבראַכט צום פלי־פעלד האָט אַביסל פאַרשפּעטיקט. ווען איך בין אָנגעקומען צו מיין עראָפּלאַן, זענען שוין די מאָטאָרן געווען אין באַוועגונג.

דאָס האַרץ האָט מיר שטאַרק געקלאַפּט און אויך וויי געטאָן.

איך האָב אָנגעכאַפּט איינס פון די זעקס טרעפּלעך, וואָס פירן אַרויף צום עראָפּלאַן און זיך געטראַכט: אַז איך האַלט צו די טרעפּ וועט דאָך שוין דער עראָפּלאַן אָן מיר נישט אַוועקפליען. (פאַרן אָפּפליען ציען זיך די טרעפּ אויטאָמאַטיש אַריין אין עראָפּלאַן).

אָבער אויבן שטייען צוויי סימפּאַטישע מיידלעך און שרייען צו מיר: גיכער, גיכער מיסטער, מיר פליען!

האָב איך מיך אָנגעשטרענגט און אַרויף אין עראָפּלאַן.

איין מיידל באַווייזט מיר מיין פּלאַץ און זאָגט, אַז אַלע דאַרפן זיך צו־גאַרטלען צו די בענקלעך, ווייל מיר הייבן זיך איצטער אויף איבער די וואָלקנס.

צו מיין האַרץ־ווייטיק טראָג איך שטענדיק מיט זיך פּילן. אויך דאָסמאָל. מאַלע וואָס עס מאַכט זיך אין וועג... כדי אָבער צו נעמען אַ פּיל, דאַרף מען, ווי געוויינלעך, נאָכטרינקען אַ ביסל וואַסער. שטיי איך אויף פון מיין פּלאַץ, גיי צוריק צום אַריינגאַנג, וווּ ס'זיצן די צוויי מיידלעך און איך בעט ביי זיי אַ ביסל וואַסער.

ווערן זיי ביידע שטאַרק אין כעס אויף מיר: סטייטש? פאַרוואָס בין איך אויפגעשטאַנען פון מיין פּלאַץ? דאָס איז דאָך געפערלעך! אָבער אַזוי ווי זיי האָבן מורא געהאַט אַז איך זאָל נישט אומפאַלן, האָבן זיי מיך אַוועקגעזעצט אויף אַ שמאָל בענקל צווישן זיך.

איינע, פון דער רעכטער זייט און די צווייטע — פון דער לינקער זייט. זיי האָבן מיך אַרומגענומען און פעסט צוגעהאַלטן, ווי אַ שטייגער ביידע צוזאַמען האָבן זיך מיטאַמאָל אין מיר פאַרליבט...

זיי האָבן מיך שוין אַביסל צו שטאַרק געדריקט. שריי איך אויס אויף יידיש:

— געוואַלד, איר דערשטיקט מיך!

פרעגט מיך די עלטערע:

— איר רעדט יאַפּאַניש?

— ניין, ענטפער איך, — דאָס איז כינעזיש.

סוף־סוף זענען מיר אַריבער די וואָלקנס.

די פּאַסאַזשירן האָבן זיך באַפרייט פון זייערע גאַרטלען. און איך בין באַפרייט געוואָרן פונעם קלעם פון זייערע אָרעמס.

— ווו איז אַביסל וואַסער? — פרעג איך.

די עלטערע פון זיי גיסט מיר אָן אַ גלאָז טיי.

— ניין, זאָג איך — איך האָב געבעטן נאָר אַביסל וואַסער.

ענטפערט זי מיט אַ שמייכל:

— אַ כינעזער דאַרף טרינקען טיי!...

# א באגעגעניש

קיין אַמעריקע בין איך געפאָרן אַלס טוריסט.

איינמאָל, שפּאַצירנדיק אַזוי אויף דער פינפטער עוועניו, אין ניו־יאָרק, זע איך פון ווייטן אַן אַלטן תל־אביבער באַקאַנטן.

— משה!

— אָ, יאָסקע, וואָס טוסטו דאָ אין אַמעריקע?

— איך בין געקומען אַלס טוריסט. און ווי דערגייט עס דיר דאָ אַלס נייער עולה?

— גאַנץ גוט. אָבער אַנטשולדיק מיר, איך בין איצט שטאַרק באַשעפטיקט, איך לויף וועגן מיינע ביזנעס.

— אָבער, משה, אַ פּאָר מינוט. ווי פילסטו זיך? דיין ווייב? די קינדער?

— פאַרשטייסטו יאָסקע, איז מען שוין אין אַמעריקע, דאַרף מען מאַכן אַביסל געלט... אייל איך זיך איצטער. אַן אַנדער מאָל.

— נו, גיי געזונטערהייט.

מיט אַ צוויי חדשים שפּעטער, טרעף איך אים ווידער אויפן זעלבן פּלאַץ.

— שלום, משה! נו, וואָס הערט זיך?

— ברוך השם, גוט, איך האָב געמאַכט אַביסל געלט.

— עס פרייט מיך זייער. איצטער ביסטו שוין נישט אַזוי פאַריאָגט, קום מירן אַריינגיין אין אַ קאַפע און דערצייל מיר, ווי אַזוי האָסטו זיך איינגעאָרדנט אין קאָלומבוסעס מדינה? ווי פילסטו זיך אין געזונט?

— הער זיך איין יאָסקע: ס'טוט מיר זייער לייד, אָבער איך בין איצטער שטאַרק באַשעפטיקט.

— מיט וואָס?

— הײנט, פֿאַרשטײסטו מיך, איז אַ גרױסער אױספּאַרקױף אין די „מײסיס״־קראָמען. פֿאַראַן דאָרטן ריזיקע מציאות. פֿאַרשטײסטו? לױף איך פֿטרן אַביסל געלט...

# א טובה

פֿון אַטלאַנטיק־סיטי דאַרף איך פֿאָרן צוריק קײן ניו יאָרק. פֿאַראַן קלײנע אױטאָבוסן, װאָס פֿירן צום צענטער, װוּ ס'װאַרטן שױן גרױסע באָסעס, װעלכע פֿירן קײן ניו־יאָרק.

שטײ איך בײ אַ סטאַציע און װאַרט אױף אַ סטײשן קאַר. ס'איז געװען אַ האַרבסטיקער נאָכמיטאָג.

קומענדיק פֿון אַזאַ װאַרעם לאַנד װי ישׂראל, איז מיר געװען גוט קאַלט. װאַרשײנלעך האָט מען דאָס באַמערקט אױף מײן געברונצלט פּנים.

אינדעם פֿאָרט פֿאַרבײ אַ טאַקסי, װאָס שטעלט זיך אָפּ לעבן מיר. דער שאָפֿער, אַ הױכער, ברײטבײניקער — אַ טיפּיש־אַמעריקאַנער, שרײַט צו מיר אױף ייִדיש:

— פּעטער, קומט אַרײן!

אין אַזאַ ים פֿון ענגליש, אַז איך האָב געהערט אַ ייִדיש װאָרט, איז מיר װאַרעם געװאָרן אױף דער נשמה. בין איך אַרײן.

— װוּהין פֿאָרט אַ ייִד?

— קײן ניו־יאָרק.

— גוט, איך װעל אײך ברענגען צו די באָסעס װאָס פֿירן אײך קײן ניו־יאָרק.

— אַ דאַנק, מען װערט דאָ געפֿרױרן װאַרטנדיק.

— פֿונװאַנען קומט אַ ייִד?

— פֿון ישׂראל.

— אָ, שלום עליכם.

— עליכם שלום.

אויפן וועג דערציילט ער מיר, אַז זיינע קינדער רעדן אויך אַ שיינעם יידיש. האָבן געלערנט אין יידישע שולן. אָבער זיינע אייניקלעך, רעדן שוין שוואַך... מיר זענען אָפּגעפאָרן אַ גענוג גרויסע שטרעקע און אָנגעקומען צום צענטער. דער שאָפער שפּרינגט־אַרויס און עפנט פאַר מיר די טיר.

— דאָ איז עס.

— וויפל קום איך אייך ?

— באַטהינג, גאָרנישט.

— וואָס הייסט גאָרנישט ? איר זענט דאָך מיט מיר געפאָרן אַזוי פיל קילאָמעטער.

— גאָרנישט, מיין פריינד, איך וועל ביי אייך קיין געלט נישט נעמען.

— פאַרוואָס ?

— אָט וועל איך אייך דערציילן :

מיין פאַרשטאָרבענע מוטער פלעגט מיר שטענדיק זאָגן : „אויב דו ווילסט זיין זיכער מיט אַ שטול אין גן־עדן, זאָלסטו טאָן אַ מענטשן אַ טובה אַזוי, אַז ער זאָל דיר דערפאַר נישט אָפּצאָלן".

צי איז פאַראַן ערגעץ אַ גן־עדן ווייס איך נישט. אָבער די צוואה פון מיין מוטער איז ביי מיר הייליק.

## ס ט אָ פּ !

אין לאָס־אַנזשעלעס (קאַליפאָרניע) קורסירן אין שטאָט טראַמווייען, פונקט ווי אין די אַלטע צייטן אין פוילן און אין רוסלאַנד.

די שטאָט לאָס־אַנזשעלעס איז ריזיק־גרויס. לויטן שטח, די גרעסטע שטאָט אין דער וועלט. פאַראַן מערערע צענטרען אין שטאָט. צווישן זיי — איין באַלעבטער צענטער, ווו אין צווישן ליגט דער „מאַק אַרטור פּאַרק".

פאַרהעלטניסמעסיק איז דאָס פאַר אַמעריקע נישט קיין גרויסער גאָרטן, אָבער דער־אָ גאָרטן איז פול מיט זיינע שיינע איינריכטונגען : די סטאַטוע

פון גענעראַל מאַק אַרטור און אַנדערע קונסטווערק, צענדליקער אַלייען מיט בענק, געדיכטעביימער און שיין־געפלעגטע בלומען, און נאָך אַ סך מערקווערדיקייטן.

אין מיטן פּאַרק איז אויך פאַראַן אַ קליין טייכל, אויף וועלכן ס'שווימען אַרום ווייסע קאַטשקעס און שפּאַצירנדיקע שיפלעך.

פאַראַן דאָרט איין אַלייע, וווּ ס'קלייבן זיך צונויף מערסטנס אַלטע לייט, פּענסיאָנערן. מערסטע פון זיי זענען יידן, וועלכע האָבן שוין אָפּגעלאָזן זייערע ביזנעס, און געקומען אַהערצו אין וואַרעמען קלימאַט, אָפּלעבן די עלטערע פאָר יאָר.

אַזאַ אַלייע דערמאָנט אומגעפער דעם פּאַרלאַמענט אויף שדרות רוטשילד אין תל־אביב.

קיין סטאַציע פאַרן טראַמוויי איז אויף דעם אָרט נישטאָ. ער דאַרף זיך דאָ נישט שטעלן.

מיטאַמאָל: סטאָפּ! דער טראַמוויי שטעלט זיך!

וואָסי? — לעבן מאַשיניסט זיצט אַ מאַן מיט אַ ווייסן שטעקן. ער גייט צו זיינע שכנים, די פּענסיאָנערן.

דער מאַשיניסט פאַרשליסט דעם מאָטאָר, נעמט־אָן דעם מאַן פאַרן האַנט, פירט אים אַראָפּ פון די טרעפּ און פירט אים אַריין אין די אַלייע פון יידישן פּאַרלאַמענט...

# דיסאָנאַנסן

## פונעם אמאָל

צוויי חדשים צייט האָב איך געאַרבעט אין חצר ביים קאָלאָניסט א. ביינאַכט בין איך געווען אַ שומר און בייטאָג, אין די פרייע שעהן, האָב איך געהאָלפן טרוקענען די מאַנדלען, וועלכע מע האָט דאָ אויפגעזאַמלט כדי צו עקספּאָרטירן זיי קיין ליווערפּול, אין ענגלאַנד.

חברים האָבן מיך מקנא געווען מיט אַזאַ גוטן פּאָסטן. ס׳איז געווען לייכטער ווי צו אַרבעטן מיטן פּיאַש.

אויפן הויף איז געווען אַ שטאַל פאַר אַ פּאָר פערד; לעבן שטאַל אַ דאַך אונטער וועלכן ס׳איז געשטאַנען אַ פייעטאָן פאַרן געברויך פון הערן א. אונטער דעם דאַך איז געווען אויך מיין געלעגער, וואָס איז באַשטאַנען פון עטלעכע ראַגאַזשעס. איך האָב זיך צוגעדעקט מיט ליידיקע זעק.

הער א. איז געווען אַ הויכער, ברייטבייניקער, מיט שטרענגע בלויע אויגן און אַ האַלב־רונדער פאַרשאָרענער באָרד. געוערדט האָט ער ווייניק, ער פלעגט נאָר געבן פאַראָרדענונגען צום אויפזעער, דעם הער אַלטשולער.

די פרוי א. איז געווען אַ גוטע און אַ שטילע. אַז זי איז דורכגעגאַנגען מיין געלעגער, אינדערפרי, האָט זי מיר צוגעוואָרפן אַ פּיטע און אויך געזאָגט, אַז דאָרטן אין ווינקל זענען פאַרזייט טאָמאַטן, קאָן איך מיר נעמען אייניקע צום פרישטיק.

שבת, ווען כ׳בין אַזוי געלעגן אויף מיינע ראַגאַזשעס, פונקט אַנטקעגן די פענצטער פון זייער הייזקע, האָב איך זיך צוגעהערט ווי די קינדער זאַמלען זיך צונויף אַרום דעם שבתדיקן טיש, זיי רעדן געמיטלעך, לאַכן און האָבן הנאה פונעם שבתדיקן טאָג.

נישט ווילנדיק האָב איך מיך דערינערט מיין פּאָטערס טיש, אין וואַרשע, ס׳איז אויך געווען פריילעך צוזאַמען מיט די עלטערן, ברידער און שוועסטער.

נאָכדעם ווי דער מיטאָג ביי דער פאַמיליע א. האָט זיך געענדיקט, איז אַרויסגעקומען צו מיינע ראַגאַזשעס זייער עלטערער ברודער, האָט מיר צוגעוואָרפן שיריים פון פלייש און אויך אַרבוז. דאָס פלייש וואָלט אַ הונט אפשר יאָ געקאָנט איינבייסן, איך נישט. די שטיקלעך אַרבוז ווידער, האָבן שוין אַנטהאַלטן ווייניק פון דער רויטער פאַרב, דאָך האָב איך זיי געגעסן.

די גאַנצע נעבעכדיקע סיטואַציע האָט אויף מיר קיין שום איינדרוק נישט געמאַכט. איך האָב פאַרשטאַנען, אַז אַזוי דאַרף עס זיין, אַזוי מוז עס זיין! איך בין געווען אין אַ גאַנץ גוטן הומאָר, כ׳האָב זיך געטראַכט: אָן קרבנות דערגייט מען נישט צו קיין הויכע צילן... נאָך אַזאַ בחור ווי איך, נאָך צענדליקער בחורים, מע וועט אויסבילדן אַ קלאַס פון יידישע ערד־

אַרבעטער; מען וועט זיך איינבירגערן אין לאַנד. ס׳עט זיך שאַפן אַ נאַר־מאַל יידיש פאָלק אין אַן אייגן לאַנד.

מיין גוף האָט אָבער אויף דעם אַלעם אַביסל אַנדערש רעאַגירט. דער צודעק פון די זעק האָט מיך נישט שטאַרק געוואָרעמט. בייַנאַכט האָט דער ווינט זיי אַראָפּגעבלאָזן. די שוועבל, מיט וועלכע מען האָט באַשפּריצט די מאַנדלען, איז מיר געקראָכן אין די לונגען, מיט אַ צולאָג — די שוואַכע דערנערונג. דאָס אַלץ האָט גורם געווען, אַז איך האָב באַקומען אַ שטאַרקע פאַרקילונג, פּערציק גראַד היץ און ווי אַ צולאָג, האָב איך אָנגעהויבן שפּייען מיט בלוט...

מיינע בעסטע חברים (אויך וואַרשעווער בחורים) שייקע יאַשונסקי און דוד קלונסקי, האָבן מיך אַרויסגענומען פון א״ס הויף, אַריינגעפירט אין אונדזער צימער. (מיר האָבן געוווינט זאַלבעדריט) און האָבן צו מיר גערעדט האַרבע רייד:

— הערשעלע, דו נעם דיין פּידזשאַק און אַ פּאָר מעטאַליק און גיי גלייך קיין יפו אין אַ שפּיטאַל אַריין, אַ נישט וועסטו דאָ אויסגיין...

ס׳איז געווען אַ שיינער זומער־פרימאָרגן אין 1906.

די ביליקסטע קאָמוניקאַציע מיט יפו, אין יענער צייט, איז געווען צו נעמען אַן אייזעלע איבערן טאָג. און דאָס האָט געקאָסט צוויי בישליקעס. וועגן אַזאַ סומע האָבן מיר נישט געקאָנט חלומען. מיר האָבן זעלטן געהאַט פולע אַרבעטס־טעג און שוין געגעסן אויף באָרג.

נישט געווען קיין ברירה און איך האָב זיך אָוועקגעלאָזן צו פוס קיין יפו.

פון רחובות ביז נס־ציונה בין איך געגאַנגען נישט שלעכט. איך האָב זיך נאָך געהאַלטן אויף די פיס. פון נס־ציונה און ווייטער, האָבן זיך אָנ־געהויבן טיפע זאַמדן, אָנגעגליטע פון דער זון, אַז כ׳האָב קוים געקאָנט שטעלן אַ פוס. מיטאַמאָל הער איך הינטער מיר: „וויאָ, וויאָ!״

איך קוק זיך אום — מיין באָס פּאָרט אין זיין פאַיעטאָן. דער „אראַ־באַנדזשע״ (עגלון) וואָס איז געזעסן פון אויבן, האָט געהאַמעוועט די טריט פון די צעפלאַשעטע פערד און זיך אַריינגעבויגן אין פענצטערל צום הערן א.



דער מנהל האָט געהייסן דעם „אַראַבאַנדזשע" פאָרן ווייטער...

איך האָב מיר געטראַכט, אַז איצט בין איך געראַטעוועט. ער וועט מיך זיכער מיטנעמען קיין יפו.

אָבער הער א. האָט אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט און נישט געלאָזן זיך אָפּשטעלן.

דער אַראַבער האָט אַ שמיץ־געטאָן מיט כעס די פערד, דער פאַיעטאָן האָט זיך אַ ריס־געטאָן פאָרויס, איבערלאָזנדיק אַ וואָלקן שטויב, וואָס האָט מיך אינגאַנצן איינגעהילט...

איך בין געקראָכן ווייטער, ווי אַ וואָרעם וואָס שלעפּט זיך.

פון ראשון לציון איז דער וועג געווען שוין אַ ביסל לייכטער: געווען דאָרט אַן אַלטער טערקישער כביש. אָנקומענדיק צו די טויערן פון יפו בין איך געווען שטאַרק דערשעפּט. איך האָב זיך דערנענטערט צום ערשטן אַראַבישן כאַן, אַריין און געבעטן אַ טרונק וואַסער. ס'האָט זיך דערנענטערט צו מיר אַ יונגער אַראַבער, דערלאַנגט מיר אין אַן ערדן טעפּל וואַסער און צו־געגעבן דערצו נאָך אַ זיסן זאַפט.

ביי אַ האַלבער שעה בין איך געזעסן אין דעם כאַן און גערוט.

נאָכדעם האָב איך זיך געלאָזט איבער די שטויביקע, שמוציקע יפוער גאַסן. ביז כ'בין דערגאַנגען צו חיים ברוך'ן (אין נוה שלום) איז שוין געווען פינצטער.

חיים ברוך איז מיר אַנטקעגן געגאַנגען, ווי אַן עלטערער איבערגע־געבענער ברודער.

— וואָס איז מיט דיר? וואָס איז געשען?

איך האָב אַלץ דערציילט און די פרוי זיינע האָט מיר גלייך צוגעגרייט אַ געלעגער, וואָס אַזאַ האָב איך שוין לאַנג נישט אָנגעזען און אויך אַריינ־געבראַכט עסן, וואָס נאָר אַ קראַנקן מעג מען עס געבן.

לאַנג ביי חיים ברוך'ן האָב איך נישט געקאָנט בלייבן; דער דאָקטאָר האָט דערקלערט אַז מיין קראַנקהייט איז אָנשטעקנדיק. ס'קומען אַהערצו פיל פרעמדע מענטשן, מען מוז מיך סעפּאַרירן.

חיים ברוך איז אַרומגעלאָפן, געמאַכט אַ טומל, און בחרים האָבן אויס־געפונען פאַר מיר אַ סעפּאַראַטע הייזקע, אַ פאַרלאָזענע, וואָס מענטשן האָבן זי שוין לאַנג פאַרלאָזט.

געפילט האָב איך זיך דאָרט ווי אין אַ תפיסה. פון דרויסן האָט מען מיך פאַרשלאָסן. איינמאָל אַ טאָג (און אַמאָל אין צוויי טעג) האָט מיר אַ חברטע געבראַכט אַ קענדל מיט מילך און אַ האַלבן לעבל ווייסן ברויט.

זענען פאַרביי עטלעכע טעג, געגנוג אומעטיקע; אַ שטילקייט האָט געהערשט אין דער גאַנצער געגנט.

בייטאָג האָב איך נאָר געהערט דאָס אַרומזשומען פון די פליגן אויף די אַלטע שמוציקע פענצטער, און ביינאַכט האָב איך געהערט ווי הונגעריקע מייז יאָגן זיך אַרום...

מיטאַמאָל זענען צו מיר געקומען צוויי חברים, (איינער פון זיי איז געווען יצחק זייגערמאַכער, היינט שעוני. אַ קאָלאָניסט אין מטולה) און האָבן מיר אָנגעזאָגט אַ גוטע בשורה: היות ווי ס'איז זיי שוין געלונגען צו שאַפן זיבן בישליקעס, וואָס מען דאַרף איינצאָלן אין שפּיטאָל, זאָל איך מאָרגן פרי זיין גרייט און זיי וועלן מיך אַוועקפירן אין ענגלישן מי־סיאָנערישן שפּיטאָל. (דוכט זיך, אַז אַ יידישער שפּיטאָל האָט דאָך שוין עקזיסטירט אין יפו, פאַר פיר בעטן) אגב: דאָס געלט זאָלן זיי האָבן באַ־קומען פון חבר דוד גרין (בן־גוריון).

ווי אַזוי ס'האָט אויסגעזען דאָס לעבן אין שפּיטאָל, וועגן דעם דאַרף מען שרייבן באַזונדער. דער עיקר: מיט מיר האָבן זיך פאַרנומען צוויי דאָקטוירים: איינער, אַן אַראַבער און דער צווייטער — אַן ענגלענדער. אויסער זיי זענען דאָרט געווען אַ האַלב טוץ באַרמהערציקע שוועסטער. איינע פון זיי אַ דייטשקע, אַלע איבעריקע פון ענגלאַנד. מען האָט מיר געגעבן רפואות, אָבער דער עיקר: מען האָט מיך געקאָרמעט פון בעסטן און פון שענסטן.

אין שפּיטאָל בין איך געלעגן בערך צוויי חדשים. נאָך מיין אַרויסגיין בין איך דאָס ערשטע געגאַנגען צו דער עסטרייכישער פּאָסט. (אין זיינער צייט האָט יעדע רעגירונג געהאַט דאָ אַ פּאָסט). איך האָב מיינע בריוו באַ־קומען דורך דער עסטרייכישער פּאָסט. זענען שוין דאָרטן געווען פאַר מיר צוויי געלט־אַנווייזונגען פון וואַרשע.

צופעליק איז דאָרט געווען משה סמיליאַנסקי, וועלכער האָט באַשטעטיקט, אַז איך, בין טאַקע איך, און כ'האָב מיין געלט גלייך אַרויסבאַקומען.

באַלד נאָכדעם בין איך אַוועק צו חיים ברוך'ן, געדעקט אַלע מיינע חובות און איך האָב זיך געלאָזט אין וועג אַריין, קיין רחובות.

*

אַ גאַנצן וועג האָב איך זיך געהאַלטן נישט שלעכט. אָבער אַז כ'בין צוגעקומען צו די זאַמדן פון נס־ציונה, איז מיר געוואָרן ביטער אויף דער נשמה. נישט געהאַט קיין כוח צו שלעפּן ווייטער די פיס. דערצו נאָך האָט די זון געברענט אין קאַרק, מיין קערפּער איז געוואָרן איינגעשרומפּן, כאָטש נעם און צי זיך אויס דאָ אין זאַמד...

מיטאַמאָל דערזע איך נישט ווייט פון מיר אַן אייזעלע, אויף וועלכן ס'זיצט אַן אַלטער מאַן מיט אַ שטרויענעם איראָפּעאישן הוט. טראַכט איך מיר: מען דאַרף אים אָניאָגן. ווען דער אַלטער האָט מיך דערזען, איז ער געבליבן שטיין, אַראָפּ פון אייזעלע און געמאַכט מיט מיר קאָנטשאַפּט.

— שלום!

— שלום!

— איך פיר דאָ די פּאָסט פון יפו אין אונדזער קאָלאָניע אַריין, איך בין איינער פון די בילויים. און וואָס טוט דאָ אַזאַ בחורל? ווי אַלט ביסטו? און נאָך פראַגן.

איך האָב אים דערציילט, אַז איך קום מיט דער ערשטער גרופּע וואַר־שעווער פּיאָנערן. איך אַרבעט אין רחובות, איצטער אַרויס פון שפּיטאָל. איך בין אַלט זיבעצן יאָר.

די גאַנצע זאַך איז אים, ווייזט אויס געפעלן געוואָרן. ער שלעפּט אַרויס פון זיין טאַש אַ שטיקל ברויט באַשמירט מיט סירעש (אַ מין ביליקער בוימל) און איז מיך מכבד.

איך ווייז אים, אַז איך האָב נאָך אין מיין קעשענע ברויט מיט זשיטונעס.

נאָך אַ קורצן אונטערהאַלטן זיך, זאָגט ער: נו גוט, אונדזער וועג גייט צוזאַמען. קריך אַרויף אויפן אייזעלע...

איך האָב דעם מענטשן אָנגעקוקט שטאַרק פאַרוווּנדערט:

— וואָס הייסט? — פרעג איך אים — איך בין אַ יונגער בחור און איר, קיין עין הרע, אַ מענטש אין די יאָרן...

— טאָקע דערפאַר — ענטפערט ער מיר: איך בין אַן אַלטער מאַן,



— קריך אַרויף אויפֿן אייזעלע

איך האָב שוין מיין פונקציע כמעט ווי געענדיקט, און די הייבסט איצטער אָן, די דאַרפסט שוינען דיינע כוחות... וועסט נאָך דאָ פּאַקן און מאָזלען... וואָס די דערציילסט מיר, איז נאָר אַן אָנהייב. אגב טוט ער אַ זייטיקן פרעג:

— היינט האָסטו געדאַוונט?

— ניין — זאָג איך אים.

פרעגט ער מיך ווייטער: נו, און וואָס טוסטו אין דיינע פרייע שעהן?

— איך לייען שיינע ליטעראַטור, פּאָעזיע...

— פּאָעזיע? איז דען פאַראַן אַ שענערע פּאָעזיע ווי אונדזערע תפילות? אונדזער תהילים?

איך האָב דעם דאָזיקן מענטשן גאָרנישט געענטפערט. כ'בין געווען צו שוואַך מיט אים צו דעבאַטירן. כ'האָב עס אויך נישט געוואָלט, דער מענטש האָט ביי מיר אַרויסגערופן אַ גרויסן דרך־ארץ.

קורץ: ס'האָט מיר גאָרנישט געהאָלפן. איך האָב געמוזט אַרויפקריכן אויפן אייזעלע.

אָפּפאָרנדיק אַ צען מינוט, בין איך אַראָפּ פונעם אייזעלע און פאַר־געשלאָגן אים, אַז מיר זאָלן זיך טוישן: צען מינוט איך, צען מינוט ער.

אויף דעם פאָרשלאָג איז ער איינגעגאַנגען.

אַזוי זענען מיר אָנגעקומען קיין רחובות.

מיר האָבן זיך געזעגנט ווי אַלטע גוטע פריינד.

## פארשפילט א שאנס

אויפן בולוואַר סאַן מישעל, אין פּאַריז, זענען פאַראַן פיל קאַפע־הייזער. אָבער אין איינער פון זיי איז אַ שטענדיקע באַוועגונג, אַ שטענדיקער טומל פון פאַרשידענע געסט — אַרטיקע און נאָך מערער צוגערייזטע פון אויסלאַנד. דאָס רופט זיך נאָר „קאַפע", אָבער דאָרטן באַקומט מען אויך אַ שאַרפן

געטראַנק און אַ געשמאַקן צובייס. דאָס דאָזיקע קאַפע־הויז איז אַ זאַמל־פּונקט פון אַ גרויסער טייל פּאַריזער מאָלער. די ווענט דאָרטן זענען באַהאָנגען מיט די פאַרשידנסטע קונסט־בילדער. אַ טייל מאָלער גיבן דאָרטן אַריין זייערע בילדער צום פאַרקויפן צו די טוריסטן וואָס קומען דאָרט אַריין און אַנדערע ווידער האָבן געטרונקען אויף קרעדיט אַזוי פיל, אַז זיי דעקן זייערע חובות מיט בילדער.

מען האָט געשאַצט דעם באַלעבאָס פאַר אַ מיליאָנער, אָבער שענקען עמיצן דעם קלענסטן ווערט האָט ער נישט געוואָלט.

טרעפט זיך אַזאַ מעשה: איינמאָל אינדערפרי קומט אַריין אַ מאָלער און בעט אַ קאַפע מיט אַ קרואַסאַן. דער באַלעבאָס נעמט אים אויף מיט אַ העפלעכן באָן־זשור אָבער באַלד דערנאָך גיט ער צו:

— היינט וועסטו נישט באַקומען ביי מיר קיין קאַפע.

— פאַרוואָס, מסיע פיער?

— ווייל ערשט נעכטן ביסטו אַרויס פון שפיטאָל, איז וואָר ווייסט ווען דו וועסט פעאיק זיין עפּעס צו מאָלן... און קיין נדבות, ווייסטו דאָך, גיב איך נישט.

דער מאָלער איז אַרויס פון קאַפע אַ פאַרשעמטער און אַ דערשלאָגענער.

נאָכדעם ווי די חברים מאָלער האָבן זיך דערוווּסט וועגן דעם, האָבן זיי באַשלאָסן צו באָיקאָטירן די קאַפע.

מסיע פיער, דער באַלעבאָס, האָט זיי לכתחילה אויסגעלאַכט, דערביי זאָגנדיק: פון די טוריסטן האָב איך צען מאָל מערער ווי פון אייך ציגיינער...

די מאָלער האָבן גלייך אויסגעמאָלן אַ גרויסן שיינעם פּלאַקאַט מיט אַן אויפשריפט: מיר מאָלער־ציגיינער מיידן־אויס אַריינצוגיין אין די קאַפע. מיטן דאָזיקן פּלאַקאַט האָבן זיי זיך אַוועקגעשטעלט נאָענט צום אַריינגאַנג פון קאַפע.

***

די עלעקטרישע לאָמפּן אין קאַפע האָבן געברענט ווי שטענדיק; די קעלנער האָבן זיך, ווי תמיד אַרומגעדרייט אין די ווייסע פאַרטוכער און אין אַלפּאַגענע מאַרינאַרקעס; מוזיק אין די אונטן האָט געשפּילט, אָבער...

געסט זענען געוואָרן פון טאָג צו טאָג אַלץ ווייניקער און ווייניקער, ביז אַ פּוסטקייט האָט אַרויסגעשלאָגן פון די גרויסע זאַלן אין קאַפע. אַזוי טעג מיט וואָכן און חדשים.

דער באַלעבאָס האָט נישט געהאַט קיין אַנדערן אויסוועג ווי נאָר צו ליקווידירן די קאַפע. פאַר אַזאַ ריזן־לאָקאַל אויף בולוואַר סאַן־מישעל צאָלט מען גרויסע סומעס שליסלגעלט. אָבער קיינער האָט נישט געוואָלט נעמען פון אים דעם לאָקאַל. סוף־כּל־סוף האָט ער זיך איינגעבעטן ביי זיינעם אַן איידעם, אַ גאַראַזשניק, ער זאָל נעמען פון אים דעם לאָקאַל אומזיסט און עפענען דאָרטן א שולע פאַר שאָפערן.

***

מסיע פּיער האָט נאָך געגוג געלט צום לעבן, אָבער דאָס באַפרידיקט אים נישט. נאָכדעם ווי ער האָט שוין אַ צוויי צענדליק יאָרן געאַרבעט אין אַ קאַפע, קאָן ער נישט גיין איצטער זוכן אַנדערע געשעפטן. גייט ער אַרום אַ דערשלאָגענער, אָפּגעלאָזן, לייגט נישט קיין אַכט אויף זיין קליידונג, זעלטן ראַזירט, דרייט ער זיך אַרום איבער די פּאַריזער גאַסן אָן אַ ציל און אָן אַ תּכלית. ביז איינמאָל איז ער אַריין אין זשאַרדען דע לוקסענבורג זיך אַביסל צוזעצן.

די ערשטע זונענשטראַלן האָבן זיך באַוויזן. נאָך אַ שווערן בייזן ווינ־טער, האָבן מענטשן נישט געקאָנט בלייבן זיצן אין די הייזער, דערהויפּט — קינדער. געדיכט־פאַרפּלאָנצטע קלאָמבעס מיט פאַרשידנסטע בלומען האָבן זיך געצויגן צו די גאָלדענע שטראַלן. קינדערלעך בלאָנדע און שוואַרצע — לעבעדיקע בלומען — אין פאַרשידנפאַרביקער קליידונג האָבן געשטיפט, געזונגען, געשריגן. מיט זיי האָבן זיך פאַראייניקט טשאַטעס פייגל, וואָס זענען אָנגעפלויגן מיט זייער שווישטשנדיקע פייגל־שפּראַך. אויפן בלויען הימל האָט זיך באַוויזן אַן עראָפּלאַן, ווי ער וואָלט באַגריסט די קינדערלעך און אַוועק מיט אַ שטאַרקן גערויש, באַגלייטנדיק דערמיט די פרילינגס־שפּיל דאָ אין זשאַרדען דע לוקסענבורג. הויכע געדיכטע טאָפּאָלביימער האָבן געהיטן די גרענעצן פון דעם גאָרטן, אַז די קינדער זאָל קיין בייז נישט געשען.



— איר פילט זיך נישט גוט?

***

לעבן מסיע פּיער האָט זיך אַװעקגעזעצט אַ מאָלער, װעלכער האָט געעפנט זיין קעסטל מיט געציַיג, אַרויסגענומען די פּאַליטרע, דעם פּענדזל, אַװעקגעשטעלט אַ מאָלברעט, אָנגעצויגן אויף אַ ראָם װייסע לייוונט און אָנגעהויבן צו מאָלן. דער מאָלער װערט אַנגעשטעקט מיט דער פרילינגס־אַטמאָספער װאָס הערשט אין גאָרטן. פון צייט צו צייט באַווייזט זיך אויף זיין פּנים אַ שמייכעלע און ער באַוועגט מיט זיינע הענט און מיט זיין גאַנצן קערפּער, װי ער װאָלט דאָ געשװוּמען אין לופטן. ער מאַכט אַ קליינעם איבערייס, באַטראַכט זיין שכן לעבן זיך אויף דער באַנק און פרעגט:

— איר פילט זיך נישט גוט?

— ניין...

— פאַרװאָס זענט איר אַזוי בלאַס?

— סתם, דאָס איז פון מאָגן.

— איר האָט קראַמפּן?

— אַ ביסל...

— אָ, קומט אַריין אין אַ קאַפע, איך װייס פון אַ גוטן אַפּעריטיװ, װאָס שטעלט גלייך אָפּ די װייטאָגן.

— נישט נויטיק, איך האָב איצטער איינגענומען אַ רפואה.

— נו, אויב אַזוי, קומט אַריין, מירן נעמען אַ הייסן קאַפע.

— אַ דאַנק.

— איך הייס געבן.

— אַדאַנק, פאַרן מאָגן איז גלייכער איצטער גאָרנישט צו טרינקען.

— נו, טאָ פאַרויכערט אַ סיגאַר. ער נעמט אַרויס זיין סיגאַרעטן־שאַכטל. פאַראַן דאָרטן נאָר איינאיינציקער סיגאַרעט.

— איך דאַנק אייך. איך רויכער נישט.

— אָ, דאָס מאַכט נישט, איך האָב געלט, איך לויף גלייך קויפן אַ פּעקל סיגאַרעטן.

— דער דאָקטער האָט מיר פאַרבאָטן צו רויכערן.

דער מאָלער האָט זיך װידער גענומען צו זיין אַרבעט. נאָך אייניקע מינוטן רייסט ער איבער:

— האָט איר געהערט מסיע, וועגן דעם פאַל אויף בולוואַר סאַן־מישעל?

— ניין.

— אָ, אין אַלע צייטונגען האָט מען דאָך געשריבן וועגן דעם.

— וועגן וואָס?

— די קאַפּע פון מסיע פּיער איז באַיקאַטירט געוואָרן ווייל ער האָט אַרויסגעוואָרפן אַ מאָלער וואָס האָט געבעטן אויף קרעדיט אַ קאַפּע מיט אַ קרואַסאַן.

— אַזוי?

— אַזוי, און ווייסט איר וואָס איז געשען מיטן מאָלער? ער איז גראָד מיינער אַ באַקאַנטער.

— וואָס?

— וועגן דעם האָט איר אויך נישט געלייענט אין די צייטונגען?

— ניין.

— דער מענטש איז דאָך רייך געוואָרן.

— ווי אַזוי?

— גאַנץ פּשוט: נאָכדעם ווי ער האָט זיך אַרומגעדרייט אַ האַלב־הונגעריקער כאַפּט אים אָן אַ קונסט־הענדלער און זאָגט צו אים: מסיע מאָריס, איך האָב אַן אַמעריקאַנער, ער זוכט עכטע פראַנצויזישע פּייזאַזשן. מאָרגן אינדערפרי קום איך אַרויף צו אייך אין אַטעליע. פאַר מיר צען פּראָצענט. דעם פּרייז וועל איך מאַכן. איר שוויגט. און ווייסט איר וואָס ס'איז געוואָרן?

— ניין, איך ווייס נישט.

— דער אַמעריקאַנער האָט זיך אויסגעקליבן נאָר איין בילד, און וויפל ער האָט באַצאָלט, ווייסט איר?

— ניין, איך ווייס נישט.

— מאָן אַמי, ער האָט אים אַוועקגעלייגט אויף זיין צעבראָכענעם טיש הונדערט טויזנט פראַנק!

פּיער דרייט אַוועק דעם קאָפּ, טרערן באַווייזן זיך אים אין די אויגן.

— וואָס איז אייך, איר האָט באַקומען קראַמפּן?

— ניין.

— איז, חלילה, געשען אַן אומגליק אין אייער פאַמיליע?

פּיער שאָקלט מיטן קאָפּ אויף ניין. ער שטייט אויף לאַנגזאַם און גייט אַוועק.

דער מאָלער שרייט אים נאָך:

— זשע ווי סוהעט באַן שאַנס...

— דעם בעסטן שאַנס האָב איך שוין דורכגעלאָזן — ענטפערט אים פּיער פון ווייטנס אַ טרויעריקער.

# ביים ברעג ים

## תל־אביב

היינט איז אַ יום־טוב. מענטשן זענען פריי פון אַרבעט, פון זאָרגן, האָבן זיי זיך אַרויסגעלאָזט צום ברעג ים.

די גאַסן און די טראָטואַרן זענען פאַרפולט מיט אַ פאַרשידנאַרטיקן עולם: מענער, פרויען און קינדער. אַ שלל פון פאַרבן מיניען פאַרן אויג.

פאַראַן פּאָרלעך, וואָס פליסטערן שטיל צווישן זיך. פאַראַן עלטערן מיט קינדער, וואָס הייבן אויף זייערע שטימען, און פאַראַן גרופּעס קינדער, וואָס לאַכן הילכיק, זאָרגלאָז — דער גאַנצער אַרום גייט זיי נישט אָן.

די זון ווי אַן איבערגעגעבענע מוטער, וואַרעמט, צערטלט, באַהערשט אַלץ און אַלעמען. די ים־כוואַליעס האָבן זיך נאָכן שווערן ווינטער איינגעשטילט. איצטער קומען זיי ווי פריילעכע צעפּיעשטשעטע קינדער, צום ברעג צו, און לויפן־אָפּ. קומען און וואַשן־אָפּ דעם זאַמדיקן ברעג. קומען אַרויף מיט אַ לויב־געזאַנג פאַר דעם זאָרגלאָזן המון, אַ לויב־געזאַנג דער צאַרטער מוטער־זון, וואָס טובלט זיך אין אירע וואַסערן. ס'זעט אויס, ווי שטיקער גאָלד וואָלט זיך געטוקט אינעם ים. די זינגענדיקע כוואַליעס ווערן נישט מיד צוצושלאָגן זיך צום ים־בעקן און אָפּצושלאָגן זיך, ווי זיי וואָלטן זיך געשפּילט אין באַהעלטערלעך. ס'ווערט אויך נישט מיד דער שפּאַצירנדיקער עולם, וואָס געניסט פונעם אויפגעוואַכטן פרילינגס־ים.

נישט אייביק ציט זיך דער טאָג. די מענטשן ווערן טאָקע נישט מיד. אָבער די זון האָט אירס שוין אָפּגעטאָן. לאָזט זי זיך אַראָפּ לאַנגזאַם באַגלייט פון פורפור־רויטע פייערן אין ים אַריין.

אויפן אָרט פון דער זון באַווייזט זיך איר שוועסטער, די לבנה. די כוואַליעס באַקומען אַ בלוי־גרינע פאַרב, זייער טאָן ווערט אָנגעברוגזט, הייזעריק.

לענגאויס דעם ים־ברעג ציִנדן זיך אָן אַ רייע — ווי סאָלדאַטן אויס־געשטעלטע — לאַמטערנעס. די לאַמטערנעס מיט בלוי־גרינע אַבאַזשורן־שירעמלעך, באַצירן די גאַנצע לענג פון טראָטואַר. אָבער די מענטשן נויטיקן זיך נישט אין די ליכט פון די לאַמטערנעס; זיי קאָנען נישט קאָנקורירן מיט דער לבנה און די געדיכט־פאַרזייטע פינקלדיקע ברילאַנטן אויפן טונקל־בלויען געוועלב פון הימל.

דער עולם גייט זיך לאַנגזאַם פאַנאַנדער. אַ טייל אין זייערע הייזער, און אַ טייל אַנטקעגן אין די העל־באַלויכטענע באַרן, אָדער רעסטאָראַנען.

פון דאָרטן טראָגן זיך פאַנאַנדער אָפּקלאַנגען פון פריילעכע געמיטלעכע געשפּרעכן און אויך אַ מיש־מאַש פון דזשאַז־קלאַנגען...

## יפו

זעלטן אַז ס'פאַרבלאָנדזשעט אהערצו אַ פּאָרל שפּאַצירנדיקע. די זעלבע ברייטע טראָטואַרן, אָבער אויסגעליידיקטע פון מענטשן.

דער ווינט שפּילט זיך מיט אַלטע צייטונגען, פאַרפּעצטע פּאַפּירן, וועל־כע פליען אַרום הין און צוריק און דרייען זיך ווי אין אַ קאַראַהאָד.

פון שווערן ווינטער און פון דער געזאַלצענער לופט, איז אָפּגעשיילט גע־וואָרן דער טינק פון די אַלט־געוואָרענע הייזער און ס'קוקן נאָר אַרויס שמוציקע, צעקרישלטע ציגל.

פאַרזשאַווערט און אויפגעפרעסן פון דער ים־לופט איז אויך דער איי־זערנער באַריער ביים ברעג ים. די זעלבע זינגענדיקע, באַגילדעטע כוואַליעס

שווימען־צו און שווימען־אָפּ אָבער, זיי זענען אַזוי אומעטיק, דערפרייען נישט קיינעמען.

איין איינציקער מענטש שטייט דאָ ביז אַ העלפט אין וואַסער. דער גאַנצער עולם גייט אים נישט אָן. דאָס איז אַ פישער. זיין פנים פאַרברענט פון זון און ווינט. מיט אַ צעפלאַטערטן קאָפּ האָר.

איז עס אַ ייד? אַן אַראַבער?

ער שטייט שטייף ווי אַ סטאַטוע מיט אַן אויסגעצויגענער האַנט מיט דער ווענטקע אין וואַסער.

מיטאַמאָל טוט ער אַ צי די ווענטקע אַרויף, אַ ווייס זילבערן פישעלע צאַפּלט זיך אין דער לופט. לעבן אים צוויי האַלב־נאַקעטע קינדער, לייגן אַריין דאָס פישעלע אין אַ גלעזערן קעסטעלע און דערלאַנגען אים ווערעמ־לעך, וועלכע ער פאַרטשעפּעט אָן האַטשיקל פון דער ווענטקע.

אויך דאָ קומט אָן אויפן זעלבן אופן די נאַכט. די זעלבע־לוקסוס־לאַמטערנעס, די זעלבע לבנה מיטן אויסגעשטערנטן הימל. די אָפּגעשיילטע הייזער אַנטקעגן דעם פישער יאָגן אָן אַן אומעט און פאַרדעקן מיט זייערע שאָטנס די ליכט פון די שיינע לאַמטערנעס.

דער פישער רייסט איבער זיין פאַנג. ער נעמט צונויף זיינע נעצן. צוזאַמען מיט די קינדער לאָזט ער זיך אויפן וועג קיין יפו.

אויפן וועג באַגלייטן אים די לאַמטערן־סלופּעס און דאָס קוואַקען פון זשאַבעס פון די זייטיקע ראָוועס...

די רייע פון די לאַמטערנעס ענדיקט זיך.

דאָס וויינען פון קליינע קינדער, פון קוים־באַלויכטענע פענצטער, דערנענטערט אים דעם וועג צו זיין היים.

# אז איך מיש זיך נישט

## (מאָנאָלאָג)

הער זיך איין — זאָגט צו מיר מיין ווייב — האָסטו יאָ שוין אַ טאָג חופש, טאָ גיי אַביסל אין גאַס אַריין און אָטעם איין אין זיך אַ קאַפּענקע פרישע לופט. אָבער געדענק איין זאַך: גיי זיך דיין וועג. זעסטו אַ געלויף, אַ פאַנטשער, אַ געשלעג, אַפילו אַ באָמבע זאָל פּלאַצן — דיך גייט עס נישט אָן. דו מיש זיך נישט אַריין.

ווען כ'האַלט שוין ביים אַוועקגיין, רופט זי מיך צוריק, מיין ווייב: וואַרט, וואַרט, וואָס ביסטו עפּעס אַריינגעקראָכן אין די לאַנגע הויזן? אַזאַ היץ אינדרויסן, טו אָן די קורצע הויזן. און דעם קראַוואַט — זאָגט זי — דאַרפסטו אויף טויזנט כפּרות.

מילא, די הויזן האָב איך איר נאָכגעגעבן, אָבער דעם קראַוואַט — נישט. אויב שוין יאָ חופש, דאַרף מען אַרויסגיין אין תל־אביב אָנשטענדיק, מענטשלעך. נישט אַזוי?

איך האָב מיר גוט אַריינגענומען אין קאָפּ אַריין די לעקציע פון מיין ווייב און לאָז זיך האָפּערדיק אַראָפּ פון די טרעפּ.

אונטן, אויפן ערשטן שטאָק, ביי אַן אויפגעפּראַלטער טיר, הער איך ווי מאַן און ווייב קריגן זיך. זי שרייט אויף אים:

— טרעפן זאָל דיך אַ בראַנד! דו צווילינג־מאַכער... אַפילו וואַסער אויף קאַשע פאַרדינסטו דאָך נישט!

— און דו, שרייט ער צוריק, ווילסט זיך אַרומגיין פּוסט און פּאַס? אַפילו קיין יאַכל קאָנסטו דאָך נישט אָפּקאָכן.

צום סוף געזעגנט זי אים:

— הער זיך איין, גרויסער צעלייגער, גיי געזונטערהייט צו דיינע חברים, צו דיינע ותיקים, און מאַך אַ יאַטקע אויפן וועג.

אָבער ער שטייט נישט אָפּ:

— און אַז נישט — פרעגט ער טראַציק — וואָס וועסטו מיר טון?

— איך וועל דיר באַלד באַווייזן, ווי איך קאָן שוין יאָ אָפּקאָכן אַ יאַכל...

צוקוקנדיק די סצענע, טראַכט איך מיר: מישן דאַרף מען זיך טאַקע נישט, אָבער אויב מען קאָן אַריינברענגען שלום־בית צווישן מאַן און ווייב, פאַרוואָס זאָל איך דאָס נישט טון?

רוף איך זיך אָן צו זיי ביידן:

— ס'איז דאָך אַ חרפה פאַר לייטן. קאָן מען נישט לעבן צוזאַמען, איז פאַראַן ביי יידן אַ גט.

דערנענטערט זי זיך צו מיר, פאַרלייגט ביידע הענט אויף די ביאָדרעס, און שרייט־אויס היסטעריש: ווי געפעלט אייך דער מעקלער? און תוך כדי דיבור, טוט זי אַ כאַפּ דעם טאָפּ פון קיך און צוואָגט אָפּ דעם מאַן אירן מיט דער קאָכיקער האַלב־פאַרטיקער זופּ, און דעם ליידיקן טאָפּ שליידערט זי מיר גלייך אין די קניען אַריין. אָט — זאָגט זי — האָט איר פאַר אייער מעקלעריי.

נו, נו, האָב איך דערפילט יענעם טעם...

אַרויפגיין צוריק, האָב איך זיך שוין געשעמט פאַר מיין ווייב. האָב איך זיך געלאָזן ווייטער אין גאַס אַריין. כ'האָב טאַקע אַביסל צוגעהינקט. איך האָב שטאַרק באַדויערט, וואָס עס איז מיר נישט געלונגען צו מאַכן קיין שלום, אָבער אַזוי ווי איך מיש זיך נישט, בין איך מיר ווייטער גע־גאַנגען מיין וועגס. און אַזוי גייענדיק, בין איך מיר אָנגעקומען צום שוק הכרמל.

ס'איז דאָך עפּעס נישט שיין צו גיין אַ הינקענדיקער, האָב איך מיר לאַנגזאַם אַרויסגעשלעפּט מיין טאַשן־טיכל און געמאַכט זיך אַ באַנדאַזש אויף דער קני.

שפּאַציר איך מיר אַזוי איבערן שוק און באַקוק די פּראָדוקטן, די קונים, די פאַרקויפערס, יעדער רופט צו זייןביידל מיט באַנומענע קולות, אָבער ס'איז שאַ שטיל. מען גייט, מען קוקט, מען טאַפּט די סחורות, מען דינגט זיך, מען קויפט און מען גייט ווייטער.

מיטאַמאָל, דערהערט מען אַזעלכע געוואַלדן און קללות, אַז דער הימל שפּאַלט זיך און מענטשן נעמען לויפן. בין איך אויך געלאָפן. און כהרף־

עין ווערט אַ גאַנץ געזעמל. מישן, מיש איך זיך נישט אין פרעמדע גע־שעפטן; אָבער קוקן מעג מען דאָך...

צוקומענדיק צום אָרט פון די געוואָלדן, שטעלט זיך אַרויס, אַז אויף צוויי שכנותדיקע טישלעך פאַרקויפט מען טאָמאַטן. ביי איין טישל שטייט אַ פוילישע יידענע, וואָס רעדט ניין ווערטער יידיש און איין וואָרט עברית; ביים צווייטן טישל שטייט אַ גרוזין, וואָס רעדט ניין ווערטער גרוזיניש־רוסיש און איין וואָרט עברית. האָט די יידענע געהאַט טענות צום גרוזינער, אַז ער האָט איר אויסגעכאַפּט אַ קונה. האָט זי אָנגעהויבן שעלטן:

הענגען זאָלסטו ווי אַ הענג־לאָמפּ — ביינאַכט זאָלסטו ברענען און ביי־טאָג זאָלסטו אויסגיין... פון דיינע קישקעס זאָל מען מאַכן אַ טעלעפאָן... און דערנאָך מעסטן מיט זיי דאָס גוטע אָרט...

ער האָט די קללות נישט פאַרשטאַנען, אָבער ער האָט געאַנט, אַז דאָס זענען נישט קיין ברכות... האָט ער איר איינגעמאָלדן אין דער מאַמען אַריין מיטן טאַטן פאַרבראָקט אויף האַלב גרוזיניש, האַלב רוסיש.

זי, ווידער, האָט אויך פאַרשטאַנען אַז ער בענטשט איר נישט, האָט זי נישט פאַרשוויגן און אים אָפּגעענטפערט מיט אַזאַ „לעקסיקאָן", אַז דער זייטיקער עולם האָט געקייכט פאַר געלעכטער.

אַ וואָרט פאַר אַ וואָרט, און זי איז האַסטיק צוגעשפּרונגען צו זיין טישל, אָנגעכאַפּט עס פאַר איין פוס און — די גאַנצע סחורה ליגט שוין אויף דער ערד.

איז ער געוואָרן אויפגעקאָכט און לויפט צו צו איר און וויל איר אַראָפּרייסן דאָס שייטל פון קאָפּ. כאַפּט זי אים אָן פאַר זיין באָרד און נעמט רייסן שטיקער. לויפן אונטער אַנדערע מזרח־יידן אים צו הילף.

דערווייל קערט זיך אום אויך איר טישל, און די אַלע טאָמאַטן מישן זיך אויס אויפן גאַס. מענטשן לויפן און טרעטן אויף זיי. מיטאַמאָל באַווייזט זיך פּאָליציי.

טראַכט איך מיר: מישן דאַרף מען זיך טאַקע נישט, אָבער אויב איך קאָן צוהעלפן דער פּאָליציי מאַכן אָרדענונג, געפינען גערעכטיקייט, — פאַרוואָס נישט?

די פּאָליציי טוט, ווי יעדע פּאָליציי — קודם כל טרייבט זי פונאַנדער

דעם עולם. מענטשן גליטשן זיך אויס, איינער פאַלט איבערן אַנדערן, איי־נער אויפן אַנדערן. איך מוז דאָך צוקומען צו דער פּאָליציי! און אַזוי ווי איך פּרוביר זיך דערנענטערן צו זיי, באַקום איך פון עמיצן אַזאַ שטאַרקן שטויס אין דער פּלייצע, אַז כ׳צי זיך גלייך אויס אין אַ קאַלוזשע פון טאָמאַטן...

ליגנדיק אַזוי הילפלאָז, לויפן איבער מיר מענטשן. פון איינעם האָב איך באַקומען אַ קלאַפּ אין זעלבן פוס, ווו איך האָב שוין פאַרזוכט דעם טאַפּ און איך האָב דערזען די עלטער־באָבען פאַר די אויגן... אַ צווייטער איז מיר אַרויף מיט זיין שוך — ווייזט אויס מיט אַ האַלב־צעבראָכן אייזנדל — אויף מיין לינקער האַנט און ס׳האָט אָנגעהויבן רינען בלוט...

ווען דער געזעמל איז שיטערער געוואָרן און ס׳האָט זיך אַביסל באַרו־איקט, האָבן מענטשן מיר געהאָלפן אויפשטעלן. די וווּנד אויף דער האַנט האָט מען מיר פאַרבונדן מיט אַן אָפּגעריסענעם אַרבל פון מיין העמד, און די קני האָב איך מיר שטאַרקער צוגעבונדן מיט מיין קראַוואַט. פרעגן מיך מענטשן:

— אפשר פירן אייך אַ היים?

— ניין, ניין! שריי איך, — האָט רחמנות, איך האָב מורא פאַר מיין ווייב. זי האָט מיר אָנגעזאָגט אַז איך גיי אין גאַס, זאָל איך זיך נישט מישן... און איך האָב זיך טאַקע נישט געמישט; איך האָב נאָר געוואָלט דערציילן דער פּאָליציי, ווי אַזוי דאָס אַלץ האָט פּאַסירט און מאַכן שלום.

קוים מיט צרות האָב איך זיך אַרויסבאַקומען פון דער ענגשאַפט מיט מיינע וווּנדן, אַן אויסגעשמירטער מיט טאָמאַטן־מיץ, און באַשלאָסן, אַז די בעסטע זאַך איז אָוועקלאָזן זיך מיט דער אלנבי גאַס גלייך צום ים. דאָרטן וועל איך זיך אַרומוואַשן און קאָנען רואיק אָפּעטעמען באַך דעם אַלעמען, וואָס עס איז דאָ מיט מיר פאָרגעקומען.

ס׳איז גראָד געווען אַ שיינער פרימאָרגן. בין איך אַזוי לאַנגזאַם אַדורכ־געגאַנגען די אלנבי גאַס. דורכגייענדיקע מענטשן האָבן מיך באַטראַכט פאַר אַן אומגליקלעכן קאַליקע און געוואָלט מיר געבן נדבות... ס׳איז מיר געווען גענוג אָנגעזאָלצן אויפן האַרצן און אויף דער נשמה, אָבער איך האָב זיך, ליידער, נישט געקענט העלפן.

ענדלעך זיץ איך שוין אויפן זאַמד ביים ברעג ים. די בלויקייט פון הימל און וואַסער באַרואיקט מיך אַביסל. צו ביסלעך פרוביר איך אַראָפּציען מיינע קליידער, פאַרבינדן מיינע וווּנדן און בכלל זיך אַביסל אַרומוואַשן... מאַכט זיך אָבער אַזאַ מעשה:

פון ערגעץ יאָוועט זיך אַ פישער מיט אַ נעץ צו כאַפּן פיש. אים גייט נאָך אַ קליין, האַלב־נאַקעט יינגעלע. דער קליינער טראָגט אים נאָך דאָס קערבל וווּהין מען וואַרפט אַריין די געפאַנגענע פיש. געפעלט אים גראָד לעבן מיר צו מאַכן זיין פיש־פאַנג.

מילא, זיץ איך מיר אַזוי און קוק זיך צו ווי אַזוי ער טוט דאָס: ער וויקלט פונאַנדער אַ ריזיק ברייטע נעץ און פאַרוואַרפט איר טיף אין וואַסער אַריין. ער וואַרט אַ שטיקל צייט און ציט זי לאַנגזאַם אַרויס. אַמאָל שפּרינגען אַרויס פון דאָרטן צאַפּלדיקע זילבערנע פישעלעך, און אַמאָל נאָר שמוץ פון דער ים־טיפעניש.

אַזוי ווי די דאָזיקע מלאכה האָט מיך שטאַרק פאַראינטערעסירט, האָב איך זיך צוגערוקט אַלץ נענטער צו דעם פיש־פאַנגער.

מיטאַמאָל ווערט ער שטאַרק אין כעס און הייבט אָן שרייען אויפן יינגעלע: דאָ — טאָמער קאָנסטו זיך אָועקשטעלן רעכטס? אַ צווייט מאָל — טאָמער קאָנסטו זיך אָועקשטעלן לינקס? און מיטאַמאָל דערלאַנגט ער אים אַזאַ קאָפּ מיטן פוס, אַז ער האָט זיך צוויי מאָל איבערגעדרייט.

דאָ האָב איך שוין נישט געקאָנט שווייגן... רוף איך זיך אָפּ צו אים:

— וואָס ווילסטו פון דעם אומשולדיקן קינד? אַז די פיש לאָזן זיך נישט כאַפּן, וואָס איז ער שולדיק? ער איז דאָך גרייט דיר צו העלפן.

שטעלט ער זיך אָועק קעגן מיר, גלייכט זיך אויס ווי אַ ווירע און רעדט צו מיר מיט רוגזא:

— דו ביסט זיין טאַטע? זיין מאַמע?

— ניין, — ענטפער איך אים — אָבער איך קאָן נישט פאַרליידן קיין עוולה.

— אַזוי גאָר?

— אַזוי!

אינצווישן לאָזט ער אַריין אין ים זיין נעץ, האַלט זי דאָרט אַ פּאָר

מינוט, ציט זי אַרויס און — מיטאַמאָל טוט ער מיט זיינע געזונטע הענט אַ פּאַכע מיט דער נעץ אין דער לופטן אַזוי, אַז מיט דער גאַנצער ברייט פון דער נעץ כאַפּט ער מיך אַרום, פּונקט ווי איך וואָלט געווען זיין פיש... און אַזוי ווי די נעץ האָט זיך מיר אַרומגעוויקלט, האָבן זיך מיר צוגעקלעפּט פאַרשידענע קלעפּיקע ים־באַשעפענישן, שטעכיקע גראָזן. ס'איז מיר פינצ־טער געוואָרן פאַר די אויגן... און אויף אַ צולאָג שרייט דער פישער:

— וועסט זיך נאָך מישן אין מיינע ביזנעס?...

אַז איך האָב דאָס אַלץ דערפילט אויף מיין קערפּער, האָב איך אָנגע־הויבן שרייען: געוואַלד! ראַטעוועט!

באַלד זענען זיך אָנגעלאָפן די באָד־געסט פון דער נאָענט — מענער, ווייבער און קינדער — מיט אַזעלכע קוויטשערייען, אַז איך אַליין האָב זיך דערשראָקן...

ערשט ווען זיי האָבן אָנגעהויבן אַראָפּציען פון מיר די נעץ, איז מיר געוואָרן נאָך ערגער, ווייל די נעץ איז געוועבט פון אַ דינעם שפּאַגאַט, און דאָ האָט יעדער געצויגן אין אַן אַנדערער זייט אַזוי, אַז דער שפּאַגאַט האָט איינגעשניטן מיין לייב ביז די אָדערן... צום סוף איז צוגעקומען דער פישער און האָט מיך אַרויסגעלאָזן פון זיין געפאַנגענשאַפט, דערביי זאָגנדיק:

— דאָס האָסטו פאַר דיין מישן זיך אין פרעמדע געשעפטן!...

איר קאָנט זיך פאָרשטעלן מיין נעבעכדיקן אויסזען: איך האָב גע־וויינט, געזיפצט און צוגעמאַכט די אויגן, ווייל איך האָב זיך געשעמט פּשוט פאַר זיך אַליין...

ווען איך האָב פּרובירט אויפשטיין און אויסגלייכן מיינע ביינער, דערזע איך דעם אויטאָ פון „מגן דוד אדום" לעבן מיר. און גלייך וואַרפט מען מיך אַריין אין אַ טראָג־בעטל. דער שאָפער פרעגט ביי מיר: ווילסטו אין „הדסה", אָדער אַהיים?

דערהערט דאָס וואָרט „הדסה" איז מיר נישט גוט געוואָרן אויף דער נשמה... נאָך דאָס פעלט מיר. אַז מען וועט קומען און דערציילן מיין ווייב, אַז איך בין אין „הדסה", איז ביז זי וועט מיך דערזען, וועט איר דערווייל די נשמה אַרויספליען...

פאַרשטייט זיך, אַז איך האָב געבעטן אָפּפירן מיך אַהיים.



אַז איך וויל נאָר עס זאָל זיין שלום. נישט מער! אָבער מישן זיך — חלילה!

היינט שטעלט אייך פאָר ווי איך האָב אויסגעזען אין מיין ווייבס אויגן, ווען מען האָט מיך אַריינגעבראַנגט אין שטוב אַריין. זי האָט נישט געשריגן, נאָר גערעדט מיט אַ וויינענדיקער שטימע:

— וויפל מאָל איך האָב אים אָנגעזאָגט: מיש זיך נישט אין פרעמדע געשעפטן! נעבעך, אַ פאַרפאַלענער קאַליקע...

און גיי איבערצייג מיין ידענע, אז איך בין גאָט די נשמה שולדיק; אַז איך וויל נאָר עס זאָל זיין שלום.

שלום זאָל הערשן צווישן מענטשן... נישט מער! אָבער מישן זיך — חלילה!

## אין אויטאָבוס נומער 4

(בילד)

(אין דער לעצטער מינוט פאַרן אָפּגיין פון אויטאָבוס קומט אַריין אַן עלטערער הער, אַ זעלנער טרעט אים אָפּ זיין פּלאַץ. נאָכן אַוועקזעצן זיך אויף יענעמס פּלאַץ, ציט ער ארויס אַ צייטונג און לייענט מיט די אויגן — פאַר זיך. איבער זיין אַקסל בייגט זיך אַריבער אַ שטייענדיקער פּאַסאַזשיר, וועלכער קוקט אַריין אין יענעמס צייטונג און הייבט אָן לייענען אויפן קול. מיטאַמאָל שרייט ער אויס: אוי, געוואַלד! די שעה זאָל נישט באַשעה׳ען).

**דער לייענער:**

(דרייט זיך אום)

**וואָס מאַכט איר אַזאַ געוואַלד? וואָס איז געשען?**

**דער אַריינקוקער:**

(טייטלט מיטן פינגער אויף דער צייטונג)

**איר זעט דען נישט וואָס דאָ איז געשריבן?**

לייענער:

(בייזערט זיך)

וואָס אַזוינס איז געשען?

אַריינקוקער:

(אַקצענטירט יעדעס וואָרט)

נאַט, זעט: טשעכישע שיפן מיט סאָוויעטיש געווער דערנענטערן זיך צו די ברעגעס פון פּאָרט־סאַיד. אויך מערב־דייטשלאַנד העלפט זיי.

לייענער:

(מיט שפּאָט)

דאָס איז אַלץ?

אַריינקוקער:

(צעהיצט)

און דאָס איז אייך ווייניק?

לייענער:

און איך זאָג אייך, אַז איר הויבט נישט אָן צו וויסן וואָס איר רעדט!

אַריינקוקער:

פאַרוואָס באַליידיקט איר מיך?

לייענער:

ווייל איר זענט אַ נאַרישער מענטש!

אַריינקוקער:

מיט וואָס זענט איר אַ חכם און איך אַ נאַר? שטעלט אייך פאָר, אַז טאָמער ברעכט־אויס אַ מלחמה — וועט נאַצער מיט זיינע פערציק מיליאָן אַראַבער דערצו מיטן סאָוויעטישן געווער, מאַכן פון אונדז אַ תל... איצט פאַרשטייט איר שוין?

לייענער:

איך פאַרשטיי שוין יאָ, נאָר איר — נישט!

אַריינקוקער:

ווי געפעלט אייך דער מענטש? פערציק מיליאָן אַראַבער איז ביי אים עפּעס אַ שפּילעכל...

לייענער:

הערט אויס ר׳ ייד: איך זאָג אייך, אַז ווען ס׳ברעכט אויס אַ מלחמה זענען מיר די זיגער!

אַריינקוקער:

(הויבט די אַקסלען)

ווי אַזוי?

לייענער:

ווי אַזוי? — די גאַנצע וועלט וועט דעמאָלט שטיין אויף אונדזער זייט.

אַריינקוקער:

די גאַנצע וועלט האָט אונדז אין דער לינקער פּיאַטע!

לייענער:

איר קאָנט זיך אויך פאַרלאָזן אויף אונדזערע יידישע זעלנערלעך!...

אַריינקוקער:

דאָס האָט איר אפשר רעכט.

לייענער:

(לצנותדיק)

פאַראַן, זעט איר, אַן אַנדערע צרה, וואָס איז פיל ערגער...

אַריינקוקער:

וואָס, למשל?

לייענער:

די מלחמה מיט לוי אשכול.

אַריינקוקער:

איך פאַרשטיי נישט.

לייענער:

גיי טענה זיך אויס מיט אַ מענטש, וואָס ווייסט נישט ווער ס׳איז לוי אשכול.

אַריינקוקער:

(אַביסל פאַרשעמט)

יאָ, איך ווייס: מס הכנסה.

**לייענער:**

נו?

**אַריינקוקער:**

וואָס נו?

**לייענער:**

צי וועט איר געפינען איין יידן, וואָס זאָל אַרויס אין מלחמה מיט לוי אשכול?

**אַריינקוקער:**

איר האָט גוט געזאָגט, כ'לעבן!

(דער אויטאָ קומט צו צו אַ תחנה. אונטן, ביים אַריינגאַנג, הערט זיך אַ טומל. דער נהג שרייט אין מקום, אָבער אין לעצטן מאָמענט האָט זיך אַריינגעשטופּט דורך אַ שפּאַרע אַ תימנער דאַרינקער יידעלע. דאָס געפעלט נישט איינעם, אַ יעקע).

**יעקע:**

סדר צריך להיות! אומעטום שפּאַרן זיי זיך אַריין...

**תימנער:**

און ווער האָט דיך געבעטן קומען אַהערצו, אין הייליקן לאַנד, מטמא מאַכן מיט חזיר, מיט חילול־שבת, מיט באָד־קאָסטיומען. ווען נישט היטלער וואָלט מען דיך דאָ נישט אָנגעקוקט...

**יעקע:**

יאָ, איך בין אַ פרייער מענטש, שוואַרצע און ווייסע זענען פאַר מיר גלייך, אָבער אָרדענונג מוז דאָך זיין! מען ווערט דאָך דאָ דערשטיקט אין דעם שאָסאָן.

**תימנער:**

נו, און מיט די תימנקעס דערשטיקט מען זיך נישט... הע?...

**אַ זייטיקער פּאַסאַזשיר:**

ניין, מיט אַ חנעוודיקע תימנקע קאָן מען זיך גאָרנישט קרעקן...

**לייענער:**

(צום אַריינקוקער, וועלכער האָט ווידער גענומען לייענען אויפן קול)

טאָמער וואָלט איר אַראָפּ און געקויפט זיך אַ צייטונג?

**אַריינקוקער:**

אַ חכם פון אַ יידן. אַרויסקריכן פון אַזאַ שוויץ־באָד זיך קויפן אַ צייטונג און פאַרשפעטיקן דעם אויטאָ? זייט גישט קיין אַנטיסעמיט און לאָזט אַריינקוקן אין אַ יידיש וואָרט.

(נאָך אַ קליינער הפסקה שרייט ער אויס)

אָ!

**לייענער:**

וואָס איז שוין ווידער פאַר אַן אָ? איר האָט דאָך מיר שוין באַלד געמאַכט וואַסער אין אויער...

**אַריינקוקער:**

אדרבא, לייענט: אַ נייע אַפערע אין דער סוכנות אויף אַ ריזיקע סומע. די זאַך ווערט געהאַלטן בסוד. דאָס אומגליק איז נאָר, וואָס איך בין אין דעם סוד נישט פאַרמישט... איי, ווען איך וואָלט עס געווען אַ שטיקל מנהל אין דער סוכנות, וואָלט מיין ווייב און קינדער אויך געוווּסט פון אַ לעבן...

**לייענער:**

איך האָב צו אייך אַ בקשה.

**אַריינקוקער:**

וואָס, למשל?

**לייענער:**

לייענט שטילערהייט.

**אַריינקוקער:**

לאָזט מיך בלויז איבערלייענען די וויצן, און איך לאָז איבער די גאַנצע צייטונג פאַר אייך.

לייענער:

(נאָך אַ קליינער הפסקה)

נו, שוין געענדיקט?

אַריינקוקער:

(בעטנדיק זיך)

לאָזט מיך נאָך כאַפּן אַ קוק אין די אַנאַנסן.

לייענער:

איך האָב פאַר אייך אַ געשעפט.

אַריינקוקער:

אדרבא, לאָמיר הערן.

לייענער:

אייער נאָז געפעלט מיר. איר באַקומט פאַר איר טויזנט פונט שטערלינג.

אַריינקוקער:

איר מאַכט פון מיר חוזק?

לייענער:

(מיט אַן ערנסטער מינע)

ניין, איך מיין דאָס ערנסט. אין בריטישן מוזעאום ווערט געזוכט אַזאַ נאָז. איך בין אַ פאַרטרעטער פון בריטישן מוזעאום.

אַריינקוקער:

(שפּאַסיק)

וויאַזוי וועט איר אַוועקשיקן מיין נאָז קיין לאָנדאָן און איך זאָל בלייבן אין תל־אביב?

לייענער:

(געלאַסן)

נישט איצטער, נאָר איבער הונדערט און צוואַנציק יאָר, וועל איך אייך אָפּשניידן די נאָז...

אַריינקוקער:

איר האָט שוין נישט פון וועמען צו שפּאַסן?

**לייענער:**

אָן שפּאַס. מיר גייען גלייך אַריין צום רעיענט און שרייבן אַ קאָנ־טראַקט.

**אַריינקוקער:**

(איראָניש)

אָבער צו וואָס טויג מיר טויזנט פונט נאָכן טויט?

**לייענער:**

קינדער האָט איר? טעכטער אויסצוגעבן האָט איר?

**אַריינקוקער:**

(איבערלייגט)

דאָ האָט איר שוין אַביסל געטראָפן. איינע האָב איך אין מיליטער. פאַר איר זאָרג איך נישט. איר ווייסט דאָך ווי ס'איז אין אונדזער מיליטער — אַ בחור וועט זיך שוין צו איר צוקלעבן. אָבער מיט דער עלטערער איז אַביסל ערגער...

**לייענער:**

(טריאומפירט)

זעט איר, אַז איך האָב אייך צוגעטראָפן!

**אַריינקוקער:**

נו, ווי קומט די קאַץ איבערן וואַסער?

**לייענער:**

(באַזאָרגט)

באַלד וועט איר זען...

(נעמט־אַרויס פון זיין אַקטן־טאַש אַ סטעמפּל־קישעלע מיט אַ סטעמפּל)

**אַריינקוקער:**

(דערשרעקט זיך)

וואָס איז דאָס? איר ווילט מיר סטעמפּלען מיין נאָז?

**לייענער:**

זיכער! איך מוז דאָך אייער נאָז דערקענען, אַנישט קאָנט איר דאָך אייער נאָז פאַרטוישן...

**אַריינקוקער:**

(שפּרינגט אויף אַ פּאַרציטערטער)

**מנע! וואָס אַ יידן פאַלט איין.**

(ציט פאַרן גלאָק און שפּרינגט אַראָפּ ביי דער נאָענטסטער סטאַציע. פיל פּאַסאַזשירן ברעכן־אויס אין אַ הילכיק געלעכטער)

**אַריינקוקער:**

(שרייט אים נאָך דורכן פענצטער)

**ר׳ ייד! נאָכאַמאָל שטעקט נישט אַריין אייער נאָז ווו מען דאַרף נישט!...**

# אין מקום!

**(געשריבן אין דער צייט פון ענגלישן מאַנדאַט אין לאַנד)**

(ביי דער תחנה פון „המעביר" וואַרטן מענטשן אין דער ריי אויפן אויטאָבוס. זיי קומען־אָן איינציקווייז. אין אָנפאַנג וואַרטן זיי געדולדיק, אָבער וואָס לענגער זיי וואַרטן, ווערן זיי אומ־געדולדיקער — נערוועז. איינציקע לייענען צייטונגען, אַנדערע לאָזן זיך אַריין אין אַ שמועס מיט זייערע שכנים.)

**אַ פרוי:**

(מיט אַ גרימאַס אויפן פנים)

**אוי, מיינע פיס! איך גיי פאַלן...**

**אַ יעקע:**

(ווישט זיך דעם שווייס)

**דאָנערוועטער נאָך איין מאַהל. זאָ איינען חמסין האַבע איך ניע געזעען...**

**אַן אַלטער מאַן:**

(צו אַ פרוי מיט אַ קינד אויפן האַנט)

**איך בעט אייך, שטופּט זיך נישט אַזוי. סוף־סוף זענען מיר אין אונ־דזער אייגן לאַנד, וווּ מיר קאָנען שטיין אַ ביסל פרייער...**

**פרוי מיטן קינד:**

**אמת, ר' ייד, איר האָט רעכט! אָבער... דאָ איז אַזוי ענג ווי אין אַ סדום־בעטל... נישט אויסצוהאַלטן!**

**אַלטער מאַן:**

(צו איינעם אין אַ בלויער בלוזע)

**וואָס הערט זיך עפּעס נייעס אויף דער וועלט?**

**מאַן אין דער בלויער בלוזע:**

(לעבעדיק)

נייעס? — די מלחמה האָט זיך געענדיקט!

**אַלטער מאַן:**

(צום עולם)

פּיש... פּיש... האָסטו געהערט! וואָזשנע נייעס! קינדער אין די וויגן וויסן דאָך, אַז די מלחמה האָט זיך שוין געענדיקט.

(צום מאַן אין דער בלויער בלוזע)

וואָס הערט זיך בעסער ביי אונדז אין ישוב מיט די מלחמות? מיט די מחלוקתן? אין די סטאַדרוטן? אין די טורמעס? אין קרן קימת? קרן היסוד? קרן סישקין? קרן רוטנבערג? און אין אַלע איבעריקע קערנס? — כ'האָב פאַרגעסן ווי מען רופט זיי דאָרט. און איצטער אין די אגודות:

אגודת בעלי תעשיה, אגודת תעשיה בעלים, אגודת רופא חולים, אגודת קוברי חולים, אגודת לעזרת יולדות, אגודת יולדות עזובות, חברת חיילים משוחררים, חברה משוחררי חיילים, חברי שומרי שבת, חברי מחללי שבת, חברה מלביש ערומים, חברה סוחרים ארומים און ערשט אין די חברות, למשל: חברת סומך נופלים, חברת מחיה־מתים, לינת הצדק, ביקור חולים און נאָך און נאָך. איר קענט זיי דאָך בעסער פאַר מיר.

**מאַן אין דער בלויער בלוזע:**

(אויפגעלייגט)

גוט, וואָס גוט הייסט! ס'וועט זיין שלום! מיט „מזרחי" און „אגודת ישראל" האָבן מיר שוין שלום געמאַכט. פון מאָרגן אָן וועלן מיר אין אַלע אונדזערע קיכן ווייקן און זאַלצן פלייש אַזוי, אַז ס'עט זיין גלאַט כשר.

(נאָך אַ קליינער פויזע)

נו, און וואָס שייך די חברות, האָבן מיר באַשלאָסן צו רופן אַ גרויסע אסיפה אין ירושלים, אויף וועלכער מען וועט באַטראַכטן אַלע פראַ־

יעקטן און מיטלען ווי אַזוי מיר קאָנען זיך אַלע פאַראייניקן אין איין גרויסער ציוניסטישער פאַרטיי.

**אַלטער:**

(דערכעט אָפּ)

ברוך השם! ברוך השם!

**יעקע:**

(העפלעך)

מיינע הערשאַפטן! לאָסען זי, ביטע, די פראַו מיט דען קינד אין פאַראַאוס, די ערשטע.

**אַ סאַברע:**

(שקאָציש)

מה אתה פה? באת לעשות סידורים חדשים בארצנו? תור — זה תור! לא אכפת לי: אשה, לא אשה; ילד, לא ילד...

(גייט איבער אויף יידיש)

ווי געפעלט אייך דער יעקע? גייט אייך אין אייער היטלער־לאַנד און ווערט נישט דאָ קיין באַלעבאַטים...

**אַ ייד מיט אַ באָרד:**

(צום סאַברע)

וואָס פאַלט איר אַזוי אָן אויף אַן אומשולדיקן מענטשן? ער האָט דען נישט רעכט...

**אַ ייד אָן אַ באָרד:**

(אַ מגושמדיקער טיפּ)

ווי געפעלט אייך דער מליץ־יושר?

(קערט זיך אום צום ייד מיט דער באָרד)

ר׳ ייד מיט דער כשרער באָרד; שטופט אייך נישט ווו מען דאַרף נישט. איר הערט?! אפשר איז ער גאָר אַ שפּיאָן? די רעגירונג אַליין זאָגט, אַז ס׳קומען אַהערצו דייטשע יידן שפּיאָנען. איז ווער קאָן וויסן?

**אַ תימנער:**

(שפּייט־אויס)

טפו... ימח שמו וזיכרו! ווי קאָן מען דאָס זאָגן אַ ייִד, אַ שפּיאָן?
נישטאָ ייִדן שפּיאָנען! נישטאָ!

**ייִד אָן דער באָרד:**

(איראָניש)

מנע! אַ נייער מליץ־יושר!

**ייִד מיט דער באָרד:**

ער איז דאָך אָבער פּאָרט גערעכט!

**ייִד אָן דער באָרד:**

(רוקט זיך צו צום ייִד מיט דער באָרד)

פּעטער, איר טראָגט טאַקע אַ שיינע באָרד, אָבער ווער ווייסט וואָס הינטער דער באָרד שטעקט? וואָסער טריפן האָרץ איר האָט?...

**ייִד מיט דער באָרד:**

(אויפגעקאָכט)

שייגאַץ איינער!

**ייִד אָן דער באָרד:**

(נאָך מער אויפגעקאָכט)

וואָס האָט איר געזאָגט?

**מאַן אין דער בלויער בלוזע:**

(שטעלט זיך צווישןביידן)

ייִדן, ס'איז, כלעבן, נישט שיין צו קריגן זיך. דאָ אין ארץ־ישראל זענען מיר אַלע גלייכע ייִדן. מיט בערד, אָן בערד — די זעלבע ייִדן. נישטאָ קיין דייטשע, רוסישע, פּוילישע, אונגאַרישע, רומענישע ייִדן. אַלע זענען מיר איצט פון ארץ ישראל. אָרטיקע זענען מיר!

**אַ ייִד, אַ קרעמער:**

(סודותדיק)

שטילער ייִדן, ס'שטייט אָן ערל אין דער ריי...

**אַ ייִד, אַ נייער אין לאַנד:**

(צום מאַן מיט דער בלויער בלוזע)

כ'בעט אייך, זייט אַזוי גוט און פאַרטייטשט מיר, וואָס ס'איז דאָרטן געשריבן אין דער מודעה?

**מאַן אין דער בלויער בלוזע:**

(לייענט אויפן קול)

ההסתדרות הכללית של העובדים בארץ ישראל.

**נייער אין לאַנד:**

(רייסט יענעמען איבער)

וואָס הייסט דאָס?

**מאַן אין דער בלויער בלוזע:**

(נעמט פּלאָנטערן מיטן צונג)

דאָס הייסט, דאָס איז דער טייטש, ווי זאָל איך אייך זאָגן. נו, די חברה פון יידישע אַרבעטער אין ארץ־ישראל.

**נייער אין לאַנד:**

(פאַרוואונדערט)

איך פאַרשטיי נישט.

**מאַן אין דער בלויער בלוזע:**

(שטוינט)

וואָס? קיין יידיש פאַרשטייט איר אויך נישט?

**נייער אין לאַנד:**

(פאַרשעמט)

יידיש פאַרשטיי איך יאָ, אָבער ווי קאָן עס דען זיין אין ארץ־ישראל נישט קיין יידישע אַרבעטער?

**מאַן אין דער בלויער בלוזע:**

(אַ ביסל געפּלעפט)

דאָס ווייס איך נישט. איך דערקלער אייך נאָר וואָס ס'איז אָנגעשריבן.

**נייער אין לאַנד:**

און וואָס ווייטער?

**מאַן אין דער בלויער בלוזע:**

ווייטער? — שבת, דעם 5־טן מאַי, 1945 וועט פאַרקומען, אין מוג־ראַבי־זאַל, אַ פאַרלעזונג פון חבר שערטאָק על הנושא: „המצב בארץ והיהודים בגולה״.

**נייער אין לאַנד:**

**וואָס הייסט דאָס?**

**מאַן אין דער בלויער בלוזע:**

(חוזקדיק)

**נו, דאָס איז שוין גרינג צו פאַרשטיין. „המצב" איז דער טייטש: דער מאַצעוו, די לאַגע. אַלזאָ: המצב בארץ — די לאַגע איז אין דער ערד...**

(אָנווייזנדיק מיטן האַנט אויף דער ערד)

**„והיהודים בגולה" און די יידן זענען דאָ, נעבעך, אין גלות...**

(ס'לויפט אַדורך אַ פול־געפּאַקטער אויטאָבוס, וועלכער שטעלט זיך נישט אָפּ)

**אַלע אין דער ריי:**

(שרייען אויפגערעגט)

**האַלאָ! האַלאָ!**

**שאָפער:**

(שרייט אַרויס)

**אין מקום!**

(דער עולם ווערט גאָר שטאַרק אויפגערעגט)

**פרויען שטימע:**

(היסטעריש)

**חמור שכזה!**

**מענער שטימע:**

(שיקט אים נאָך אַ פויסט)

**מנוול!**

**נאָך אַ שטימע:**

(אין צאָרן)

**פּאַסקודניאַק!**

**פרויען שטימען:**

**טעמבעל!**

**מענער שטימען:**

אידיאָט!

(גאָר אין כעס)

היצעל, הונט!

(פון אַ זייט קומט־אָן אַ פּאָליציאַנט)

**פּאָליציאַנט:**

וואָס ליאַרעמט איר? וואָס מאַכט איר סקאַנדאַלן אין גאַס?

(באַפעלעריש)

שקט זאָל זיין!

**אַלע צוזאַמען:**

(אין אויפברויז)

וואָס הייסט? ס'לויפט דורך אַן אויטאָ און וויל אונדז נישט אויפ־נעמען! מיר שטייען שוין דאָ העכער אַ שעה צייט.

**פּאָליציאַנט:**

(געלאַסן)

אַז ס'איז נישטאָ קיין אָרט, נעמט ער נישט אויף.

(נעמט אָן אַן ערנסטע מינע)

שקט זאָל זיין!

**אַ פּאַרשוין מיט אַטלעטישע פּלייצעס:**

(סאַרקאַסטיש)

נישטאָ קיין פּלאַץ? דו חכם בלילה... אַז די קאָנצעסיע פון „המעביר" ליגט אין אייערע הענט, מאַכט איר אַזאַ אָרדענונג, אַז ס'איז נישטאָ קיין פּלאַץ. גיט אונדז די קאָנצעסיע, וועט איר שוין זען וואָסער אָרדענונג מירן מאַכן; פּלאַץ וועט סטייען פאַר אַלעמען! אַלע וועלן מיר קאָנען אַריין! אָט!

**פּאָליציאַנט:**

(אויפגעקאָכט)

דו, חוצפּן! מאַך צו ס'מויל דיינס. אויב נישט וועסטו באַלד קלייבן די ציינער אויפן ברוק!...

**אַטלעטישער פּאַרשוין:**

(צום עולם)

**נו, יידן, מיר וואַרטן! מיר האָבן געדולד! מיר וועלן וואַרטן ביז ס׳וועט זיין פּלאַץ...**

**איינער פון עולם:**

(קאָן זיך אַלץ נישט באַרואיקן)

**אָבער איך האָב אַליין געזען מיט מיינע אויגן אַ פרייען פּלאַץ!**

**א צווייטער:**

(פּאַלט אַריין אין די רייד)

**איך האָב געזען צוויי פרייע פּלעצער!**

**אַ דריטער:**

(אונטערהעצנדיק)

**איך האָב געזען פיל פּלעצער!...**

**פרויען שטימע:**

**אַז פּלאַצן זאָלן זיי!...**

**אלע צוזאמען:**

(ווי צוזאַמענגערעדט זיך)

**מיר גייען נישט פון דאַנעט! מיר רירן זיך נישט פון דער תחנה ביז ס׳וועט זיין פּלאַץ...**

(די זון פאַרגייט. ס׳ווערט פינצטער. דער עולם איז שוין שטאַרק מיד אָבער וואַרט עקשנותדיק. פון ווייטנס באַווייזט זיך דער זעלבער פּאָליציאַנט).

**פּאָליציאַנט:**

(צום עולם)

**וואָס איז דאָס? איר שטייט באַך?**

**דער עולם:**

(אָפּגעהאַקט)

**יאָ, מיר שטייען נאָך...**

**פּאָליציאַנט :**

(גערייצט)

**ווי לאַנג וועט איר אַזוי שטיין ? שוין דער לעצטער אויטאָבוס פאַרביי !**

**דער עולם :**

(דעצידירט)

**מיר וועלן שטיין אַפילו ביז מאָרגן ! ביז ס׳וועט קומען אַ...**

**פּאָליציאַנט :**

(רייסט איבער זייערע רייד)

**איצטער זע איך וואָסער עם קשי עורף די יידן זענען !**

**דער עולם :**

(נעמט זינגען)

קשי עורף אנחנו. כל קשי נשא
לא נסור, לא נזוז, נחכה פה בתור.
ואנו הביתה, עוד הביתה נסע.
כי נאמין במחר של זוהר ואור.

# כאפּט א גנב

## (איינאַקטער)

**פּערזאָנען:**

**אַ קרעמער** פון שפּילצייג, אַ ייד אין די מיטעלע יאָרן

**יורם,** אַדוואָקאַט, 35 יאָר אַלט

**עדנה** זיין ווייב, — אַרום 28 יאָר אַלט

**חביבה,** זייער שטוב־מיידל — 20 יאָר אַלט

**יגאל,** איר געליבטער — 25 יאָר אַלט

**שוטר,** — 32 יאָר אַלט

**ערשטער קליענט**

**צווייטער קליענט**

**גדעון,** שופט, אַ שיין געבויטער מאַן, פון אַ יאָר 40

**ערשטער גנב**

**צווייטער גנב**

(די סצענע שטעלט פאָר דעם סאַלאָן און אויפנעמ־צימער ביים אַדוואָקאַט. אויך אַ שטיקל גאַס וואָס פירט צו זיין הויז. ווען דער פאָרהאַנג עפנט זיך זעט מען אויפן גאַס, נישט ווייט פון אַדוואָקאַטס הויז, אַ קרעמער באַלאָדן מיט פאַרשידענע שפּילצייג, וועלכער פירט אַ נאָך פון פריער אָנגעהויבענעם וויכוח מיטן אַדוואָקאַטס פרוי)

**קרעמער:**

**אָבער וואָס אַנטלויפט איר אַזוי? טוט אַ קוק, מאַדאַם, וואָסערע וווּנדערלעכע זאַכן איך האָב צו פאַרקויפן.**

**מאַדאַם:**

איך האָב דאָך אייך געזאָגט, אַז איך קויף נישט קיין אויסלענדישע סחורות. איך קויף נאָר „תוצרת הארץ".

**קרעמער:**

ערשטנס, איז די אויסלענדישע סחורה בעסער ווי די היגע און צווייטנס, וואָס איז אייך דען אַן אונטערשיד?

**מאַדאַם:**

(אַנטשלאָסן)

איך וויל אַז מיין געלט זאָל נישט גיין קיין אויסלאַנד, נאָר זאָל בלייבן ביי אונדז אין לאַנד. איר פאַרשטייט?

**קרעמער:**

(שמייכלט פאַרלעגן)

אָבער...

**מאַדאַם:**

(פאַלט אים אַריין אין די רייד)

איך האָב איצט קיין צייט נישט.

**קרעמער:**

(מיט גריגשעצונג)

שלום גברת...

(ס'דערנענטערט זיך אַ שוטר און בלייבט שטיין לעבן קרע־מער).

**שוטר:**

שלום חבוב! כ'האָב דיך טאַקע אויסגעקוקט. מאָרגן איז ביי מיין טעכטערל יום־הולדת.

(ער קלויבט זיך אויס אַ שפּילצייג)

תודה רבה.

(פאַרשווינדט)

**קרעמער:**

(מיט רוגזא)

ימח שמו וזכרו... אַ גנב דאָס איז!

(דאָס שטוב־מיידל קערט זיך אום פון מאַרק מיט אַ פול קוישל איינגעקויפטע פּראָדוקטן. האַרט פאַרן אריינגאַנג לויפט אונ־טער אַ קליין יאַטל און כאַפּ־אַראָפּ עפּעס פונעם קוישל.)

**שטובמיידל:**

(ווישט זיך מיט אַ טיכל דעם שטערן)

**אוף... סאַראַ חמסין... נישט אויסצוהאַלטן....**

(זי לייגט אַלץ אַרויס אויפן טיש און די מאַדאַם נעמט קאָנ־טראָלירן דעם חשבון)

**מאַדאַם:**

(חשבונט)

**קאַרטאָפל — 35 פּייאַסטער, צוויי הייפּטלעך קרויט — 34 פּיאַסטער, צוואַנציק אייער צו 10 פּיאַסטער אַ שטיק, פיר רעטעכער.**

(זי ציילט און שטעלט אָן די אויגן אויפן שטובמיידל)

**ווו איז דער פערטער רעטעך?**

**שטובמיידל:**

**לעזול! נישט אויסצוהאַלטן פון די קליינע גנבימלעך...**

**מאַדאַם:**

**וויפל קאָסטן די רעטעכער?**

**שטובמיידל:**

**צו פינף פּיאַסטער אַ שטיק.**

**מאַדאַם:**

**די פינף פּיאַסטער פאַרשרייב איך אויף דיין חשבון. אָבער, רבונו של עולם, וואָס איז עפּעס איבער נאַכט אַלץ אַזוי געשטיגן?**

**שטובמיידל:**

**איר האָט נישט געלייענט אין די צייטונגען, אַז דער פונט איז אַראָפּ, זענען די פּרייזן אַרויף...**

**מאַדאַם:**

(אָנגעברוגזט)

**געלייענט. אָבער לוי אשכול האָט דאָך אין ראַדיאָ פאַרזיכערט, אַז קיין שום זאַך וועט נישט טייערער ווערן.**

**שטובמיידל:**

**איך האָב עס אים געזאָגט, דעם קרעמער.**

**מאַדאַם:**

**נו?**

**שטובמיידל:**

**האָט ער יאָ געזאָגט, האָט ער נישט געזאָגט... — האָט געלאַכט דער קרעמער.**

**מאַדאַם:**

(מיט כעס)

**טראָג דאָס אַלץ אַריין אין קיך. חאַלאַס!**

(דאָס שטובמיידל נעמט־צונויף די פּראָדוקטן און פאַרשווינדט אין קיך אַריין. באַלד הערט זיך דאָס קול פון דער מאַדאַם)

**חביבה!**

(דאָס שטובמיידל באַווייזט זיך אין דער טיר)

**שטובמיידל:**

**וואָסי?**

**מאַדאַם:**

**אַז דער הער וועט קומען, זאָג אים אַז איך בין געגאַנגען צו דער שניידערין.**

(פאַרשווינדט. נאָך אַ קורצער הפסקה הערט זיך אַ קלינגען. חביבה עפנט די טיר און ס'קומט אַריין דער אַדוואָקאַט. ער פאַרנעמט זיך צו זיך אין קאַבינעט, אָבער חביבה פאַרלויפט אים דעם וועג און לאַכט אים שעלמיש אין פנים אַריין...)

**אַדוואָקאַט:**

**דו... דו...**

(ער נעמט איר אַרום, קושט זי ליידנשאַפטלעך און גייט אַריין צו זיך אין קאַבינעט. חביבה פאַלט ארויף אויף דער סאָפע און קאַטשעט זיך פון געלעכטער: אַריינגעכאַפּט אַ קוש... באַלד הערט זיך אַ קלינגען אין טיר. חביבה עפנט די טיר. ס'קומט אַריין אַ קליענט צום אַדוואָקאַט)

**ערשטער קליענט:**

שלום, הער אַדוואָקאַט. וואָס וועט זיין מיט מיר?

**אַדוואָקאַט:**

איך האָב אייך שוין איינמאָל דערקלערט, אַז כ'קאָן דעם ענין נישט אָננעמען. סיידן — אייערע פּאַפּירלעך זאָלן פאַרשווינדן פון תיק...

**קליענט:**

גוט, איך בין מסכים.

**אַדוואָקאַט:**

(שפּאָטיש)

מסכים זאָגט איר? אויב נישט זענט איר אינגאַנצן פאַרשפּילט!

**קליענט:**

(מיט אַ בעטנדיקער שטים)

נו, אדרבא!

**אַדוואָקאַט:**

(מיט געבייזער)

וואָס אדרבא? אפשר זאָל איך אייך אַרויסגנבענען די פּאַפּירן? איך בין אַן אַדוואָקאַט!

(שטעלט זיך אויף צוגעבנדיק רעספּעקט זיין פּערזאָן)

**קליענט:**

(פאַרצווייפלט)

אָבער... ראַטעוועט מיך. צו וועמען זאָל איך גיין? גיט מיר אַ שטיקל אַדרעס.

**אַדוואָקאַט:**

(פאַרקלערט)

הם... אַן אַדרעס?

(ער כאַפּט אַ שטיקל פּאַפּיר, שרייבט עפּעס אָן און דערלאַנגט עס דעם קליענט)

**קליענט:**

(לייגט אַוועק אַ צענער־פונט אויפן טיש. אַרויסגייענדיק ווי צום פּובליקום)

מילא, אויף דעם איז ער דאָך אַן אַדוואָקאַט...

(פאַרשווינדט. מען קלינגט. דאָס שטובמיידל עפנט. ס'קומט אַריין אַ צווייטער קליענט)

**צווייטער קליענט:**

(פאַרסאָפּעט)

שלום, הער אַדוואָקאַט! אַ פריש אומגליק האָט מיך געטראָפן.

**אַדוואָקאַט:**

(פאַרוואונדערט)

וואָס איז געשען?

**צווייטער קליענט:**

פאַריקן שבת האָט זי מיך אַראָפּגעוואָרפן פון די טרעפּ און איצט באַקום איך אַ הזמנה אין בית־המשפט פאַר ספסרות.

**אַדוואָקאַט:**

וואַרשיינלעך האָט איר מיט עפּעס זיך פאַרזינדיקט.

**צווייטער קליענט:**

גאָט באַהיט, איך נעם נישט קיין איין פּיאַסטער טייערער פון נאָר־מאַלן פּרייז.

**אַדוואָקאַט:**

פאַרוואָסזשע האָט זי אייך אַראָפּגעוואָרפן פון די טרעפּ? איר ווייסט דאָך, אַז מיט דער ממשלה דאַרף מען לעבן בשלום.

**צווייטער קליענט:**

זיכער, איך פאַרשטיי דאָס זייער גוט. איך לעב דאָך מיט איר בשלום. פאַריקע וואָך האָב איך אַריינגעטראָגן צו זיין ווייב אַ מענדל אייער — זי האָט צוגעגרייט די בר־מצוה פון איר זונעלע.

**אַדוואָקאַט:**

איז דאָך ווידער גוט. טאָ פאַרוואָס האָט זי אייך דורכגעטריבן? וואָס האָט זי געזאָגט?

**צווייטער קליענט:**

אַז איך פאַרשטיי נישט קיין לשון־קודש.

**אַדוואָקאַט:**

יעדער ייד פאַרשטייט עברית. אויף וועלכער שפּראַך דאַוונט איר?

**צווייטער קליענט:**

אָבער אין דאַוונען זענען גאָרנישט פאַראַן אַזעלכע ווערטער ווי זי האָט מיר געזאָגט.

**אַדוואָקאַט:**

(אומגעדולדיק)

לאָמיר שוין הערן וואָס זי האָט אייך געזאָגט?

**צווייטער קליענט:**

זי האָט געזאָגט, אַז די אייער זענען פאַרשטינקען.

**אַדוואָקאַט:**

ברענגט מיר די הזמנה, וואָס איר האָט באַקומען.

**צווייטער קליענט:**

(ציט אַרויס אַ באַנקנאָט פון טאַש און לייגט אים אַוועק אויפן טיש)

שלום.

(דער טעלעפאָן קלינגט).

**אַדוואָקאַט:**

יאָ. ווער? אָ, שלום אדוני השופט. וואָס? איך זאָל גלייך קומען צו אייך אין צוזאַמענהאַנג מיטן פּראָצעס פון די זיבן? בסדר. כ'קום גלייך.

(קלינגט אויפן טיש־גלעקל. דאָס שטוב־מיידל קומט אַריין).

אַז די מאַדאַם וועט קומען, זאָג איר, אַז איך בין דרינגנד אַרויסגערופן געוואָרן צום ריכטער גדעון.

**שטובמיידל:**

גוט, די מאַדאַם איז ערשט נישט לאַנג געגאַנגען צו דער שניידערין.

(מען קלינגט. דאָס שטובמיידל עפנט די טיר. די מאַדאַם קומט אַריין)

**מאַדאַם:**

(קוקט זיך אַרום)

**ווו איז דער הער?**

**שטובמיידל:**

**ער איז נאָר־וואָס אַרויסגערופן געוואָרן דרינגנד צום ריכטער גדעון.**

(די מאַדאַם זעצט זיך אַריין אין אַ וויג־שטול און זינגט זיך אונטער עפּעס אַ מעלאָדיע. מען הערט אַ פּייף פון גאַס. דאָס שטובמיידל לויפט צו צום פענצטער און גיט אַ צייכן מיט דער האַנט. יגאל לויפט צו צום פענצטער)

**יגאל:**

**קום, חביבה, מיר גייען אַ ביסל שפּאַצירן...**

**חביבה:**

(איבערבייגנדיק זיך איבערן פענצטער־פּולפּיט)

**איין מינוט.**

(זי נעמט אַריבערשפּרייזן איבערן פענצטער. יגאל העלפט איר צו. פון יענער זייט פענצטער הערט זיך אַ געלעכטער)

**מאַדאַם:**

(כאַפּט זיך אויף ווי פון שלאָף)

**וואָס איז געשען?**

(ס׳הערט זיך אַ קלונגען. די מאַדאַם עפנט די טיר. ס׳קומט אַריין דער ריכטער)

**גדעון:**

(כלומר פאַרוווּנדערט)

**אָ, מאַדאַם, שלום! וואָס מאַכט איר? איך האָב אייך גאָרנישט דערוואַרט דאָ צו טרעפן.**

**עדנה:**

(אַרויסרופנדיש)

**און איך מיין, אַז נאָר מיך האָט איר דערוואַרט דאָ צו טרעפן...**

**גדעון:**

(דערנענטערט זיך צו איר)

**נישטאָ נאָך אַזאַ חכמה ווי דו ביסט...**

**עדנה:**

**דו ביסט אויך נישט קיין נאַר... בבקשה, מאַך זיך באַקוועם...**

(זי ווייזט אים אָן אַ פּלאַץ אויף דער סאָפע און זעצט זיך אויך צו אים צו).

**גדעון:**

(נעמט זי אַרום און צערטלט איר)

**עדנה...**

(ס'הויבט אָן דעמערן. די נאַכט פאַלט צו. דורכן אָפענעם פענצטער פון סאַלאָן שפּרייזט אַריבער עפּעס אַ פּאַרשוין און גייט גלייך צו צו דער קליידער־שאַנק. אין דרויסן שטייט אַ צווייטער אויף דער וואַך. דער ערשטער עפנט די שאַנק, ציט ארויס עטלעכע מלבושים און וואַרפט זיי אַרויס דורכן פענצטער).

**צווייטער גנב:**

**גענוג מיט די שמאַטעס. דערטאַפּ עפּעס קלינגערס...**

**ערשטער גנב:**

**נעם וואָס מען דערלאַנגט דיר.**

(מיטאַמאָל פאַלט־אַראָפּ אַ מעטאַלן קעסטעלע אויף דער פּאָדלאָגע מיט אַ טראַסק. עדנה און גדעון כאַפּן זיך אויף איבעראַשטע און לויפן אַריין אין סאַלאָן).

**ריכטער:**

(מיט טריאומף)

**אַהאַ! איך האָב דיך געפּאַקט, דו אַלטער גנב!**

(ער נעמט אים אָן פאַרן קאָלנער און שלעפּט אים אַריין אין קאַבינעט)

**וואָס טוסטו דאָ?**

**גנב:**

**איך בין געקומען צו דער הויז־דינערין. זי האָט מיך באַשטעלט.**

**ריכטער:**

(פאַרשעריש)

טאָ פאַרוואָס ביסטו געקראָכן דורכן פענצטער? ס'איז דאָך פאַראַן אַ טיר.

**גנב:**

(דיסקרעט)

די מאַדאַם דאַרף נישט וויסן, אַז מיר טרעפן זיך.

**מאַדאַם:**

ביסט געקומען, הייסט עס, צו מיין הויז־דינערין?

(צום ריכטער)

איר זענט אַן עדות, דאָס אַלץ פאַרשרייב איך אויף איר חשבון.

**ריכטער:**

(ערנסט)

חשבון איז אַ באַזונדערע זאַך און גנבים מוז מען באַשטראָפן.

(צום גנב)

ביסטו זיך מודה, אָדער נישט?

**גנב:**

ניין! איך בין זיך נישט מודה!

**ריכטער:**

דו ווייסט וואָס פאַראַ שטראָף עס קומט דיר פאַר אַריינברעכן זיך דורכן פענצטער אין אַ פרעמדער שטוב?

**צווייטער גנב:**

(דורכן פענצטער)

יאָלד! וואָס שלאָפסטו?

**ערשטער גנב:**

(שטעלט זיך אויף שטייף, רעדט דעצידירט)

און איצט מיין באַשולדיקונג קעגן אייך, הערן ריכטער:

(טראָציק)

פאַרן אַריינדרינגען אין אַ פרעמדער שטוב דורך דער טיר; פאַר אויפ־ברעכן אַן אָרנטלעך הארץ; פאַר באַרירן פרעמד אייגנטום

(אַנווייזנדיק אויף דער פרוי)

**נו, ווער פון אונדז איז אַ גרעסערער גנב? ווֶעמען קומט אַ גרעסערע שטראָף?**

**ריכטער:**

(אַ ביסל געפּלעפט)

**באַלד וועלן מיר מאַכן דעם חשבון**

(כאַפּט דעם טעלעפאָן)

**גיט מיר שנעל 4444.**

(דער גנב קערט איבער האַסטיק דעם טיש און פאַרשווינדט דורך דעם אָפענעם פענצטער. דער ריכטער און די מאַדאַם בלייבן צעטומלט. זיי ברענגען שנעל אַלץ אין אָרדענונג. דער ריכטער טוט אָן זיין מאַנטל און קלייבט זיך אַוועקצוגיין).

**עדנה:**

(צווייַדייטיק)

**דעם הייַנטיקן אָוונט פאַרשרייב איך נישט אויף דיין חשבון...**

(מען קלינגט)

**ביידע:**

(אין שרעק)

**אוי, ער גייט!**

**גדעון:**

(צולייגנדיק אַ פינגער צום מויל)

**ער דאַרף מיך דאָ נישט טרעפן...**

**עדנה:**

(פאַרצווייפלט)

**וואָסזשע מאַכט מען? קום גיך... קריך אַריין אין שאַנק...**

(ער קריכט אַריין. זי עפנט די טיר. ס'קומט אַריין איר מאַן).

**יורם:**

**פוי, אַזוי נישט פינקטלעך ווי אונדזער ריכטער איז! פאַרדרייט מיר דעם קאָפּ.**

(זעצט זיך אַריין אין וויג־שטול)

**עדנה:**

קום אַריין אין קאַבינעט.

**יורם:**

פאַרוואָס? דאָ איז מיר גוט. איך בין אַזוי מיד.

**עדנה:**

(לאַכט שעלמיש)

**אָבער דאָרטן וועסטו זיך אויסציען אויף דער סאָפע... ס'איז באַ־קוועמער...**

(ער גייט אַריין אין קאַבינעט, ציט זיך אויס אויף דער סאָפע. דער ריכטער פרווט פאָרזיכטיק עפענען די שאַנק. ער מאַכט עס אָבער אַזוי אומגעלומפערט, אַז די שאַנק גיט אַ שטאַרקן סקריפ... ער שפרינגט אַריבער דורכן פענצטער. דער אַדוואָ־קאַט און זיין פרוי לויפן אַריין זען וואָס ס'איז געשען).

**ביידע צוזאַמען:**

גנבים!

**אַדוואָקאַט:**

(לויפט צו צום פענצטער און נעמט שרייען)

כאַפּט אַ גנב...

**עדנה:**

(האַלט אים צו מיט איין האַנט זיין מויל)

**שריי נישט אַזוי, וועסט נאָך, חלילה, הייזעריק ווערן...**

( פ אָ ר ה אַ נ ג פ אַ ל ט )

# די פארשטערטע חתונה

## פיעסע אין צוויי אקטן
(אין ניין בילדער)

**פון לעבן אין לאַנד**

**אין די יאָרן** 1948 — 1946

### פערזאָנען:

**משה אַדלער,** אָנגעזעענער פאַבריקאַנט, פון אַ יאָר 50.
**אסתר,** זיין ווייב, פון אַ יאָר 45.
**דוד,** זייער זון, פון אַ יאָר 21.
**בלאַס,** זייער הויפּט־בוכהאַלטער, נאָענט צו 60.
**פוקס,** זייער סעקרעטאַר, אַרום 40 יאָר אַלט.
**נחמה,** זייער הויזדינערין, אַ געשיקט מיידל פון אַ יאָר 20.
**פאָרשטייער** פון פראָפעסיאָנעלן פאַריין.
**ווינטער,** אַדלערס פאָרטרעטער אין חיפה, אַרום 45 יאָר אַלט.
**יאָקטע פישער,** אַן אויפגעקומענער גביר, אַדלערס פריינד.
**מלכה,** זיין פרוי.
**חוה,** זייער טאָכטער, אַרום 18 יאָר אַלט.
**ציונה,** אַ תימנער מיידל פון אַ יאָר 20, אַ פאַרוואַלטערין פון קיבוץ.
**אַ שומר** מיט אַ הונט, אין קיבוץ.
**אַלטע פרוי,** אַ נייע עולה אין קיבוץ.
**חברים** און **חברטעס,** פון דודן און חוהן אין שטאָט.
**חברים** און **חברטעס** אין קיבוץ.
**יהודה אַפּאָטייקער,** שטאָט־פּרעזידענט. **שושנה,** זיין ווייב.
**צבי סאַמסאָנאָוו,** פאָרשטייער פון סוכנות, **דוסיאַ,** זיין ווייב.

**נתן פרומער**, ראש ועד הקהילה, **חנה**, זיין ווייב.
**פריץ געזונטהייט**, הויז־דאָקטאָר, **עלזע**, זיין ווייב.
**אברהם האַנדעלסמאַן**, ראש אגודת הסוחרים, **רבקה**, זיין ווייב.
**זאב געלערנטער**, שול־דירעקטאָר, **תמרה**, זיין ווייב.
**אלכסנדר גראָסקאָפּ**, באַנק־דירעקטאָר, **רעגינע**, זיין ווייב.
**שמחה גאָטלאָב**, ראש בית־הכנסת הגדול, **פריידע**, זיין ווייב.

## ערשטער אקט

### ב י ל ד   א י י נ ס

ביים ברעג פון ירקון. ס׳איז אָוונט־צייט. אַ לבנה־נאַכט. ווען דער פאַרהאַנג רוקט זיך פאַנאַנדער זעט זיך פון ווייטן אַ באַלויכטענע שילד מיט אַן אויפשריפט: „גן־הוואי". עטלעכע פּאָרלעך זיצן אויפן גראָז און ברומען אונטער די מעלאָדיע פון „הנה מה טוב ומה נעים". איינער פּאָרעט זיך ביי אַ פּאַטעפאָן און שטעלט־אָן די פּלאַטע פון ביאַליקס „אל הצפור". אַלע הערן זיך צו. ווען דאָס ליד ענדיקט זיך, בלייבן אַלע זיצן פאַרטראַכט.

**דוד:**

(כאַפּט זיך אויף ווי פון שלאָף).

**חברה! וואָס עפּעס אַזוי אומעטיק? וואָס איז דאָ היינט תשעה באב? לאָמיר מאַכן פריילעך!**

**איינער:**

**חברה, אויפגעשטאַנען! לאָמיר אַביסל טאַנצן.**

(מען שטעלט אָן אַ פּלאַטע פון אַ וואַלס. אַלע מיידלעך ווילן טאַנצן מיט דודן. חוה קוקט זיך צו מיט אייפערזוכט).

**דוד:**

(נאָכן פאַרענדיקן דעם טאַנץ).

**ווער פון אייך קאָן עפּעס זינגען, אָדער דערציילן אַנעקדאָטן?**

**אַלע:**

**דוד, דוד!**

דוד:

גוט, איך וועל אייך דערציילן אַן אמתע מעשה: ווי איר ווייסט, פלעגן היגע בחורים פאָרן קיין פּוילן, כדי צו שטעלן דאָרטן פיקטיווע חופות און אויף אַזאַ אופן אַהערברענגען בחורות. פאַר אַזאַ שטיקל אַרבעט פלעגט מען צאָלן פופציק פונט. איז זיך מישב אַ ירושלימער ישיבה־בחור, אַז ער וויל אויך פאַרדינען פופציק פונט. איז ער אַראָפּגעפאָרן קיין פּוילן, זיך אויסגעזוכט אַ מיידל פון אַ פרומער שטוב און געשטעלט מיט איר אַ פיקטיווע חופה. צוריק אַהער איז ער שוין געפאָרן מיט זיין פריש־געבאַקן „ווייב". ווען די שיף האָט זיך דערנענטערט צום חיפהער פּאָרט, האָט מען זיך אָנגעהויבן צו־גרייטן צום אַראָפּגיין אויף דער יבשה. יעדער בחור האָט זיך אויס־געזוכט זיין פיקטיווע פרוי, כדי צוזאַמען דורכצוגיין די קאָנטראָל. אונדזער ירושלימער בחור רוקט זיך צו נענטער צו זיין „ווייבל" און הייבט איר אָן צערטלען... יענע הייבט אָן שרייען: וואָס פאַראַ חוצפּה? ווי דערלויבט איר זיך אַזוי? שטייט דער בחור אויף פון אָרט און נעמט נאָך העכער שרייען: ווי געפעלט אייך די חצופה? זי וויל איך זאָל אָפּנאַרן די בריטישע מאַכט...

אַלע:

בראַוואָ!

איינער:

אויב אַזוי, וועל איך אייך דערציילן אַ שענערע מעשה: מיינס אַ חבר איז געפאָרן קיין פּוילן שטעלן אַ פיקטיווע חופה מיט אַ מיידל, וואָס איר חתן האָט זיך געפונען דאָ, אין לאַנד. האָבן זיך ביידע אויפן וועג אַזוי פאַרליאַפּעט, אַז זיי האָבן אָנגעפייפט דעם חתן און גע־שטעלט אויף אַן אמת אַ חופה.

אַלע:

בראַוואָ!

דוד:

חברה, מען דאַרף דאָך עפּעס נעמען אין מויל אַריין.

**אלע:**

**עוד לא אכלנו, עוד לא שתינו, יבש אצלנו בגרון...**

(יעדער איינער כאַפּט עפּעס עסן, אָדער טרינקען. אַ טייל דער־לאַנגען דאָס עסן צו ווייערע בחורות און פירן זיך אויף ווי האַלב־שיכורע, זינגענדיק דערביי אַ רעפריין פון אַ באַקאַנט לידל: „טרינק, טרינק, טרינק ברודער טרינק״).

**דוד:**

**נו, געגוג, חברה!**

(פּלוצלונג דערהערט זיך פון דער נאָענט אַ געדיכטע שיסעריי און באַלד דערנאָך פאַרצווייפלטע הילפסרופן: „הצילו״! חברה רייסן זיך האַסטיק אויף פון די ערטער און שפּיצן־אָן ווייערע אויערן).

**איינער:**

**דאָס קומט פון „גן־הוואַי״.**

(ראַפּטעם לויפט־אַן אַ פאַרוווּנדעטער און פאַלט־אַוועק אויפן גראָז, נישט ווייט פון דער חברה).

**פאַרוווּנדעטער:**

(עטעמט שווער אָפּ)

**קוים זיך געראַטעוועט...**

(מיט שרעקלעכן גרימאַס אויפן פּנים)

**אוי, מיין פוס!...**

**אַלע:**

(מיט שפּאַנונג און שטוינונג)

**וואָס איז געשען?**

**פאַרוווּנדעטער:**

(קאָרטשעט זיך פאַר יסורים)

**אַראַבער אַריינגעדרונגען פון אַלע זייטן... עטלעכע טויטע און פיל פאַרוווּנדעטע...**

(חברה שלעפּן אַפּער דאָס טישטעך, אויף וועלכן עס שטייען

האַלבֿ־ליידיקע פלעשער און איבערגעבליבענע עסנס, צערייסן עס אויף צווייען און פֿאַרבינדן דערמיט דעם פאַרוווּנדעטן פוס)

**איינער:**

**ווידער די אַראַבער. ימח שמם!...**

**אַ צווייטער:**

**אויפהענגען דאַרף מען זיי! איינס ביי איינס...**

**אַ דריטער:**

**זיכער! אַז מיר זיצן מיט פֿאַרלייגטע הענט, מאַכן זיי די מלאכה...**

**אַ פערטער:**

**די אַראַבער זענען נישט אינגאַנצן שולדיק; זיי זענען נאָר אַ געצייג אין פרעמדע הענט...**

(צוויי פון זיי פרובירן אויפהייבן דעם פאַרוווּנדעטן)

**פאַרוווּנדעטער:**

**אוי, דער פוס...**

**דוד:**

**טראָגט אים אַריין אין מיין מאַשין. מירן פֿאָרן גלייך אין „הדסה".**

(די בחורים און בחורות נעמען צונויף זייערע זאַכן און גייען זיך פֿאַנאַנדער דערשלאָגענע. דוד בלייבט שטיין אַ פֿאַרטראַכטער)

**איינינקע:**

**דוד, מיר גייען! דאָ איז אַ סכנה!...**

**דוד:**

(ווי צו זיך)

**יאָ, גיין... אָבער וווהין גיין?...**

(ער גייט אָפּ אַ פּאָר טריט אַ וואַקלדיקער און פאַרגעסט, אַז ער האָט דאָ געלאָזן שטיין חוה'ען)

**חוה:**

(אויפגערודערט)

**דוד!**

**דוד:**

**אָ, אַנטשולדיק... איך בין צעטומלט...**

(ער נעמט איר לייכט פאַרן אָרעם)

**חוה:**

**וואָס נעמסטו זיך מערער איבער פאַר אַלע אַנדערע?**

**דוד:**

**גיב מיר דיין שפּיגעלע.**

(חוה דערלאַנגט אים איר שפּיגעלע. דוד קוקט זיך לאַנג איין אין דעם)

**חוה:**

**וואָס קוקסטו אַזוי לאַנג אין שפּיגעלע?**

**דוד:**

**איך וויל מיך זען!...**

**חוה:**

**דוד, פילסט זיך נישט גוט?**

**דוד:**

(פּאַמעלעך, ווי ער וואָלט רעציטירט)

**דוכט זיך... נישט דער זעלבער... איך דערקען זיך נישט...**

(ווי דערמאָנענדיק זיך)

**יאָ, מיר מוזן דאָך אָפּפירן דעם פאַרוווּנדעטן אין „הדסה".**

(דוד און חוה פאַרלאָזן לאַנגזאַם די סצענע)

(פ אָ ר ה אַ נ ג פ אַ ל ט)

## ב י ל ד צ וו י י

(אין ביוראָ פון משה אַדלער. אין דער רעכטער זייט אַ שרייב־טיש. אַקעגן — אַ טיר צו אַ וואַרטע־צימער. אַ קעגן דער סצענע גלעזערנע טירן, וואָס פירן צו דער פאַבריק. עס הערט זיך אַ רעש פון מאַשינען. ווען די טירן עפענען זיך, ווערט דער

רעס שטאַרקער. אויפן שרייב־טיש אַ טעלעפאָן. אָנגעוואָרפענע פּאַפּירן, בריוו, חשבונות, פּרייז־ליסטעס א.ד. גל. אין אַ זייט פון טיש אַ קליינע, אָפענע שאַנק מיט פאַרשידענע טעקסטיל־מוסטערן).

**אַדלער:**

(נאָכדעם ווי ער וואַרפט־דורך אַ ריי פּאַפּירן אויפן טיש, קלינגט ער אין אינערלעכן טעלעפאָן)

**בתיה, שיק מיר אַריין דעם מייסטער.**

(אַ שטימע אין טעלעפאָן):

**תיכף ומיד.**

(דער מייסטער קומט אַריין)

**אַדלער:**

**ווי האַלט עס מיט דער באַשטעלונג נומער 563?**

**מייסטער:**

**די טריקאָ איז פאַרטיק. מען דאַרף נאָר קאָנפעקציאָנירן. איבער־מאָרגן, גלויב איך, וועט מען קאָנען מאַכן די עקספּעדיציע.**

**אַדלער:**

**גוט.**

(ער מאַכט אַ צייכן מיט דער האַנט, אַז ער קאָן אַוועקגיין, אָבער ווען ער עפנט די טיר, רופט ער אים צוריק)

**מייסטער:**

**כ׳הער.**

**אַדלער:**

**און וואָס איז מיט דער באַשטעלונג נומער 565?**

**מייסטער:**

**מען האַלט שוין ביים אויסענדיקן. ס׳וועט נאָך נעמען אַ טאָג־צוויי.**

**אַדלער:**

**שטעל־אָפּ 563. דער טייוול וועט אים נישט נעמען. גיב אין דער אַרבעט אַריין נאָך 565. ער פאַרוואַרפט אונדז מיט טעלעגראַמעס.**

(מאַכט אַ צייכן, אַז ער קאָן גיין. ווי נאָר דער מייסטער גייט אַרויס קלינגט דער טעלעפאָן)

**שטימע אין טעלעפאָן:**

צוויי פערזאָן האָבן זיך געמאָלדן. זיי קומען אין נאָמען פון פראַ־פעסיאָנעלן פאַריין.

**אַדלער:**

זאָלן זיי גיין. זאָג זיי, אַז איך בין נישטאָ אין פאַבריק.

**שטימע אין טעלעפאָן:**

זיי זענען דאָך באַשטעלט אויף היינט.

**אַדלער:**

יאָ, איך דאַרף זיי טאַקע האָבן. זאָג זיי אַז איך בין איצט שטאַרק פאַרנומען. אין אַ האַלבער שעה אַרום וועל איך זיין פריי. שיק מיר אַריין בלאַסן.

(בלאַס קומט אַריין)

**בלאַס:**

(פאַרנויגט זיך)

שלום, אדוני.

**אַדלער:**

שלום. ווי זעט אויס די לאַגע פאַר די לעצטע דריי חדשים?

**בלאַס:**

איך מוז אַריינקוקן אין די פּאַפּירן.

**אַדלער:**

נו, זעצט זיך און לאָמיר הערן.

(בלאַס זעצט זיך און וויקלט פאַנאַנדער זיינע פּאַפּירן)

**בלאַס:**

דער אומזאַץ האָט זיך פאַרקלענערט אויף צוואַנציק פּראָצענט. ריווח נעטאָ איז געשטיגן מיט אַכט פּראָצענט. דאָס דערקלערט זיך מיטן ענדערן די קאַלקולאַציע.

**אַדלער:**

נו, פאַרשטייט זיך! דערויף בין איך משה אַדלער! איך דאַרף דאָך נישט ליידן פון קריזיס.

(טעלעפאָן קלינגט)

**שטימע אין טעלעפאָן:**

הער ווינטער, דער אַגענט פון חיפה האָט זיך געמאָלדן.

**אַדלער:**

איך בין שטאַרק באַשעפטיקט. אָבער, וואַרט נאָר.

(צו בלאַסן)

אפשר האָט ער מיטגעבראַכט מיט זיך געלט?

(אין טעלעפאָן)

זאָל ער אַריינקומען.

(ווינטער קומט אַריין. פאַרנויגט זיך)

**ווינטער:**

שלום הער אַדלער.

**אַדלער:**

שלום.

(ווייזט אָן ווו ער זאָל זיך זעצן. ווינטער זעצט זיך)

נו, וואָסער נייעס ברענגט איר?

**ווינטער:**

(אַביסל פאַרלעגן)

אייגנטלעך... גאָר קיין נייעס נישט...

**אַדלער:** (נערוועז)

איז וואָס האָט אייך געטריבן צו מיר דווקא איצטער?

**ווינטער:**

(צעטומלט)

אַנטשולדיקט מיר, הער אַדלער. איר ווייסט דאָך, איך בין נישט קיין היגער, און מאָרגן פאַרטאָג מוז איך שוין צוריק פאָרן קיין חיפה. כ'מוז דאָך דאָרטן זיצן אין ביוראָ. די זאַך איז, אייגנטלעך, אַלץ די זעלבע, איך מיין וועגן די ליפערונגען...

**אַדלער:**

אָט וועגן דער באַרישקייט זענט איר ספּעציעל געקומען קיין תּל־אָביב?

**ווינטער:**

אַ ברירה האָב איך? דאָס ליפערן צו דער צייט די סחורה איז דאָך די הויפּט־זאַך. איר ווייסט גוט, אַז דער היפּהער אַראַבער קויפט נישט די סחורות פאַר זיך, נאָר ער עקספּאָרטירט זיי ווייטער, און נישט שטענדיק האָט ער די מעגלעכקייט פון טראַנספּאָרט. יאָ, ביי דער געלעגנהייט: געווען פּופּציק טויזנט דאָמען־הויזן מיטן עטיקעט „מייד אין פּאַלעסטיין״ און מיר האָבן געהאַט דערפון גרויסע צרות. דער באַשטעלער האָט געהאַט צוליב דעם אַ גרויסן פאַרלוסט. די לעצטע וואָך איז צו מיר אין ביוראָ אַריין אַן אַראַבער, דווקא אַ גוטער קונה, אַן אויפגערעגטער ביז גאָר: אויב דו ליפערסט מיר נישט אין לויף פון מאָרגנדיקן טאָג די באַשטעלטע סחורה, ווי ס׳איז געשריבן אין דער באַשטעלונג — דעמאָליר איך דיין ביוראָ.

— דאָס איז דאָך אוממעגלעך — רעד איך צו אים מיט גוטן.

— אַזוי? — האָט ער זיך צעקאָכט — און געלט נעמען פאַרויס האָסטו יאָ געקאָנט? דער סוף איז געווען, אַז ער האָט אויסגעבראָכן אַ שויב פון דער טיר און איז אַוועק. אָט דאָס איז די הויפּט־סיבה פון מיין קומען צו אייך.

**אַדלער:**

דאָס איז אַלץ?

**ווינטער:**

יאָ, דאָס איז אַלץ.

**אַדלער:**

און איך האָב געמיינט, אַז איר האָט געבראַכט אַביסל געלט.

**ווינטער:**

ערשט אייערנעכטן האָב איך דאָך אייך איבערגעוויזן צען טויזנט פונט!

**אַדלער:**

ריכטיק, כ׳האָב זיי טאַקע באַקומען. אָבער כ׳האָב שוין פאַרגעסן. כ׳דאַרף שוין פריש געלט. איצט הערט מיך אויס, הער ווינטער: ליפערן באַשטעלונגען איז אַ גאָט־זאַך — אַמאָל קאָן מען ליפערן צו דער צייט, און דריי מאָל נישט. דאָס איז גאַרנישט. די הויפּט־זאַך איז, אַז איר דאַרפט אָננעמען אַ סך באַשטעלונגען און געלט פּאָרויס. איי מען האָקט אייך דאָרטן אויס די שויבן? — טאָ וואָס אַרט עס אייך? ס׳איז דען קאַלט דאָרטן, חס ושלום? איר זיצט דאָך נישט אין רוסלאַנד, אין סיביר, נאָר אין אַ וואַרעם לאַנד, אין ארץ־ישראל.

**ווינטער:**

(צוקט מיט די אַקסלען)

הער אַדלער, מיין ענין איז אויך באַכנישט דערליידיקט. איר האָט מיר צוגעזאָגט צו העכערן מיין לוין אין חודש מאַי און מיר האָבן שוין היינט אויגוסט... מיין פיקס וואָס איך באַקום, סטייעט אפילו נישט אויף אויפצוהאַלטן די ביוראָ און אויף ברויר־מאַרקעס. און אַרבעטן פאַר אַנדערהאַלבן פּראָצענט פּראָוויזיע — דאָס איז אוממעגלעך...

**אַדלער:**

הערט מיך אויס, הער ווינטער, אָבער זייט אַ מענטש, אַ סוחר און פאַרשטייט מיך אויך: דער סעזאָן האָט זיך נאָר־וואָס אָנגעהויבן און איך ווייס נישט אויף וועלכער וועלט כ׳בין. לאָזט מיך נאָר אַביסל קומען צו זיך. פאַרוואָס זאָלט איר זיין אַן עגאָאיסט און טראַכטן נאָר וועגן זיך. וואַרט צו אַביסל. אין חודש דעצעמבער וועלן מיר מאַכן דעם באַלאַנס, וועל איך דעמאָלט זען וואָס כ׳קען אייך דערלייגן ...

**ווינטער:**

שיינע פּערספּעקטיוון...

(טעלעפאָן קלינגט)

**אַדלער:**

וואָס איז?

**שטימע אין טעלעפאָן:**

פוקס וויל אַריינגיין.

**אַדלער:**

זאָל ער אַריינקומען.

(פוקס קומט אַריין. פאַרנייגט זיך טיף)

**פוקס:**

שלום, מר אַדלער!

**אַדלער:**

שלום. זיצט.

**פוקס:**

איך האָב מיט זיך די קאָרעספּאָנדענץ. וואָס שייך דער אַלגעמיינער פאַרזאַמלונג, איז אַלץ צוגעגרייט.

**אַדלער:**

יאָ, גוט וואָס איר האָט מיר דערמאָנט די אַלגעמיינע פאַרזאַמלונג. איך בעט אייך למען השם: שרייבט מיר אָן מיין רעדע מיט אַ גרעס־סערער מאַשין־שריפט, ס'זאָל זיין לייכט צו לייענען. די הויפּט־זאַך, די שווערע העברעאישע ווערטער זאָלט איר מאַכן מיט נקודות, אַנישט בין איך אַ פאַרלוירענער. איר געדענקט דאָך דעם „פאַנטשער" וואָס כ'האָב געהאַט דעם פאַרגאַנגענעם יאָר... און פאַרן ראש פון פאַבריקאַנטן־פאַריין איז עס נישט קיין כבוד.

**פוקס:**

אַלץ וועט זיין בסדר.

**אַדלער:**

(אין אַן אויפגעהייטערטער שטימונג)

און וואָס זאָגט איר, רבותי, צו דער אַלגעמיינער לאַגע?

**בלאָם:**

איך מיין, אַז ווען מען זאָל אונדז געבן אַ הונדערט טויזנט סערטי־פיקאַטן, לייגן מיר אָפּ אַלע אונדזערע פאָדערונגען אויף זעלבס־שטענדיקייט. מען וואָלט געמאַכט אַ לעבן. אַ יידיש־נאַציאָנאַל לעבן טאַקע אָן אַ ליליפּוטן־מלוכה...

**אַדלער:**

(אויפגעברויזט)

וואָס רעדט איר? איר ווייסט נישט, אַז איך בין באַשטימט פאַר מיניסטער אין דער צוקונפטיקער יידישער מדינה?

**בלאָם:**

(קוקנדיק צעטומלט אין זיינע פאַפּירן)

איי, אַנטשולדיקט מיר, איך האָב דאָ געמאַכט אַ טעות...

**אַדלער:**

ס'פעלט אייך אַ סך געלט?

**בלאָם:**

חלילה! קיין געלט פעלט מיר נישט, נאָר שכל פעלט מיר. כ'האָב אינגאַנצן פאַרגעסן, אַז דער הער אַדלער איז קאַנדידאַט אויף מיניס־טער אין דער צוקונפטיקער יידישער מדינה...

**פוקס:**

זייער ריכטיק. מיר דאַרפן טאַקע און מוזן האָבן אַן אייגענע יידישע מדינה.

**אַדלער:**

נו, לייענט די קאָרעספּאָנדענץ.

**פוקס:**

(לייענט)

נאַדזשי איבראַהים, קאַיראָ:

דערמיט בין איך אייך מודיע, דאָס אַלע מיינע באַשטעלונגען האָבן נישט קיין געזעצלעכן ווערט. איך אַנוליר זיי. נישט ליפערן מערער קיין סחורות. ביי אונדז גייט איצט אָן דער באָיקאָט קעגן ציוניסטישע סחורות. מיין אַקרעדיטיוו, וואָס כ'האָב געעפנט אויף אַנגלאָ־פּאַ־לעסטינע באַנק איז צוריקגעצויגן.

ניקאָלאַ מעדזשולאַני, פּאָרט־סאַיד:

איך בעט גלייך אָפּשטעלן די ליפערונגען. אַלע מיינע באַשטעלטע

סחורות שיקט איבער קיין חיפה צו מיין שוואָגער. די עטיקעטן „מייד אין פּאַלעסטיין" אַרונטעררייסן.

מוחאַמעד ראַמאַדאַן, חאַלעב:
פון היינט אָן שיקט מיינע באַשטעלטע סחורות צום עקספּעדיטאָר אַחמעד אַלשעריף אין יפו. שטאָט „מייד אין פּאַלעסטיין" קלעפּט אַרויף עטיקעטן „מייד אין טשעכאָסלאָוואַקיאַ".

חאַסאַן דאַהער, ביירוט:
איך באַדויער וואָס ס'האָט זיך געשאַפן אַזאַ שטאַרקע אַנטי־יידישע באַוועגונג און מיר וועלן מוזן אונדזערע האַנדלס־באַציאונגען איבעררייסן. כל־זמן מיר האָבן דאָס רעכט אָפּצונעמען די שוין פון פריער באַשטעלטע סחורות, בעט איך אייך צוגעבן צו מיין לעצטער באַשטעלונג פון 5/5 די נומערן 615 — 300 טוץ זאָקן מערצערעזירטע אַסאָרטירטע נומערן אין פאַרבן און 800 טוץ גופיות אַסאָרטירט.
(פויזע)

„אוסישקין־פאָנד"
זייער חשובער הער:
איר זייט באַוווּסט און געשעצט ביי אונדז ווי איינער פון די פּינקטלעכסטע אָנטיילנעמער אין אויפבוי פון ריזיקן בנין, וואָס מען רופט „נאַציאָנאַל־פאָנד". מיר זענען איבערצייגט, אַז איר וועט זיך נישט אָפּזאָגן צו באַטייליקן זיך אינעם „אוסישקין־פאָנד".
אַדלער:
נאָטיר צוויי הונדערט פונט.
(פוקס נאָטירט און לייענט ווייטער)

„רוטענבערג־פאָנד"
הויכגעשעצטער הער:
איר זייט געאַכטעט ביים ישוב דורך אייערע ברייטהאַרציקע באַטייליקונגען אין אונדזערע נאַציאָנאַלע אינסטיטוציעס. מיר האָפן, אַז איר וועט אויך האָבן פאַרשטענדעניש פאַרן „רוטענבערג־פאָנד",

וועמענס אויפגאַבע ס'איז צו פאַראייביקן דעם אָנדענק פון דעם מאַן, וואָס האָט אַ לעבן־לאַנג געווידמעט זיין ענערגיע אויף צו באַלייכטן אונדזער ישוב.

**אַדלער:**

נאָטיר צוויי הונדערט פונט.

(פוקס נאָטירט און איז ממשיך)

„קינדער־פאָנד"

**חשובער הער:**

מיר מיינען, אַז ס'איז נישט בויטיק קיין אויפקלערונג וועגן דער וויכטיקייט און נויטיקייט פון דער פראַגע: הילף פאַרן יידישן קינד. אין די שווערע, גרויזאַמע צייטן וואָס מיר לעבן דורך, ווען פיל פון אונדזערע שטייען־אָפּ פון דער שווערער אויפבוי־אַרבעט, אָדער ווערן אויף אַן אכזריותדיקן אופן אַרויסגעריסן פון אונדזערע רייען, אין דער דאָזיקער צייט מוזן מיר נאָך שטאַרקער זאָרגן פאַרן קינד — די צוקונפט פון אונדזער פאָלק.

**אַדלער:**

נאָטיר דריי הונדערט פונט.

(פוקס נאָטירט און איז ממשיך)

„אוניווערסיטעט־פאָנד"

**חשובער הער דאָקטאָר:**

(ביים וואָרט דאָקטאָר, טוט זיך אַדלער אַ גאַוהדיקן גלייך אוים)

ווי איינער פון די אָנגעזעענסטע פערזענלעכקייטן און וויכטיקסטע פילאַנטראָפּן, איז אייך זיכער באַוווסט, אַז נאָכדעם ווי ס'זענען אָפּגעשניטן געוואָרן אַלע געלט־קוואַלן פון אויסלאַנד, זענען מיר אָנגעוויזן נאָר אויף אונדזערע אייגענע כוחות. זיכער זענען אַלע אונדזערע נאַציאָנאַלע אינסטיטוציעס פון גרויסער וויכטיקייט, אָבער דער העברעאישער אוניווערסיטעט — דאָס איז אונדזער ליכט, אונ־דזער שטאָלץ. ס'איז טערליגט נישט קיין צווייפל, אַז איר האָט פאַר־

שטענדניש פאַר דער זאַך — פאַר אונדזער העברעאישן אוני־
ווערסיטעט.

**אַדלער:**

נאָטיר דרייהונדערט און פופציק פונט. און — אפשר קאָנט איר
בלויז לייענען די נעמען פון די אַלע אינסטיטוציעס?

— מס חירום

— הונדערט פונט.

— כופר הישוב

— הונדערט.

— ארגון אזרחים

— הונדערט.

— „ויצו"

— הונדערט.

— עזרה לחולי שחפת"

— הונדערט.

— עזרה לחולי רוח

— הונדערט.

**בלאַם:**

טויזנט חברות צו העלפן איז יאָ פאַראַן, נאָר טאָמער נויטיקסטו זיך
אין אַ הילף, איז קיינער נישטאָ אינדערהיים. כאָטש גיי אַרויס אין
מיטן גאַס, צי זיך אויס אויפן כביש און — שטאַרב...

**פוקס:**

(צו בלאַסן)

שטערט מיר נישט, לאָמיר היינט ענדיקן.

(לייענט ווייטער)

„עזרה ליולדות עניות", „בית ספר „תורה ומלאכה", „ישיבה של הרב
הגאון קוק זצ"ל, „ישיבה ע"ש רבי מאיר בעל הנס", „ישיבה צפת"

**אַדלער:**

(אויפגעקאָכט)

צו פופציק פונט פאַר יעדער חברה, און אַן עק זאָל עס נעמען.

(שטייט־אויף און קלאַפּט מיטן האַנט אויפן טיש)

**איך ווייס שוין אַליין וואָס קומט ווייטער: „סומך נופלים", „רופא חולים", „מלביש ערומים", „מתיר אסורים", „זוקף כפופים" און... חברה קדישה...**

(הויבט־אויף די הענט ווי צו אַ תפילה)

**געוואַלד! עוזר דלים הושיעה נא!**

**פּוקס:**

(אין פאַרלעגנהייט)

**מר אַדלער, פאַרגעסן אייך זאָגן, אַז ס'האָבן זיך געמאָלדן צוויי פּערזאָן מטעם „ההגנה".**

**אַדלער:**

(שרעקיק)

**הגנה? טויזנט פּונט!**

(טעלעפאָן קלינגט)

**אַדלער:**

**וואָס שוין ווידער?**

**שטימע אין טעלעפאָן:**

**די מענטשן פון הסתדרות וואַרטן.**

**אַדלער:**

**זאָלן זיי אַרייַנקומען.**

(צוויי פאַרשטייער פון פּראָפעסיאָנעלן פאַריין קומען אַריין)

**ביידע צוזאַמען:**

**שלום הער אַדלער!**

**אַדלער:**

**שלום. זיצט. וואָס פאַראַ נייעס ברענגט איר?**

**איינער פון די צוויי:**

**אייגנטלעך איז דאָס נישט קיין נייעס. נאָך מיט אַ חודש צוריק האָבן מיר אייך צוגעשיקט אַ נייעם טאַריף פאַר די אַרבעטס־לוינען. איר האָט דאָך געוואָלט מיט אונדז פערזענלעך זיך אַדורכשמועסן.**

**אַדלער:**

איר האָט זיך אויסגעקליבן, מייַנע הערן, אין אַ נישט פּאַסיקער צייַט: אויפֿן מאַרק איז אַ שרעקלעכער קריזיס. די קויף־קראַפֿט איז באַ־דייטנד פֿאַרקלענערט. איז גראָד איצט פֿאַלט אייַך איין צו פֿאַר־לאַנגען הוספֿות?

**דער צווייטער:**

אָבער ס'איז דאָך קיין סוד נישט, אַז דער יקרות האַלט אין איין שטייגן, און פֿאַר די ביז־איצטיקע לוינען קאָן אַן אַרבעטער, אָדער פּקיד נישט אויסלעבן זיך.

**אַדלער:**

אויב אַזוי קום איך צו אייַך מיט אַ פֿאָדערונג: איך פֿאַרלאַנג אַז די איצטיקע לוינען זאָלן רעדוצירט ווערן מיט אַ צען פּראָצענט.

(ביידע קוקן זיך איבער דערשטוינט)

**אַדלער:**

אויפֿן וועלט־מאַרק זענען די פּרייזן שטאַרק געפֿאַלן. ביי די הייַנ־טיקע לוינען איז אויסגעשלאָסן איך זאָל קאָנען מאַכן עקספּאָרט.

**איינער:**

מאָדנע, פֿאַריקן מאָל האָט איר גאָרנישט גערעדט אַזוי...

**אַדלער:**

ריכטיק. אָבער דעמאָלט האָב איך נאָך נישט געוווּסט ווי איך האַלט אין דער וועלט. אָט, האָב איך איצט אויסגעהערט אַ באַריכט פֿון מייַן בוכהאַלטער: אומזאָץ האָט זיך פֿאַרקלענערט מיט פֿופֿציק פּראָ־צענט, און פֿון מייַן גרונט־קאַפּיטאַל האָב איך פֿאַרלוירן אַכצן פּראָצענט.

(ווענדעט זיך צו בלאָסן)

ריכטיק, אָדער נישט?

**בלאָם:**

(אונטערטעניק)

ריכטיק.

**אײנער:**

אַזױ שלעכט האַלט עס?

**אַדלער:**

יאָ! אויב עס װעט אַזױ װײַטער גײן, װעל איך זײַן געצװוּנגען צו שליסן די פֿאַבריק.

**בײדע פֿאַרשטײער:**

שליסן די פֿאַבריק?

**אַדלער:**

יאָ, שליסן די פֿאַבריק. פֿאַר עולם־הבא װעל איך נישט אַרבעטן.

(בײדע פֿאַרשטײער רעדן זיך צונױף אין דער שטיל)

**בײדע צוזאַמען:**

מיר האָבן פֿאַר אײַך אַ פֿאָרשלאַג.

**אַדלער:**

(ציניש)

אדרבא, לאָמיר הערן.

**אײנער:**

די הסתדרות װעט אָפּקויפֿן פֿון אײַך די פֿאַבריק.

**אַדלער:**

(אויפֿגעטרעגט)

װאָס? איר װעט אָפּקויפֿן מײַן פֿאַבריק? אַ שײנע מעשה כ׳לעבן! נײן, מײַנע הערן, דערבײַ האַלט עס נישט.

**צװײטער:**

פֿאַרװאָס נישט? אַז אײַערע געשעפֿטן גײען אַזױ שלעכט.

**אַדלער:**

(אין כעס)

זיכער גײען זײ שלעכט. אָבער װער האָט געבױט די פֿאַבריק? װער האָט געפּאַקט און געמאָזלט בײַ דער פֿאַבריק? איך, אָדער די הסתדרות?

**פאָרשטייער:**

אָבער אַז איר אַרבעט מיט היזק, און מיר האָבן נישט קיין מורא פאַר היזק.

**אַדלער:**

(טראָציק)

זאָל אייך דער קאָפּ נישט ווײ טאָן פאַר מיין היזק. איך וועל מיר שוין אַליין מיין שטעטל באַשטיין. היינט וועט איר אָפּקויפן די פאַבריקן, באַלד וועט איר די גאַנצע מדינה אָפּקויפן, און מיר וועלן זיין אייערע משרתים. ניין, דאָס וועט נישט זיין!

**פאָרשטייער:**

הער אַדלער, ס'וועט זיין נאָך ערגער. אַלע אייערע פאַבריקן וועלן מיר איבערנעמען.

**אַדלער:**

מיינע הערן! איר מאַכט אַ קליינעם טעות. דאָ איז נישט סאָוויעט־רוסלאַנד!

(טעלעפאָן קלינגט)

**שטימע אין טעלעפאָן:**

משה, שוין לאַנג מיטאָג־צייט. מיר וואַרטן.

**אַדלער:**

וואָס? מיטאָג? איך קום גלייך.

(צו די פאָרשטייער)

איך דערוואַרט פון אייך אַן ענטפער.

(אַדלער הייבט זיך אויף און גייט שנעל אַרויס, פאַרקלאַפנדיק מיט כעס די טיר. נאָך אים פאַרלאָזן דאָס צימער אַלע איבעריקע).

( פ אָ ר ה אַ נ ג פ אַ ל ט )

## ב י ל ד ד ר י י

(דודס צימער. דער פּאַטעפאָן וואָס איז פריער געשטאַנען אויפן טיש, שטייט איצטער אונטערן טיש. אויפן טיש אַ סך בי־

כער. אויך אַ גלאָבוס. אויפֿן וואַנט חוהס בילד. דוד זיצט פֿאַר־טיפֿט איבער אַ בוך. טעלעפֿאָן קלינגט)

**דוד:**

**האַלאָ! ווער? חוה? שלום!**

**שטימע:**

שלום דוד. וואָס מאַכסטו?

**דוד:**

**בסדר, חוה.**

**שטימע:**

**דאָס הייסט בסדר? שוין חדשים־לאַנג ווי מיר זעען נישט אַרויס אין ערגעץ. אַפֿילו נישט געטאַנצט.**

**דוד:**

איז וואָס?

**שטימע:**

**איך קום צו דיר.**

(דוד בלייבט פֿאַרטיפֿט אין אַ בוך. נאָך אייניקע מינוטן פֿאַלט אַריין חוה)

**דוד:**

אַזוי שנעל?

**חוה:**

(מיט אַ פֿאַרפֿירעריש שמייכעלע)

**איך האָב אַרויפֿגעקלונגען פֿון אונטן, פֿון רעסטאָראַן.**

(פֿאַלט אים אַרויף אויפֿן האַלדז און קושט אים ליידנשאַפֿטלעך. דוד ענטפֿערט איר קאַלט, גלייכגילטיק)

**חוה:**

**איך דערקען דיך גאָרנישט. וואָס ביסטו עפּעס אַזוי פֿאַרוואָרפֿן מיט ביכער? דו קלייבסט זיך צו ווערן אַ פּראָפֿעסאָר?**

**דוד:**

**ניין, נישט קיין פּראָפֿעסאָר, נאָר אַ מענטש, אַ נוצלעכער מענטש.**

**חוה :**

און ביז איצט ביסטו נישט געווען קיין מענטש ?

**דוד :**

יאָ, אָבער אַ פּוסטער מענטש.

**חוה :**

(נעמט אים אָן פאַרן אַקסל און טרייסלט אים)

וואָס הייסט פּוסט ? דו ביסט דאָך אַ מענטש מיט פלייש און ביינער און טעמפּעראַמענט ...

**דוד :**

(ווייזט אויף זיין קאָפּ)

אָבער אין קאָפּ, אין קאָפּ איז געווען פּוסט, הויל.

**חוה :**

און איצטער ?

**דוד :**

איצטער לערן איך, איך שטודיר, איך דענק !

**חוה :**

וואָס, למשל, האָסטו נאָך צו לערנען ?

**דוד :**

איך דאַרף לערנען ווי אַזוי צו ווערן אַ נוצלעכער מענטש פאַר מיין פאָלק און פאַרן לאַנד.

**חוה :**

(איראָניש)

אַזוי ?

(שאָקלט מיטן קאָפּ און קוקט אויף אים מיט באַדויערן. טעלע־פאָן קלינגט)

**דוד :**

האַלאָ !

(חוה שפּיצט אָן די אויערן)

**שטימע :**

דוד, ווען טרעפט מען זיך ? שוין אַזוי לאַנג נישט געטאַנצט.

**חוה:**

(אין כעס)

**זאָל זי גיין צום טיִיול!**

**דוד:**

**איך האָב ליקווידירט דאָס טאַנצן.**

**שטימע:**

**אַ שאָד!**

**דוד:**

(לייגט אַוועק דאָס טעלעפאָן־טרייבל און ווענדעט זיך צו חוהען)

**דו ווערסט זיך נישט פילן געטראָפן, חוה, ווען כ'וועל אויף דיין אָרט אויפהענגען אַן אַנדער בילד?**

**חוה:**

(מיט שטוינונג)

**וואָסער בילד?**

**דוד:**

(ווייזט אָן אויף איר בילד וואָס הענגט אויפן וואַנט)

**אָט דאָס בילד. דיך קען איך דאָך שוין און זיי קען איך נאָך נישט גוט.**

(נעמט אַראָפּ דאָס בילד פון וואַנט. ציט־אַרויס פון דער ראַם חוהס בילד און שטעלט אַריין אויף דעם זעלבן אָרט צוויי צו־נויפגעקלעפּטע פּאָרטרעטן פון קאַרל מאַרקס און פון בער באָ־ראָכאָוו. הענגט עס צוריק אויף, אָבער די ראַם איז איצטער אין דער ברייט. חוה קוקט זיך צו געשפּאַנט צו יעדער באַוועגונג זיינער)

**חוה:**

(געקלעמט)

**איך זע, אַז דו האָסט מיך שוין מערער נישט ליב.**

**דוד:**

**איז וואָס אַרט דיך? אַזאַ ליבע ווי דו ווילסט, קאָן דיר יעדער איינער געבן...**

חוה:

(באַליידיקט)

וואָס מיינסטו דערמיט צו זאָגן?

דוד:

אָט אַזוי... אַ מענטש וואָס גייט אַרום פּוסט און פּאַסט איז אַ פּאַראַזיט!

חוה:

דיין פּאָטער זאָגט טאַקע אויף דיר, אַז דו טוסט גאָרנישט, נאָר קייעסט מאַסטיק און גייסט שפּאַצירן מיט מיידלעך.

דוד:

דאָס איז געווען אַמאָל.

חוה:

איז וואָס ווילסטו זאָל איך טאָן? אַוועקשטעלן זיך אין קיך קאָכן, אָדער מאַכן ספּאַנדזשע?

דוד:

איז מה רעש? קאָכן און מאַכן ספּאַנדזשע איז אויך אַן אַרבעט.

חוה:

(גערייצט)

שיינע אידייען האָסטו זיך גענומען אין קאָפּ אַריין. דאָס איז אַן אַרבעט פּאַר קעכינס און תימנקעס!

דוד:

(שפּאָטיש)

און פאַר דיר איז אַן אַרבעט צו גיין פאַרמיטאָג צו דער שניידערקע, נאָכמיטאָג צו דער מאָדיסטין, אָדער פריזיערקע, שפּעטער אין בית־קפה, דאַנסינג...

חוה:

זאָג מיר בעסער, וואָס וויל ער, דער דאָזיקער גוי, קאַרל מאַרקס? פון דעם אַנדערן האָב איך געהערט. איך האָב געהאַט אַ חברטע אין שולע, האָט זי אויך געהייסן באַראַכאָוו.

דוד:

דאָס איז נישט געווען קיין גוי, און דער צווייטער איז אַ גאַנץ אַנ־דערער באַראָכאָוו.

חוה:

אדרבא, זאָג מיר, וואָס לערנסטו פון די צוויי פּראָפעסאָרן?

דוד:

קאַרל מאַרקס האָט באַשאַפן די לערע פון סאָציאַליזם. דאָס הייסט אַזאַ אָרדענונג, וווּ אַלע וועלן גלייך אַרבעטן און גלייך געניסן. איינער וועט נישט אויסנוצן דעם צווייטן.

חוה:

(ווייזט אָן אויפן בילד)

און דער וואָס וויל?

דוד:

ער האָט באַשאַפן די טעאָריע פון סאָציאַליסטישן ציוניזם. דאָס הייסט — אַ ציוניסט און גלייכצייטיק אַ סאָציאַליסט.

חוה:

דאָס זעסטו, קאָן שוין מיין שכל נישט תופס זיין. ביסטו אַ סאָציאַ־ליסט און פאַרזאָרגסט די גאַנצע מענטשהייט, איז צו וואָס ציוניזם? זענען דאָך יידן אויך מענטשן! און אויב פאַר יידן זאָרגן זיי נישט, איז צו וואָס דאַרפסטו מאַרקסן? און צו וואָס דער שותפות מיט באַראָכאָוון? חוץ דעם: ווי אַזוי קאָנען אַלע מענטשן זיין גלייך? אדרבא, זאָג מיר: איך, וויקטאָריע די וועשין, שפּרינצע די קעכין, און ציונה די ראָמערין — נישטאָ ווער ס'זאָל לאַכן!

דוד:

הער זיך איין מיט קאָפּ: בער באַראָכאָוו האָט געשאַפן אַ סינטעזע פון די ביידע אידייען — סאָציאַליזם און ציוניזם.

חוה:

אָבער צו וואָס טויג דיר דאָס? פאַרדינסטו דערמיט געלט?

דוד:

(קרומט זיך)

נאָר געלט און געלט!

חוה:

אוודאי! ווי קאָן מען דען מאַכן אַ לעבן אָן געלט?

דוד:

איך וויל מאַכן אַ לעבן פון אַרבעט!

חוה:

אַז אָך און ווי וועט זיין צו דיין לעבן אָן געלט!

דוד:

מען זעט טאַקע אַז דו ביסט אַ בורזשויקע.

חוה:

און דו ביסט אַ פּראָלעטאַריער?

דוד:

זיכער.

חוה:

פון ווען אָן? כאַ, כאַ, דער זון פון גרעסטן פאַבריקאַנט אין לאַנד — אַ פּראָלעטאַריער! נישטאָ, כ׳לעבן, ווער ס׳זאָל לאַכן.

דוד:

לויט מיינע איבערצייגונגען בין איך אַ פּראָלעטאַריער.

חוה:

און איך מיין, אַז לויט דיינע אידייען, מעג מען דיך שיקן קיין בני־ברק...

דוד:

(אין כעס)

דו דערלויבסט זיך שוין צופיל!

חוה:

(ווייזט אָן אויפן בילד)

און איך זאָג דיר, אַז זייער גאַנצער סאָציאַליזם און ציוניזם איז ביי

מיר נישט ווערט קיין צעבראָכענער דרייער. הענג בעסער צוריק אויף מיין בילד. דו הערסט?

**דוד:**

(טראַציק)

און אויב נישט?

**חוה:**

אויב נישט, וועל איך דיר באַלד אַראָפּרייסן דיינע פּראָפּעסאָרן, אַז ס'וועט גיין אַ רויך...

**דוד:**

דו וועסט נישט וואַגן אָנצורירן די בילדער!

(חוה שפּרינגט־צו צו דער וואַנט און נעמט פלינק אַרונטער דאָס בילד. דוד לויפט צו און וויל עס אַרויסרייסן פון אירע הענט. זיי אַמפּערן זיך שטום. חוה פאַלט־אום אויף דער סאָפע מיט אַ קוויטש)

**חוה:**

(האַלב־וויינענדיק)

שעם זיך אין דיין ווייטן האַלדז אַריין, ווי דו באַגייסט זיך מיט אַ פרוי־ענצימער!

(אַ לייכטער קלאַפּ אין טיר. פרוי אַדלער קומט אַריין)

**פרוי אַדלער:**

(איבערגעשראָקן)

וואָס איז געשען?

**חוה:**

(פאַרגייט זיך אין אַ געוויין)

אַז איך דערקען אים גאָרנישט. ס'איז נישט דער זעלבער דוד. מיין בילד האָט ער אַראָפּגענומען און אויף דעם אָרט אויפגעהאָנגען צוויי פּראָפעסאָרן, און ער וויל זיין אַ דריטער פּראָפעסאָר.

**פרוי אַדלער:**

(מוטערלעך)

נעם זיך נישט צום האַרצן. זעסט דאָך, אַז ער לערנט אַ סך. ער האָט

**בדעה צו פאָרן קיין ירושלים אויפֿן אוניווערסיטעט. און אַמאָל זאָגט ער, אַז ער וועט אַלץ וואַרפֿן — אַלע טעאָריעס זענען ווערט אַ שיש־קע מיט פּולווער; מען דאַרף פּראַקטישע אַרבעט און ער וועט גיין — זאָגט ער אין קיבוץ. אָבער נעם זיך נישט איבער, חוה, ס'איז דער זעלבער גוטער דוד. ער וועט זיך באַרואיקן...**

**חוה:**

(ווי רעזיגנירט)

**איך גלויב נישט, אַז ער וועט צוריק ווערן דער זעלבער דוד..**

**פֿרוי אַדלער:**

(צו חוהן)

**איך וויל מיט דיר עפּעס רעדן, וועסטו אַלץ פֿאַרשטיין. קום אַריין אין סאַלאָן.**

(נעמט אָן הוהן פֿאַרן האַנט און פֿירט איר אַרויס. דוד קוקט זיי נאָך).

(פֿ אָ ר ה אַ נ ג פֿ אַ ל ט)

## ב י ל ד פֿ י ר

(אַ גרויסער לוקסוס־סאַלאָן. אַ ברייטע טיר וואָס פֿירט צום באַלקאָן. געבעטע מעבל. אַ גלאָז־שאַנק מיט קרישטאָל־אַנטיקן. רעכטס אַ שרייב־טיש מיט שרייבגעצייג דערויף. אַ קליינע ביכער־שאַנק מיט שיין־געבונדענע ביכער. פֿון לינקס אַ קלאַ־וויר. אויף דער וואַנט אַ גרויסער פּאָרטרעט פֿון ד"ר הערצל מיטן אויפֿשריפֿט: „אם תרצו — אין זו אגדה").

**פֿרוי אַדלער:**

(צו חוהן ווי זי וואָלט געפֿירט אַ לענגערן געשפּרעך)

**אַזוי איז דאָס לעבן!**

**חוה:**

אָבער ווי איז דאָס מעגלעך? ניִשט שוין זשע וועל איך גיין מיט דודן זיך באזעצן אין אַ קיבוץ און באַגראָבן מיינע יונגע יאָרן?

**פרוי אַדלער:**

הער מיך אויס טאָכטער: האָסטו ליב דעם בחור — ווּעסטו גיין מיט אים דאָרט, וווּהין ער גייט און ס'וועט דיר זיין פאַרליב אַלע באַ־דינגונגען...

**חוה:**

אָבער... מיר מוזן דאָך ניִשט גיין אין קיבוץ — מיר האָבן דאָך גע־נוג געלט!

**פרוי אַדלער:**

אָט, זעסטו, לעב איך אין שטאָט — איז וואָס קומט מיר דערפון אַרויס? אַ גאַנצן טאָג בודעט מען זיך, און אַז גאָט העלפט ס'קומט שוין דער אָוונט, און אַז ער קומט אַהיים, און ווילסט אַמאָל אַרויס־גיין אייִנעטעמען אַ ביסל פרישע לופט, אָדער גיין אין אַ קאַפע, צי גאָר אין אַ טעאַטער — איז ער תמיד אַזוי באַלאַסטעט מיט זיינע געשעפטן, אַז ער קאָן זיך פון זיי גאָרנישט אָפּרייסן. זיין שטענדי־קער ענטפער איז: דער קאָפּ איז אים ניִשט דערצו, אָדער: ער איז ניִשט אויפגעלייגט. און איצטער אַז מען גרייט זיך צו אַן אייגענער מלוכה, איז ער אויפסניי גאַנצע נעכט פאַרנומען. וואָס ווילסטו — זאָגט ער צו מיר — אַז ווען מיינע פריינד און פאַרערער ווילן מיך מאַכן פאַר אַ מיניסטער פון דער צוקונפטיקער מלוכה, זאָל איך זיצן מיט פאַרלייגטע הענט און שווייגן? אַ קלייניקייט: אַ מיניסטער! און איך זאָג דיר אויפריכטיק, אַז איך וואָלט זיך גערן אומגעקערט צו דער צייט, מיט אַ צוואָנציק יאָר צוריק, אין ביאַליסטאָק, ווען ער פלעגט אַהיימברענגען זיין באַשיידענע פענסיע יעדן חודש. דע־מאָלט איז ער געווען אינגאַנצן מיינער. ער איז געווען מיר אַ חבר און אַ פריינד אין לעבן. און איצטער? וועמען געהערט ער? זיין פרוי? קינד? פאַבריק? פאַרטיי? דעם פאָטערלאַנד?

(זיפצט שווער אָפּ)

**חוה:**

**ס׳איז אויף אַן אמת זייער אומעטיק...**

(ס׳ווערט טונקעלער אין סאַלאָן. די נאַכט הייבט אָן צופאַלן)

**פרוי אַדלער:**

**איצט וועל איך עפּעס זינגען.**

(זעצט זיך אַוועק צום קלאַוויר. באַגלייט זיך און זינגט גע־בירטיקס „קינדער־יאָרן". חוה הערט זיך צו מיט נייגיר צום ליד. ס׳הערט זיך אַ קלאַפּן אין טיר. ס׳קומט אַריין דער הער אַדלער. פרוי אַדלער רייסט־איבער איר געזאַנג)

**אַדלער:**

**שלום אסתר!**

(באַמערקט חוהן)

**שלום חוה!**

**ביידע:**

**שלום!**

**אַדלער:**

(צערודערט)

**אוף... ס׳איז גאָרנישט מעגלעך געוועזן די גאַס דורכצופאָרן... די בחורים און מיידלעך מיינען טאַקע, אַז מיט זייערע געוואַלדן וועלן זיי עפּעס אויספירן... מיר דאַרפן נאָר עטלעכע גוטע סוחרים, מענטשן מיט שכל, דיפּלאָמאַטן וואָס זאָלן זיצן אין לאָנדאָן. אַזוי מיינע טייערע! נו...**

(הייבט זיך אויף, גייט צו צום שרייבטיש און דריקט אויף אַ קנאָפּ. באַלד קומט אַריין נחמה, וועלכע טראָגט אויף איין האַנט אַ לייכטן זיידענעם שטוב־ראָק און אין דער צווייטער האַנט אַ פּאָר ווייכע מאָרגן־פּאַנטאָפל. ער ציט אַרויס פון זיין טאַש אַן אַכט־קאַנטיקע זיידענע יאַרמלקע, ווי עס טראָגן די יידן אין ליטע, נעמט אַראָפּ זיין הוט, גיט אים אָפּ דער הויז־דינערין, טוט אָן די יאַרמלקע. נחמה העלפט אים אַרונטערציען דאָס רעקל און אָנטאָן דעם לייכטן שטוב־ראָק. נאָכדעם ציט

ער אַראָפּ זיינע שיך און נחמה דערלאַנגט אים די ווייכע פּאַנ־טאָפל. נחמה אָפּ. ער זעצט זיך אַריין אין ווייכן פאָטעל, דריקט אויף אַ קנעפּל און ס'הייבט אָן אַרבעטן דער ווענטילאַטאָר. ער דריקט אויף אַ צווייטן קנאָפּ און אויף דער שוועל באַווייזט זיך נחמה).

**נחמה:**

**ביטע, מיין הער!**

**אַדלער:**

**ברענג אַריין אַ ביסל טרויבן.**

(ס'דויערט נישט לאַנג ווי נחמה ברענגט אַריין אויף אַ טאַץ טרויבן. שטעלט זיי אַוועק פאַרן באַלעבאָס און פאַרשווינדט. אַדלער מאַכט הויך אַ ברכה „בורא פרי הגפן" מיט אַשכנזישער הברה און הויבט אָן עסן די טרויבן)

**חוה:**

**אַנטשולדיקט, איך מוז שוין גיין אַהיים. שלום.**

**ביירע:**

**שלום! שלום!**

(חוה אָפּ)

**אַדלער:**

**איך וואָלט וועלן מיר זאָלן זיך אַ ביסל דורכשמועסן מיט דודן.**

**פרוי אַדלער:**

(שטייט־אויף, גייט־צו צו דער טיר פון דודס צימער. קלאַפּט־אָן. די טיר עפנט זיך)

**דער פאָטער וויל דיך זען.**

**דוד:**

(אריינקומענדיק אין סאַלאָן)

**שלום פאָטער!**

**פאָטער:**

**איך וויל זיך מיט דיר אַ ביסל דורכשמועסן, מיין זון.**

דוד:

וועגן וואָס האַנדלט זיך, פּאַטער?

פּאַטער:

איך מיין, אַז דאָס אַרומגייין מיט חוהן אַזוי לאַנג האָט נישט קיין טעם. איך זע נישט אין דעם קיין שום צוועק און תּכלית...

דוד:

איך פאַרשטיי נישט צו וואָס דו צילסט...

פּאַטער:

וועל איך דיר זאָגן קאָנקרעט: איך וואָלט וועלן מען זאָל זיך אַלע צוזאַמענטרעפן ביי אַ גלעזל משקה, ווי ס'איז דער מנהג ביי יידן, מען זאָל שרייבן תּנאים און מען זאָל באַשטימען אַ זמן־חתונה.

דוד:

(אַ ביסל איראָניש)

איר זענט שוין, זע איך, פאַרטיק און ביי מיר איז נאָך נישטאָ קיין אָנהייב...

פּאַטער:

וואָס הייסט: עס איז נישטאָ קיין אָנהייב? וויפל איז דער שיער אַרומצושלעפן זיך מיט מיידלעך?

דוד:

איך בעט דיך פּאַטער, אַ ביסל דעליקאַטער אויסדריקן. איך שלעפּ זיך נישט אַרום. איך האָב טאַקע געהאַט באַקאַנטע חברטעס, אָבער איצטער האָב איך רעזיגנירט פון זיי אַלע.

פּאַטער:

נו, און חוה?

דוד:

(דעצידירט)

זי איז נישט פאַר מיר. איך האָב נישט קיין האַרץ צו איר. די גאַנצע לעבנס־חכמה אירע באַשטייט אין דעם, אַז דער מאַן דאַרף מאַכן געלט, און די פרוי דאַרף עס פאַרשווענדן.

**פּאָטער:**

אַז דער מאַן דאַרף מאַכן געלט, האָט זי רעכט, אָבער אַז די פרוי דאַרף עס פאַרשווענדן — האָט זי אַ טעות!

**דוד:**

זעסטו, אַז איך בין גערעכט!

**פּאָטער:**

(אין פאַרלעגנהייט)

נישט אינגאַנצן... ווייל אויב דו רעזיגנירסט פון חתונה, רואינירסטו מיין גאַנצן פּלאַן. מיט אַנדערע ווערטער — דו רואינירסט מיין פאַבריק.

**דוד:**

איך פאַרשטיי נישט וואָס פאַראַ שייכות האָט עס צו דיין פאַבריק?

**פּאָטער:**

טאָ לאָמיר דיר אָפּן דערקלערן: חוהס עלטערן גיבן אַ פערטל מיליאָן נדן. מיין פאַבריק גייט וואָס ווייטער אַלץ מערער צום גרונט. און מען מוז ראַטעווען די שיף כל־זמן מען פילט זיך נאָך אויף דער אויבערפלאַך פון וואַסער.

**דוד:**

איך פאַרשטיי אָבער פאָרט נישט, פאַרוואָס בינדסטו דאָס צוזאַמען מיט מיין פערזאָן?

**פּאָטער:**

טאָ הער מיך אויס געדולדיק: אַ שטאַרקער קריזיס האָט זיך איצט אָנגעהויבן; און צוליב דער פּאָליטישער לאַגע, ווער ווייסט ווי עס וועט אויסזען מיט אַ יאָר שפּעטער? און כדי צו בלייבן עקזיסטירן, מוז מיין פאַבריק באַהערשן דעם גאַנצן מאַרק אין לאַנד! צו דעם צוועק דאַרף מען האָבן אַ סך געלט און די לייסטונג פון אַ יונגן מענטשן. האָסטו פאַרשטאַנען?

**דוד:**

יאָ, פאָטער, אָבער... אונדזערע וועגן גייען זיך פאַנאַנדער!

פּאַטער:

(צעטומלט))

וואָס הייסט?

דוד:

אין די נאָענטסטע טעג גיי איך אַוועק, צוזאַמען מיט עטלעכע מײַנע חברים, אין אַ קיבוץ. אָט וואָס!

פּאַטער:

(גערייצט)

איך גלייב נישט, אַז מײַן זון זאָל זײַן אַזאַ בטלן, אָדער פּשוט אַ טיפּש.

(צו דער פרוי)

געוואַלד, אין וועמען גערעאָט ער אַרײַן?

דוד:

יעדן אידעאַליסט באַטראַכט מען פאַר אַ בטלן, אַ טיפּש.

מוטער:

דוד, קינד מײַנס, נישט שוין זשע ווילסטו אונדז פאַרלאָזן?

פּאַטער:

איך גלויב נישט אַז ער גייט טאַקע אַוועק. אויב יאָ — וועט ער שנעל צוריקקומען. מען האָט שוין געזען אַזעלכעס! איך אַליין האָב מיך שוין באַגעגנט מיט אַזעלכע קיבוצניקעס, וואָס האָבן זיך שפּע־טער געשלאָגן על חטא און צוריקגעקומען צו טאַטע־מאַמע.

מוטער:

(מיט געבעט)

דוד, קינד מײַנס, צי ווייסטו אַז דער פּאַטער דײַנער האָט אַ לעבן־לאַנג געהאָרעוועט, נעכט נישט דערשלאָפן ביז ער האָט אויפגעשטעלט אַזאַ גרויסע אונטערנעמונג אין לאַנד? און לאָמיר זאָגן אָפן: טאַטע־מאַמע לעבן דאָך נישט אייביק, איז פאַר וועמען האָבן מיר זיך עס אָנגעשטרענגט, אויב נישט פאַר דיר? ווער דען זאָל איבער־נעמען די אָנפירונג פון דער פאַבריק, אויב נישט דו? אַ פרעמדער? — „מיט פרעמדע הענט איז גוט פייער צו שאַרן" — זאָגט ריכטיק

אַ פֿאָלקסווערטל. נישט קיין פֿרעמדער, נאָר דו, דוד, מוזט איבער־נעמען די לייטונג פֿון פֿאַבריק.

**דוד:**

ס'טוט מיר זייער לייד, וואָס איך פֿאַרשאַף אייך עגמת־נפש, אָבער וואָס זאָל איך פֿאָרט טון, אַז מיר זענען צוויי באַזונדערע וועלטן! פֿאַרשטיי, מוטער, אַז מיין באַשלוס אַנטשפּרעכט פֿולקאָם מיין אי־דעאַל, און וואָס עס וועט זיין מיט דער פֿאַבריק איבער הונדערט און צוואַנציק יאָר — אינטערעסירט מיך נישט. סיי ווי, גלויב איך, אַז נאָך אין אַ צען און אפֿשר אין צוואַנציק יאָר אַרום, וועלן די אַלע אונטערנעמונגען פֿאַרגעזעלשאַפֿטלעכט ווערן. דאָס אַלץ געהערט נישט אייך, נישט מיר, נאָר דעם פֿאָלק, דעם פֿאָלק וואָס לעבט דאָ אין לאַנד. אַזוי פֿאַרשטיי איך דעם ציוניזם.

**פּאָטער:**

(פֿאַרברעכט די הענט)

צום באַדויערן זע איך, אַז אונדזער זון האָט נאָך צו ווייניק פּראַק־טיק אין לעבן. ער שוועבט אין די הימלען...

**מוטער:**

(פֿאַרצווייפֿלט)

איך מיין, דוד, אַז דו האָסט נישט באַרעכנט וואָס דו רעדסט. געווען אויך ביי אונדז אין שטאָט, אין אונדזער אַלטער היים, בחורים און מיידלעך, וואָס האָבן זיך אַריינגענומען אין קאָפּ אַזעלכע אידייען פֿון אויסגלייכן די וועלט... נו, האָט מען זיי ביי אונדז שוין אויסגע־גליכן: וועמען אויף סיביר פֿאַרשיקט, וועמען אויף דער תּליה, אָדער ערגעץ אין די רוסישע טורמעס אויסגעגאַנגען.

**פּאָטער:**

אסתּר, טו מיר אַ טובֿה און לאָז אים צורו. ער איז דאָך איצט פֿאַר־שיכורט — ער וועט זיך אויסניכטערן!

**דוד:**

(פֿאַרטראַכט)

איך קען ווייניק די געשיכטע פֿון דער דאָזיקער באַוועגונג. איך האָב

נאָר געהערט וועגן די דאָזיקע יידישע רעוואָלוציאָנערן. קאָן אָבער זיין, מוטער, אַז מיר זענען אפשר די, וואָס ווילן פאַרענדיקן, דאָ אין לאַנד, דאָס וואָס זיי האָבן אָנגעהויבן!

**מוטער:**

ליידער, זע איך, אַז ס׳וועט נאָך נעמען פיל צייט ביז דו וועסט זיך אויסניכטערן. מיין האַרץ טוט מיר ווי אויף דיינע יונגע יאָרן. סיי פיזיש, סיי גייסטיק גיסטו זיי אַוועק פאַר אַ זאַך, וואָס מערער ווי צרות אין לעבן, וועט עס דיר נישט געבן.

**דוד:**

אויב איר האָט מיך ביז איצט נישט פאַרשטאַנען, וועל איך עס אייך דערקלערן בקיצור: מיין זאַך — דאָס איז ציוניזם, און דער ציוניזם מיינט: אַ פריי יידיש פאָלק אין אַ פריי יידיש לאַנד.

**פאָטער:**

(אויסגלייכנדיק זיך)

נו, און דיין פאָטער איז נישט קיין ציוניסט? האָט ווייניק געטאָן פאַרן פאָלק און פאַרן לאַנד? נאָך זייענדיק גאָר יונג האָב איך אָנגעהויבן מיין ציוניסטישע טעטיקייט. נישט געווען קיין ציוניסטישע אסיפה אָן מיר. יעדער יאָר האָב איך אויסגעקויפט אַ שקל און געצאָלט געננוג פאַרן נאַציאָנאַל־פאָנד. איך האָב זיך מוסר־נפש געווען פאַרן ציוניזם. און דאָס קומען אין לאַנד אַריין, מיינסטו, איז אָנגעקומען אַזוי לייכט? און באַלד, קלערסטו, איז געגאַנגען מיט דער פוטער אַרויף? מען האָט געננוג געפּאַקט און געמאָזלט.

**דוד:**

דאָס איז אַלץ אמת, אָבער דאָס איז געווען אַמאָל. און וואָס לענגער דו ביסט אין לאַנד, אַלץ מערער ווערט דיין ציוניזם אויסגעוועפּט. דיין ציוניזם מאַכסטו אָפּהענגיק פון דיינע ביזנעס. גייען די געשעפטן גוט, איז די ציוניסטישע אידייע אַ גאָלדענע: ארץ־ישראל, דאָס איז ממש אַ צווייט אַמעריקע. תל־אביב — בויט זיך איבערנאַכט. אָבער איך געדענק גאַנץ גוט ווי מיט יאָרן צוריק האָסטו געזאָגט צו דיין סעקרעטאַר: ס׳איז דאָ איין וועג ווי אַזוי זיך צו ראַטעווען

פונעם קריזיס אין לאַנד — פּאַקן די מאַשינען און פאָרן קיין אַמע־ריקע. דאַקעגן ביי מיר, פאָטער, איז ארץ־ישראל שטענדיק גוט; ביי מיר קאָן נישט געבוירן ווערן קיין געדאַנק צו פאָרן ערגעץ־ווו. איך געהער צום לאַנד און דאָס לאַנד געהערט צו מיר!

**מוטער:**

וואָס דער פאָטער האָט אַמאָל געזאָגט, איז עס געווען אין שפּאַס. און דאָס איז פאַר דיר וויכטיק, וואָס ער האָט אויפגעבויט אַזאַ אונטערנע־מונג וואָס גיט ברויט צו פינפהונדערט משפחות?

**דוד:**

נישטאָ ווער ס'זאָל לאַכן. דאָס גיט איר ברויט צו פינפהונדערט משפחות, אָדער פאַרקערט: דאָס גיבן זיי אייך! זיי, און נאָר זיי שאַפן אייך דעם לוקסוס (אָנווייזנדיק אַרום און אַרום), אין וועלכן איר האָט אייך געהילט, דאָס האָבן זיי געהאָרעוועט אויף דיינע זיידענע קליידער, אויף דעם צירונג, און אַלע איבעריקע לוקסוסן!

(גייט הין און צוריק אויפגערעגט)

אַנטשולדיק מיר, מוטער, איך האָב קיינעמען נישט געוואָלט ווייר־טאָן. כ'בין אַזוי אויפגערעגט.

(צוויי חברים באַווייזן זיך אין טיר)

**דוד:**

(מיט שטוינונג)

שוין?

**חברים:**

יאָ, מען וואַרט אויף דיר.

(דוד קוקט אויפן זייגער און גייט אַריין אין זיין צימער. די מו־טער זיינע פאַלט צוריק אויפן פאָטעל ווי אין חלשות)

**אַדלער:**

אסתר, לאָז אים לויפן. פאַרפאַלן! אָבער איין זאַך בעט איך דיך: די מחותנים דאַרפן גאָרנישט וויסן פון דעם, ווייל איך האָב געכאַפּט ביי יאַקטען אַ גמילות־חסדל פון פינף און צוואַנציק טויזנט פונט — אַ קאַנטע אויפן נדן.

**נחמה:**

(פאַלט אַריין מיט אַ שטורעם)

**מאַדאַם!**

**פרוי אַדלער:**

(דערשראָקן)

**וואָס איז געשען?**

**נחמה:**

**אַ גרויסע דעמאָנסטראַציע אין דרויסן... דוד גייט בראש...**

(אַלע גייען אַרויס אויפן באַלקאָן. מען הערט ריטמישע טריט פון הונדערטער מענטשן און דאָס פויקן פון אַן אָרקעסטער. מען הערט דאָס קאָמאַנדעווען: אחת, שתיים, שלוש, ארבע, אחת, אחת. ביסלעכווייז דערנענטערן זיך רויטע און בלוי־ווייסע פענער. די באַוועגונג שטעלט זיך אָפּ און דוד כאַפּט זיך אַרויף אויף די אַקסלען פון צוויי חברים. מען זעט אים ביז אין דער טאַליע).

**דוד:**

**חברים און בירגער! די גרויסע אידייע פון אויפלעבן אונדזער לאַנד און באַפרייען אונדזער פאָלק פון צוויטויזנט־יעריקן גלות, האָט אונדז דאָ אַהערגעבראַכט. אָבער דאָס איז נישט גענוג. מיר אַלע זענען בלויז אַ קליינער ברוכטייל פון יידישן פאָלק. מיר קאָנען נישט און טאָרן נישט שווייגן אין צייט, ווען מיליאָנען יידן אין גלות ראַנגלען זיך און רייסן זיך אַהערצו צו אונדז. מיר קאָנען אַלע אַריינגעמען! דערפאַר פאָדערן מיר: עפנט די טויערן פון אונדזער לאַנד — פאַר אונדזער פאָלק!**

**שטיכמען:**

**עליה חופשית!**

**דוד:**

(מיט קוראַזש)

**מיר זענען שוין דערוואקסן דערצו און נויטיקן זיך נישט מערער**

**אין דער ענגלישער אפּוטרופּסות... דערפֿאַר איז אונדזער לאָזונג: טראָגט אייך אָפּ פֿון אונדזער לאַנד!**

(דוד גייט אַרונטער און די דעמאָנסטרירנדיקע מאַרשירן ווײַטער. פֿון ווײַטנס הערן זיך שטימען: עליה חופשית! בוז לספר הלבן! בוז! בוז! ס'דערהערן זיך אָפּגעהאַקטע סטראָפֿן פֿון ציוניסטישע און רעוואָלוציאָנערע לידער. מען הערט נאָך דאָס קאָמאַנדעווען צום טאַקט: אחת, שתיים, שלוש, אַרבע, אחת, אחת. די שטימען און די טריט דערווײַטערן זיך, ווערן שטילער און הערן אויף. אין זאַל גופא זענען צעוואָרפֿן עטלעכע צענדליק סטאַטיסטן, וועלכע כאַפּן־אונטער די לאָזונגען און זינגען מיט די לידער. נאָך דער דעמאָנסטראַציע גייט נחמה אַרויס און אַדלער מיט זײַן פּרוי קומען צוריק אַרײַן אין סאַלאָן)

**אסתּר:**

(פֿאַרזאָרגט)

**וואָס זאָגסטו איצט צו אונדזער דודן?**

**אַדלער:**

(האָפֿערדיק)

**מיך אַרט עס נישט.**

**אסתּר:**

(דערשטוינט)

**וואָס רעדסטו?**

**אַדלער:**

**דאָס באַווײַזט נאָר, אַז ער האָט אָרגאַניזאַציאָנעלע פֿעאיקייטן, און קאָן זײַן אַ גוטער ביזנעס־מאַן. און טאַקע בײַ מיר!**

**אסתּר:**

**אָבער, משה, דו גלויבסט נאָך אַז ער בלײַבט מיט אונדזן?**

**אַדלער:**

**איך גלויב אַז אונדזער דוד איז איצטער אַרײַנגעפֿאַלן אין אַ מין היפּנאָז. אַ סך יונגע מענטשן מאַכן עס דורך. סוף־סוף איז ער מײַן זון, און איך גלויב, אַז ער וועט נאָך אַרויף אויפֿן ריכטיקן וועג.**

**אסתר:**

ווי אַזוי איז דאָס מעגלעך?

**אַדלער:**

זעץ זיך אַוועק, וועל איך דיר פאָרשטעלן מיין פּלאַן.

**אסתר:**

(זעצט זיך אַוועק)

רעד, איך הער.

**אַדלער:**

(פאַרטרוילעך)

פאַרשטייסטו מיך, מיין טייערע, דאָ איז נישט ביאַליסטאָק, די אַלטע יידישע היים. דאָ איז פונקט ווי אין אַמעריקע. איך און יאָקטע, דער פישער, זענען מיר טאַקע נישט קיין גלייכע מחותנים, אָבער אַ שידוך לוינט זיך צו טאָן מיט זיי. זיי האָבן אַ שיינע מויד, אַ פערטל מיליאָן פונט נדן גייט אויך נישט צופוס, מיין טייערע.

**אסתר:**

זייער גוט, אָבער... דוד וויל דאָך גאָרנישט הערן דערפון. ער איז צו איר גלייכגילטיק.

**אַדלער:**

מילא, וואָס זאָל איך דיר זאָגן — אַ יידענע בלייבט אַ יידענע. קודם־כל איז פאַראַן אַן אַלטער כלל: וואָס מערער — איז בעסער. און וואָס שייך „גלייכגילטיקייט", מיין איך, אַז אַ פערטל מיליאָן וועט אים אַ צי טאָן. נאָר אויב דאָס זאָל שוין נישט העלפן, זענען מיר, צו אונדזער גרויסן אומגליק, גוט אַריינגעפאַלן מיט אונדזער זון. אָבער... איך גלויב נישט, אַז מיין זון איז אַזאַ נאַר. מיין פּלאַן איז אַזאַ: דוד טראָגט אַריין אין פאַבריק אַ פערטל מיליאָן, ער ווערט הויפּט־אַקציאָנער און דירעקטאָר. נאָכדעם ווי איך באַקום אַזאַ איינשפּריצונג — שטיי איך פעסט אויף מיינע פיס. ביי אַזאַ שווערן קריזיס ווי מיר לעבן איצט איבער, טאָר מען נישט זיצן מיט פאַרלייגטע הענט. דער אומזאַץ האָט זיך פאַרקלענערט און דערצו זענען אויפגעשטאַנען פאַבריקאַנטן און פאַבריקאַנטלעך, ווי שוואָמען נאָך

אַ רעגן. יעדער וואָס האָט אַ פּאָר פונט אין טאַש, קויפט זיך אַ מאַשינקע, שרויפט זי אָן ביים פענצטער, זעצט אַוועק ווייב און קינדער און — ווערט מיין קאָנקורענט. אָבער אַז איך וועל האָבן אַן איינשפּריצונג פון אַ פערטל מיליאָן, וועל איך דאָס ערשטע זיך ווענדן צו דער סוכנות, אַז אַזוי ווי די צייט איז אַ ביטערע, וויל איך שליסן מיין פאַבריק. נאָר אויב איר ווילט פאַרמיידן אַזאַ קריזיס, וואָס קאָן זיך שלעכט אָפּרופן אויף אונדזער ציוניסטישער פּראָפּאַגאַנדע אין גלות, טאָ באַשטימט מיר אַן הלוואה פון מינימום אַ הונדערט און פופציק טויזנט פונט... „אַ הלוואה" — דאָס רעדט זיך נאָר אַזוי, אָבער אינדערעמתן וועלן דאָס אונדזערע אור־אור אייניקלעך נאָך נישט אויסצאָלן... נאָכדעם לאַד איך איין צו זיך — און טאַקע דאָ, אין דעם זאַל — זאָלן זיי האָבן פאַר מיר אַ ביסל דרך־ארץ! — די פאָרשטייער פון הסתדרות און איך דערקלער זיי, און כ'באַווייז זיי שוואַרץ אויף ווייס — אויף אונדזער סעקרעטאַר קאָנסטו זיך פאַרלאָזן — טוט אַ קוק חברים: די צייט איז אַ ביטערע, ס'לוינט זיך מיר נישט צו טרייבן ווייטער די פאַבריק, איז אויב איר זענט נישט פאַראינטערעסירט צו פאַרגרעסערן די צאָל אַרבעטסלאָזע מיט נאָך פינפהונדערט משפחות, איז פאַראַן נאָר איין אויסוועג: מען מוז דעם אַרבעטסלוין פאַרקלענערן מיט מינימום צען פּראָצענט. ווי מיינסטו, זיי וועלן נאָכגעבן? זיכער! קיין באָלשעוויקעס זענען זיי דאָך נישט. זיי ווייסן גאַנץ גוט, אַז אָן דער בורזשואַזיע בויט מען נישט קיין ישוב. זיי האָבן סוחרישע קעפּ... און זיי וועלן מיר נאָכגעבן. דאַן באַשטעל איך די מאָדערנסטע מאַשינען אין ענגלאַנד און לאָז אַרבעטן צוויי שיכטן. איך פאַרוואַרף דעם מאַרק מיט סחורות, כ'לאָז אַראָפּ די פּרייזן ביזן קרן — כ'קאָן מיר דאָך דערלויבן — און מאַך, פאַרשטייסטו, אַ דעמפּינג מיט אייגענע סחורות אין לאַנד גופא. נאָך עטלעכע חדשים צייט צעטרעט איך ווי די ווערים אַלע מיינע קאָנקורענטן, משטיינס געזאָגט. און דאַן בלייב איך דער איינציקער פאַבריקאַנט אין לאַנד.

(אַ לענגערע פּויזע)

**נו, און איצטער וועל איך צוגיין אַ ביסל צו מיין שטענדער און מאַכן אַ חשבון. יאָ, אין אַ האַלב יאָר אַרום, ווען מיר וועלן פּראַווען אונ־דזער זילבערנע חתונה, וועלן מיר שוין אין דער זעלבער צייט שרייבן די תנאים צווישן דודן און חוהען.**

(גייט צו צו זיין שרייבטיש, בלעטערט דורך פאַרשידענע פּאַ־פּירן, וואָס ליגן פאַר אים. פרוי אַדלער זעצט זיך צו צום קלאַ־וויר און שפּילט־אויס אַ סענטימענטאַלע מעלאָדיע)

**אַדלער:**

(פאַרטראַכט)

**הם... יאָ, פאַרגעסן...**

(שטעלט זיך אויף און גייט צו צו דער וואַנט מיט דער איינ־געמויערטער אייזערנער קאַסע. ער נעמט אַרויס פון טאַש שליסעלעך, עפנט די קאַסע, פירט צו צו זיך אַ קליין טישל אויף רעדלעך, לייגט־אַרויף אויפן טישל פאַרשידענע באַנק־נאָטן און מטבעות, און נעמט זיי ציילן שטילערהייט. צו זיין פרוי):

**איך בעט דיך, אסתרקע, אפשר וועט זיין גענוג מיט דיין מוזיק? דו שטערסט דאָך מיר אין ציילן, צעטומלסט מיך... קום אַהער...**

(פרוי אַדלער מאַכט צו דעם קלאַוויר, הייבט זיך נישט גערן אויף און גייט צו צום מאַן. זעצט זיך לעבן אים).

**פרוי אַדלער:**

(באַליידיקט)

**וואָס אַרט דיך אַזוי מיין שפּילן?**

**אַדלער:**

**איך האָב גאָרנישט קעגן דעם, מיין טייערינקע, אַז דו שפּילסט אַמאָל אויפן קלאַוויר, אדרבא! אָבער... טו אַ קוק: צי איז דאָס נישט קיין בעסערע מוזיק?...**

(שפּילט זיך דערביי מיט עטלעכע גאָלדענע מטבעות אויפן טיש)

**פרוי אַדלער:**

**משה, האָסט דאָך אַמאָל מיר געזאָגט, אַז די קראַנטסטע זאַך איז צו האַלטן געלט אין אַ באַנק.**

**אַדלער:**

**ריכטיק, איך האַלט טאַקע אויף מיין פּריוואַט־קאָנטע אין צוויי שטאַטישע בענק, און אין אַ דריטע באַנק אין לאָנדאָן. אָבער מען דאַרף דאָך נישט אויפרייסן מענטשן די אויגן. האַלט איך מיר דאָס גאָלד אינדערהיים. וואָס זיכער איז**

(אַ לייכט קלאַפּן אין טיר)

**אַדלער:**

**רגע!**

(ער פאַרדעקט אויף גיך דאָס טישל מיט ציימונגען)

**בבקשה!**

(אין טיר באַווייזט זיך נחמה)

**נחמה:**

**דוד האָט מיך געבעטן איבערצוגעבן אייך דאָס בריוול.**

(אָפּ)

**אַדלער:**

(לייענט)

**ליבע עלטערן:**

**זייט אויף מיר נישט בייז. די שטענדיקע וויכוחים האָבן מיר שוין דערעסן. איך האָב באַשלאָסן די זאַך צוצואיילן. איך בין אַוועק אין קיבוץ. זייט געזונט!**

**אייער דוד**

(פרוי אַדלער זינקט טיפער אין פאָטעל אַ פאַרחלשטע. אַדלער לויפט צו צו זיין פרוי. פון האַסטיקן אויפשטעל קערט זיך איבער דאָס טישל. די גאָלדענע מטבעות צעשיטן זיך מיט אַ געראַש און די באַנקנאָטן צעפליען זיך אין אַלע זייטן).

(פ אָ ר ה אַ נ ג  פ אַ ל ט)

# צווייטער אקט

## בילד איינס

## אין קיבוץ

(אָרט: אַ גרויסער ציכטיקער עס־זאַל. לענג־אויס צוויי לאַנגע טישן. בענק אַרום זיי. אַן אָפן פענצטערל ווו ס׳ווערן אַרויס־געגעבן די עסנס. אויף אַ וואַנט־פּאָלקע אַ ראַדיאָ־אַפּאַראַט. גרויסע גלעזערנע טירן דורך וועלכע מען זעט די לאַנדשאַפט פון קיבוץ.

צייט: נאָך דער אַרבעט, ביים פאַרענדיקן נאַכט־עסן. ביי אַ צען חברים און חברות זענען נאָך געבליבן. ביים עק טיש זיצט דוד פאַרטראַכט און עסט נאַכלעסיק, אָן אַפּעטיט. ציונה, וועלכע טוט אַכטונג אַז אַלץ זאָל זיין אין אָרדענונג, באַמערקט דאָס און זעצט זיך אַוועק אַ קעגן אים אויף דער צווייטער זייט באַנק. נאָענט צום פענצטערל זיצט אַן אַלטע פרוי, אַ נישט־לאַנג געקומענע אין לאַנד — אַ מוטער פון אַ קיבוץ־חבר. זי פאַרענדיקט דאָס עסן און בענטשט אין דער שטיל, קוים זי פּרעפּלט מיט די ליפּן. אַז ס׳קומט צו צום פּסוק: רחם נא ה׳ אלהינו על ישראל עמך ועל ירושלים עירך ועל ציון משכן כבודך ועל מלכות בית דוד משיחך — זאָגט זי עס הויך אויפן קול מיט אשכנזישער הברה און מיט גרויס כונה. פון צייט צו צייט גייט ווער פאַרביי און באַגריסט איר: שלום באָבעשי, אַנדערע: שלום סבתא. זי ענטפערט מיט אַ שאָקל פון קאָפּ. ס׳קומט אַריין דער שומר מיט אַ ביקס אויף די פּלייצעס און ביי דער זייט — אַ גרויסער הונט. ער גייט צו צום פענצטערל און כאַפּט אַ פּלירט מיט דער חברטע, וואָס גיט אַרויס דאָס

(עסן. אַ חברטע גייט אַרום די טישן צונויפנעמענדיק דאָס געפעס)

**חברטע:**

(צו דער אַלטער פרוי)

**פאַרוואָס האָט איר נישט געגעסן דאָס פלייש? ס׳איז כשר!**

**אלטע:**

(אָנווייזנדיק מיט דער האַנט אויפן האַרצן)

**אַז ס׳גייט נישט...**

**חברטע:**

**וואָס איז אייך? איר זענט נישט געזונט?**

**אלטע:**

**חס ושלום. איך בין געזונט, ברוך השם, אָבער מיין האַרץ איז פאַר־קלעמט. ס׳גייט מיר נישט איין קיין עסן, זינט מען האָט מיין בע־רעלען אַוועקגענומען. ביי אונדז אינדערהיים האָט מען געזאָגט, אַז די ענגלענער זענען מענטשן וואָס האָבן ליב פרייהייט, און די זעלבע ענגלענדער אַרעסטירן דאָ יידישע בחורים, און גיבן נאָך צו קלעפּ. פאַרוואָס?**

**חברטע:**

**זאָרגט זיך נישט באָבעשי, אייער בערעלע איז שוין, ברוך השם, אַ גרויסער בער און גיט זיך אַן עצה.**

**אלטע:**

**קינד מיינס, אַן עצה קאָן מען זיך געבן, אַז מען איז אויף דער פריי, אָבער ער זיצט דאָך אין תפיסה.**

**חברטע:**

**דאָס וועט לאַנג נישט דויערן, באָבעשי.**

**שומר:**

(קומט צו מיטן הונט)

**שלום סבתא!**

**אלטע:**

(גוטמוטיק)

און יידיש קענסטו גאָרנישט רעדן? און ווי אַזוי רעדסטו מיטן הונט? אויף לשון קודש?

**שומר:**

אוודאי! ווי דען אַנדערש? אָט, וועט איר באַלד הערן: תביא לי את הסל משם.

(דער הונט לויפט־צו אויפן אָנגעוויזענעם פּלאַץ און ברענגט אים דאָס קערבעלע אין פּיסק)

**אלטע:**

(זיפצט שווער)

אַ שיינע מדינה איז דאָ, אַז צו הינט און מענטשן רעדט מען אויפן זעלבן לשון.

(הויבט זיך אויף צום אַוועקגיין)

**חברטע:**

איך וועל אייך באַגלייטן ביזן צריף. אין דרויסן איז שוין פינצטער.

**אלטע:**

אַ דאַנק טאָכטער.

**שומר:**

(צו דער חברטע)

בלייב דאָ. איך גיי סיור אין דער זעלבער ריכטונג.

(די חברטע בלייבט און דער שומר נעמט אָן די אַלטע פאַרן האַנט. זיי גייען לאַנגזאַם אַרויס. נאָך זיי גייט נאָך דער הונט)

**אלטע:**

(האַרט פאַרן אַרויסגיין, צום שומר)

אַ יידישע נשמה. לאַנג לעבן זאָלסטו.

**ציונה:**

פאַרוואָס עסטו נישט, דוד?

**דוד:**

אַזוי.

צִיונה:

וואָס הייסט אַזוי? ס׳שמעקט דיר נישט, ס׳עסן? ביסט אַ צעפּיעשטשעטער בחור. שוין אַזוי לאַנג אין קיבוץ און האָסט זיך נאָכנישט צוגעוווינט.

דוד:

אַזוי!

צִיונה:

וואָס איז דער טייטש „אַזוי״? מען דאַרף עסן! אַנישט איז נישטאָ קיין כוח צו אַרבעטן.

דוד:

כ׳וועל עסן מאָרגן.

(הייבט זיך אויף און מאַכט עטלעכע טריט צום אַרויסגאַנג)

צִיונה:

(פאַרלויפט אים דעם וועג)

אומגעגעסן גייט מען נישט שלאָפן.

דוד:

וואָס אַרט עס דיך?

צִיונה:

(טראָציק)

אַזוי!

דוד:

(אין כעס)

וואָס הייסט „אַזוי״?

צִיונה:

(באַפעלעריש)

זעץ זיך, חבר, צוריק צום טיש. כ׳וועל דיר דערלאַנגען עפּעס אַנדערש, וואָס וועט דיר יאָ שמעקן.

דוד:

(מיט אַ שמייכל)

אָבער וואָס אַרט עס דיך? דו ביסט מיין מוטער? מיין שוועסטער?

**ציונה:**

(צווײדײטיק)

איך בין דיר אַלץ — סײ אַ מוטער און סײ אַ שוועסטער...

(פּויזע)

און נישט נאָר דײַנע — אַלעמענס.

(נעמט אים אָן פֿאַרן אָרבל און ציט אים צוריק צום טיש. ער גיט זיך אונטער און זעצט זיך אַוועק)

**דוד:**

וואָסערע גוטע זאַכן וועסטו מיר געבן?

**ציונה:**

וועסט שוין האָבן אַ סימן!

(לויפֿט אַרײַן אין קיך און קומט צוריק מיט עפּעס אַ מאכל. שטעלט עס אַוועק אויפֿן טיש לעבן אים)

**דוד:**

(פּאַרזוכט דאָס עסן)

אויסגעצייכנט! וואָס איז עס, אייגנטלעך?

**ציונה:**

(מיט אַ שמייכל)

דאָס איז מײַן סוד...

**דוד:**

פונדעסטוועגן — זאָג. ביסט דאָך נישט אַזאַ שלעכטע...

**ציונה:**

אָהאָ! דו קענסט מיך נאָכנישט. איך בין זייער אַ שלעכטע...

(פּויזע)

אַ האַלב יאָר האָב איך געלערנט אין „ויצו" קאָכן, וועל איך איצטער אַלעמען דערציילן וואָס און ווען? ביין!...

**דוד:**

און וואָס נאָך האָסטו געלערנט?

**ציונה:**

איך האָב געלערנט אין רחובות, וווּ עס וווינען מײַנע עלטערן, אין

אַ פּאַך־שול פלעכטן קערבלעך. אָבער דאָס האָט מיך נישט פאַר־אינטערעסירט און כ׳בין אַנטלאָפן.

דוד:

(דערשטוינט)

אַנטלאָפן? ווי אַנטלויפט מען דאָס פון אַ היים? פון טאַטע־מאַמע? פון ברידער און שוועסטער?

ציונה:

(לאַכט אים אַריין אין די אויגן)

און דו, חביבי, פאַרוואָס ביסטו אַנטלאָפן פון דערהיים? מיינסט, אַז כ׳ווייס נישט? דיינע חברים האָבן שוין דאָ אַלץ דערציילט: אַז אין טאָג ווען אין גאַנצן לאַנד זענען פאָרגעקומען פּראָטעסטן קעגן דער מאַנדאַטן־מאַכט, האָסטו אין יענעם טאָג אָנגעפירט מיט אַ פּראָ־טעסט־צוג, און נאָכדעם ביסטו אַנטלאָפן אַהערצו.

דוד:

(פאַרטראַכט)

ביי מיר איז אַן אַנדערע זאַך.

ציונה:

אויך ביי מיר איז געווען אַן אַנדערע זאַך.

דוד:

(טאָן ענדערונג)

הער זיך איין, ציונה, ווילסט מיט מיר לעבן בשלום, אָדער נישט?

ציונה:

(איראָניש)

פאַרוואָס נישט? כ׳בין דאָך דיר אַ מוטער און אַ שוועסטער...

דוד:

אָן חכמות! דערצייל מיר בעסער פאַרוואָס ביסטו אַנטלאָפן פונ־דערהיים?

ציונה:

(שווייגט אַ ווייל. זיפצט אָפּ און הייבט־אָן דערציילן)

צוליב מיר איז אין שטוב שטענדיק געווען אַ גהינום: האָב איך

**געלערנט אין רחובות, אין דער פאַך־שול, איז דער טאַטע געלאָפן אין שולע און פאַרלאַנגט געלט, ווייל מען גזלט אים צו די עלטסטע טאָכטער פון שטוב און דורך דעם פעלט־צו צו דער פרנסה. שפּעטער איז געקומען עפּעס אַ בחור און פאַרגעלייגט מיין טאַטן פּופּציק פונט, ער זאָל מיך געבן פאַר אַ כלה. האָט די מאַמע געטענהט: כ'בין ווערט הונדערט פונט. און עסן איז אויך נישט אַלעמאָל געווען צו זעט... דאָס אַלץ האָט מיך אַזוי דערעסן, אַז כ'בין אַנטלאָפן אין קיבוץ.**

(באַהערש זיך נישט צו וויינען)

**און דאָ אַרבעט איך גלייך מיט אַלע, ווי ברידער מיט שוועסטער, און — כ'האָב אַ באַפרידיקונג.**

(אַ לענגערע פּויזע)

**אָבער ס'טרעפט, אַז כ'בלייב אַליין מיט זיך, און טראַכט אריין אין זיך — פיל איך מיך פאַרלאָזן פון אַלעמען. קיינער אינטערעסירט זיך נישט מיט מיר.**

(פאַרגראָבט דאָס פּנים אין אירע הענט און וויינט שטיל)

**דוד:**

(גלעט איר איבערן קאָפּ)

**ס'איז נישט אמת, ציונה, אַז קיינער אינטערעסירט זיך נישט מיט דיר. פאַראַן דאָ איינער וואָס אינטערעסירט זיך יאָ מיט דיר...**

(אין צייט פון דיאַלאָג, צווישן דודן און ציונהן, קומט פאַר ביים צווייטן טיש פאָלגנדער שפּיל: אַ טייל חברים גייען זיך פאַנאַנדער. עטלעכע בלייבן און אונטערהאַלטן זיך. איין בחורה פאַראַדירט הין און צוריק אין לאַנגע, גרינע הויזן, די הענט אין די טאַשן און פייפט זיך אונטער אַ לידל; אַ בחור גייט אונטער און וויל איר אַ קיצל טאָן, לאָזט זי אים אַראָפּ אַ קלינגענדיקן פּאַטש און — ער טראָגט זיך שנעל אָפּ. איינער רוקט זיך אַרויס ווי אַ דיריגענט און פאַרבעט אַלעמען צום טיש. יעדער פאַרנעמט אַן אָרט: ווער אויף אַ באַנק, ווער שטייענדיק. איינער ציט אַרויס אַ קעמל פון טאַש, וויקלט

עס אַרום מיט בּיבּולע־פּאַפּיר, מאַכט דערפון אַ מויל־האַר־מאָניקע; אַ צווייטער נעמט צוויי בלעכענע טעלער פון טיש, דער ערשטער גיט אַ צייכן מיט דער האַנט און אַ טייל נעמען שפּילן און די איבעריקע זינגען באַקאַנטע ארץ־ישראל־לידער. באַלד שרייט איינער אויס: חברה! לאָמיר בעסער גיין אַ האָ־רע! אַלע שליסן זיך אָן אין טאַנץ. אויך ציונה און דוד).

(פאָרהאַנג פאַלט)

## בּילד צוויי

(אויפן כרם, ביים שניידן טרויבן. ביי דער אַרבעט זענען באַ־שעפטיקט עטלעכע בחורים און בחורות. אַ טייל שערן די טרויבן און פילן אָן די קוישלעך מיט זיי. אַ טייל נעמען צונויף די דאָזיקע קוישלעך און טראָגן זיי אַוועק צום וואָגן. אַ בחור גייט מיט זיין קאָרב אויפן אַקסל אַזוי אומגעלומפּערט, אַז דורכ־גייענדיק שטויסט ער זיך אָן אין די פּלייצעס פון אַ בחורה, וועלכע שטייט, צוליב דער גרויסער היץ, אין אַ שטאַרק־דעקאָל־טירטער פּאָזע)

**בחורה:**

(מיט פאָרוואורף)

**חבר! זעסט נישט ווי דו גייסט?**

**בחור:**

(שטעלט זיך אָפּ און באַטראַכט איר)

**און דו זעסט נישט ווי אַזוי דו שטייסט?**

(ווייזט מיט אַ זשעסט ווי זי שטייט אַנטבלויזט)

**בחורה:**

(פאַררוקט זיך דאָס קליידל)

**ווער הייסט דיך קוקן?**

**דוד:**

(צו זיין חבר)

כ׳ווייס נישט וואָס דאָס איז? די ביינער טוען מיר אַזוי וויי!

**חבר:**

וואָס איז דען דער וווּנדער? האָסט אין דיין לעבן קיינמאָל נישט געאַרבעט. אָבער דאָס איז גאָרנישט, ווייל וואָלט דיר עפּעס געווען, וואָלסטו איצטער געלעגן אין „הדסה" און נישט דאָ, אויפן כרם.

**דוד:**

אַז איך קאָן זיך גאָרנישט איינבייגן.

**חבר:**

ס׳וועט פאַרביי, וועסט זיך צוגעוווינען.

**איינער:**

(צו אַ צווייטן)

מאָטקע, דאָ איז נישט דער לאַגער אין דייטשלאַנד. מאַך נישט דיינע פוילע שטיק, נעם דעם קאָרב אויפן אַקסל און ריר זיך! דאָ דאַרף מען אַרבעטן!

**צווייטער:**

וואָס פּריידיקסטו מיר מאָראַל? איך בין אַ פרייער מענטש. איך אַרבעט ווען ס׳איז דאָ חשק צו אַרבעטן, און איך פאַנטאַזיר ווען ס׳איז דאָ חשק צו פאַנטאַזירן...

**ערשטער:**

מאָטקע לעבן, פון פאַנטאַזירן וועסטו קיין ברויט נישט האָבן...

**צווייטער:**

ווער איך עסן חלות!...

(ציונה באַווייזט זיך אויפן כרם, גייט צו צו דודן)

**דוד:**

(פאַרוווּנדערט)

האַ? וואָס טוסטו דאָ?

**ציונה:**

**כ'האָב דיר געבראַכט אַ קאַלטן טרונק.**

(נעמט אַפּיר פון אונטערן טיכל אַ קליין, ערדערן קרוגל)

**דוד:**

**אָבער צו וואָס? דאָ אויפן כרם איז דאָך פאַראַן אַ דזשאָרע וואַסער. ווער ס'איז דורשטיק, גייט צו טרינקען.**

**ציונה:**

**דוד, דו ביסט נאָכנישט געוווינט צום דזשאָרע־וואַסער. דאָ האָסטו אָראַנזשן־זאַפט.**

**דוד:**

(געריירט)

**אָבער צו וואָס?**

(קאָן זיך נישט דעצידירן. צום סוף נעמט ער פון איר האַנט דאָס קרוגל און טרינקט גיריק)

**אַ דאַנק, ציונה. אַ מחיה!...**

**ציונה:**

(לאַכט צופרידן)

**זעסטו, אַז איך ווייס וואָס דו האָסט ליב... חוץ דעם...**

**דוד:**

**נו, רעד, דערצייל!**

**ציונה:**

**עך, ס'לוינט זיך נישט צו רעדן...**

**דוד:**

(מיט אַ הויך קול)

**און איך וויל אַז דו זאָלסט יאָ רעדן!**

**ציונה:**

(שטיל)

**פאַרוואָס שרייסטו אויף מיר? פון דער היים בין איך אַוועק ווייל מען האָט אויף מיר געשריגן, איז דו אויך?**

דוד:

(גערירט)

איך שריי נישט. איך רעד צו דיר ווי צו אַ חבר.

ציונה:

(טאָן ענדערונג)

היינט ווערט אַ יאָר ווי איך אַרבעט אין קוך. אַלע זעגען פון מיר צופרידן. אָבער איך אַליין בין נישט צופרידן, ווייל יעדער אייגער אַרבעט נאָר אַכט שעה, און נאָך דער אַרבעט איז ער אַ פרייער מענטש. דאַקעגן איך — האָב נאָר צו טאָן מיט טעפּ, מיט פּראָדוקטן, מיט חשבונות, און וויפל שעה אין טאָג איך זאָל נישט אַרבעטן, איז אַלץ ווייניק. גענוג! כ'האָב שוין נישט קיין כוח... איך וויל אַרבעטן מיט דיר צוזאַמען אויפן כרם...

(שטילערהייט)

צי ווערט דיר דאָס שטערן?

דוד:

(שפּילט זיך מיט איר האַנט)

האָסט אַ הויט — גלאַט ווי זייד... און שוואַרץ — ווי אַ נעגערין...

ציונה:

(לאַכט)

איר, אשכנזים רופט דאָך אונדז טאַקע „שוואַרצע"...

(נאָך אַ קליינער פּויזע)

יאָ, איר אשכנזים סעפּאַרירט אייך פון אונדז...

דוד:

נישט ריכטיק!

ציונה:

ס'איז דאָך פּאָרט אַזוי!

דוד:

און איך וועל דאָס ליקווידירן. „שוואַרצע", „ווייסע" — איין פאָלק דאַרף זיין.

**ציונה:**

ווי אַזוי?

**דוד:**

פראָסט און פּשוט: איך וועל חתונה האָבן מיט אַ תּימנער מיידל.

**ציונה:**

(לייגט צו איר האַנט צו זיין שטערן)

האָסט היץ? אָדער, חלילה, משוגע?

(פאַרברעכט מיט די הענט)

דוד, דו וועסט ברענגען אויף זיך אַן אומגליק!

**דוד:**

וואָסער אומגליק?

**ציונה:**

מען וועט דיך אַרויסטרייבן פון דערהיים און אָפּזאָגן פון דיר די ירושה.

(מיט אַ געדעמפּט קול)

פאַרגעס נישט, אַז דו און אַ תימנערין — זענען פאָרט צוויי באַזונדערע וועלטן.

**דוד:**

(לאַכט איראָניש)

פון דערהיים וועלן זיי מיך נישט אַרויסטרייבן, ווייל כ'בין דאָך פון דאָרט אַליין אַוועק, און אין זייער ירושה, נויטיק איך זיך נישט. טו אַ קוק

(באַווייזט איר מיטן האַנט)

אָט דער גאַנצער קיבוץ מיט זיין ווירטשאַפט, אָט דער גאַנצער טאָל אונטן, מיט זיין ברויט און ווייַן; די אַלע בערג און וואַסער־קוואַלן — דאָס אַלץ געהער דאָך אונדז!

(נאָכקלערנדיק)

איך און אַ תימנערין זענען צוויי וועלטן? — דאָס איז היינט צו טאָג אמת, אָבער איך בין אַ חלוץ! מיינע ליידן — דאָס זענען דאָך

**יסורים, וואָס איך נעם זיי אָן באהבה. אָבער דער צווייטער, דער דריטער דור וועט שוין נישט ליידן.**

(נעמט איר אַרום און דריקט איר צו זיך. זי גליטשט זיך אַרויס פון זיינע הענט און רוקט זיך אָפּ פון אים אויף אַ דיסטאַנס)

**ציונה:**

**הייסט עס, אַז דו מיינסט חתונה צו האָבן מיט מיר?**

**דוד:**

(דעצידירט)

**טאָקע מיט דיר!**

**ציונה:**

(אין עקסטאַז)

**אוי!**

(טוט זיך אַ פּאַטש אין באַק. לאַכט און וויינט פאַר איבער־ראַשונג. אויפן כרם באַווייזט זיך די אַלטע פרוי)

**אלטע:**

(צום עגלון)

**נו, און איך קאָן דאָ גאָרנישט געפינען קיין אַרבעט? איך דאַרף עסן מיין ברויט אומזיסט?**

**עגלון:**

**באָבעשי, איר האָט שוין אין אייער לעבן גענוג געאַרבעט. גייט אַ ביסל זיך אויסרוען.**

**אלטע:**

**נאַריש קינד מיינס, רוען וועל איך איבער הונדערט און צוואָנציק יאָר... און דערווייל דאַרף מען אַרבעטן.**

**עגלון:**

**נו, גוט, איך דאַרף מען זאָל מיר העלפן אַרויסשלעפן די רעדער פון זאַמד...**

(הייבט־אויף די בייטש און פאָכעט מיט איר איבערן אייזעלע)

**עטש! עטש!**

**אלטע:**

**גזלן! וואָס טוסטו? נעם אַוועק די בייטש. די בהמה איז דאָך שוין איינגאַנצן אויס מענטש.**

(דוד כאַפּט־אויף זייער געשפּרעך און לויפט שנעל צו הילף. אויפן וועג שרייט ער: חברה! פון אַלע זייטן לויפן אָן חברה צו העלפן. ציונה כאַפּט זיך אויף ווי פון שלאָף און לויפט אויך צו הילף. אַלע צוזאַמען שלעפּן אַרויס דאָס וועגעלע)

**אלטע:**

**אַ געזונט אין זייערע ביינער!**

(פ אָ ר ה אַ נ ג פ אַ ל ט)

## ב י ל ד ד ר י י

(אין קיבוץ נאָך דער אַרבעט. די חברים פאַרענדיקן דאָס עסן. אַ טייל גייען זיך פאַנאַנדער און ביי אַ פּופּצן חברים און חברטעס בלייבן נאָך אין עס־צימער. די מערסטע פון זיי קאָנצענטרירן זיך ביי איין טיש. ביים צווייטן זיצן ווינציקער. צווישן זיי — דוד און ציונה. אַרום די טישן קומט פאָר אַ שטיקל באַוועגונג: מען רוימט אַראָפּ דאָס געפּעס און מען נעמט פאַרקערן דעם זאַל. איינער בעט פייער ביי אַ צווייטן, קומט צו אַ דריטער, שטעקט אַריין דעם קאָפּ צווישןביידן און פאַרוויכערט ביים זעלבן שוועבעלע. אייני־קע זעצן זיך אויף די טישן און הענגען אַראָפּ די פיס אויף די בענק).

**דוד:**

**די חברה קאָנען נישט זיצן ווי מענטשן, נאָר קריכן אויף די גלייכע ווענט...**

**ציונה:**

**אַז זיי פילן זיך דאָ ווי אינדערהיים, ביי דיר אינדערהיים, ביסטו קיינמאָל נישט אַרויפגעקראָכן אויפן טיש?**

**דוד:**

(קוקט איר אָן)

**וואָס הייסט?**

**ציונה:**

**איך מיין, אַז ווען דו ביסט געווען אַ ביסעלע יינגער?...**

(ביידע לאַכן הויך. דוד ציט־אַרויס פון טאַש אַ קליין ביכעלע און לייענט. ציונה ציט־אַרויס פון איר האַנט־בייטל וואָל, דראָטן און נעמט שטריקן אַן אָנגעהויבענע אַרבעט. אין אַ פּאָר מינוט אַרום מעסט זי צו דאָס שטריקעכץ צו דודס פּלייצעס)

**דוד:**

(רייסט איבער דאָס לייענען)

**וואָס מאַכסטו, אייגנטלעך? און וואָס מעסטו עפּעס אויף מיינע פּלייצעס?**

**ציונה:**

**דו זעסט דאָך, איך שטריק אַ פּולאָווער צום ווינטער.**

**דוד:**

**פֿאַר וועמען?**

**ציונה:**

**פֿאַר דיר!**

**דוד:**

**דאָס איז אַ גאַנץ אָנגענעמע איבעראַשונג, אָבער איך האָב שוין אייניקע פּולאָווערן וואָס די מוטער מיינע האָט מיר זיינער צייט אויסגעשטריקט.**

**ציונה:**

(בייגט זיך אַביסל צו צו אים)

**יענע זענען פון דיין מוטער, און דער וועט זיין פון ציונה...**

**דוד:**

(גלעט איר איבערן קאָפּ)

**ביסט אפשר גערעכט...**

**ציונה:**

(כלומר שטרענג)

**דוד!**

**דוד:**

**אַ פאַרגעסן!**

(ציונה רוקט זיך אָפּ אַביסל פון אים. אייניקע מינוטן רוקן זיךביידע אינסטינקטיוו צוזאַמען אַזוי, אַז זיי קומען אויס פּלייצע צו פּלייצע. דוד לייענט און ציונה שטריקט און זינגט זיך אונטער אַ לידעלע. ביים צווייטן טיש זיצט אַ בחור מיטן היטל פאַרדרייט און גאַפיעט די גאַנצע צייט אויף אַ חברטע... אייניקע לייענען, אַנדערע שמועסן צווישן זיך. איינער כאַפּט פליגן אויפן טיש, און איין בחור טוליעט זיך צו אַ בחורה, וועלכע זיצט פאַרטראַכט און שרייבט אַ בריוו. פּלוצלינג כאַפּט זי זיך אויף מיט כעס)

**בחורה:**

**טראָג זיך אָפּ מיט גאַנצע ביינער, אַ נישט כאַפּסטו אַ שאָס אין די ציינער!**

(דער בחור טראָגט זיך שנעל אָפּ און ווייזט איר פון ווייטנס אַ לאַנגע צונג... ביים עק טיש זיצן צוויי חברים פאַרטיפט אין דאָמינאָ־שפּיל. ס'דויערט נישט לאַנג און ס'הערט זיך אַן אַמפּעריי צווישן זיי)

**ערשטער:**

**גאַליציאַנער, זיי זיך מודה, ווו איז אַהינגעקומען דער זעקס ביאַלע און דער טאָפּל־פינף?**

**צווייטער:**

**דו, רומענער, מיינסט, אַז אַלע זענען ווי דו? קענסט מיך באַזוכן אין אַלע קעשענעס...**

**ערשטער:**

**איך מיין ערנסט: ס׳פעלןביינדלעך אויפן טיש.**

**צווייטער:**

(וואַרפט קונציק אַרויס די ביינדלעך פון אַרבל)

**נעם דיינע אויגן אין די הענט אַריין און לערן זיך אויס שפּילן!...**

**ערשטער:**

(ציילט)

**יאָ, זיי זענען טאַקע דאָ! איך בעט דיך איבער.**

(אין אַ ווינקל שטייט אַ בחור, ביי אַ צייכן־ברעט און צייכנט מיט קוילן אַ בחורה, וועלכע זיצט אויף דער באַנק און פּאָזירט. נאָכן פאַרענדיקן, באַווייזט ער איר דאָס בילד)

**בחורה:**

(אַנטציקט)

**וואונדערבאַר!**

**בחור:**

(אויפגעלייגט)

**יעצט וועלן מיר אַרויס אַביסל שפּאַצירן.**

(ער שטעלט אַוועק דאָס בילד מיט אַלע מכשירים אין אַ ווינקל, לייגט אַרויף זיין האַנט אויף איר אַקסל, אויך זי לייגט אַרויף איר האַנט אויף זיין אַקסל, און אַזוי פאַרלאָזן זיי דאָס עס־צימער. ס׳קומט אַריין דער סעקרעטאַר פון קיבוץ. קלאַפּט מיט אַ שטעקל אין אַ ברעטל, וואָס ער האַלט אין דער צווייטער האַנט)

**סעקרעטאַר:**

**אַכטונג, חברים, אַ וויכטיקע מעלדונג: מאָרגן בלייבט יעדער אויף זיין אַרבעטס־פּלאַץ. אָן ענדערונגען.**

**שטימען פון חברים:**

**דאָס הייסט אַ וויכטיקע מעלדונג?**

**סעקרעטאַר:**

**רואיק! נאָך אַ מעלדונג: מאָרגן אָוונט, מאַכן מיר אַ קאָלעקטיוון**

באַזוך אין „הבימה”. ווער ס'וויל זיך באַטייליקן, דאַרף זיך פאַר־שרייבן דאָ אויפן אָרט, ביי מיר.

**שטימען פון חברים:**

דאָס איז אינטערעסאַנט!

(סעקרעטאַר זעצט זיך אַוועק בײם טיש. לייגט אַרויס אַ בויגן פּאַפּיר און הייבט אָן צו פאַרשרייבן. חברה שטופּן זיך, ווילן זיין די ערשטע. אַ חבר גייט־צו צו דודן)

**חבר:**

דער סעקרעטאַריאַט האָט באַשלאָסן איינצואָרדענען דיר אַן אָוונט. וועלכן טאָג קלייבסטו אויס?

**דוד:**

פריער פאָרן מיר קיין תל־אביב צו די עלטערן. נאָכדעם ווי מיר וועלן צוריקקומען, וועלן מיר שוין באַשטימען.

(דוד לאָזט זיך גיין צום אַרויסגאַנג. ציונה פאַרלויפט אים דעם וועג)

**ציונה:**

וווּהין גייסטו?

**דוד:**

איך גיי אין צימער נעמען פּאַפּיר מיט אַ קאָנווערט. כ'דאַרף אָנ־שרייבן אַ היים.

**ציונה:**

בלייב דאָ, איך וועל דיר אַלץ ברענגען.

(זי לויפט אַרויס און קומט באַלד צוריק מיט פּאַפּיר און אַ קאָנווערט)

**דוד:**

דו ביסט אַ שטיק פייער!...

**ציונה:**

און דו ביסט אַ... אַ מותק!...

**דוד:**

(זעצט זיך ביים טיש שרייבן)

**רוק זיך צו אַביסל.**

(נעמט איר אַרום. זי גליטשט זיך אַרויס פון זיינע הענט, גייט אַריבער אויף דער צווייטער זייט טיש, אַקעגן אים)

**ציונה:**

**דוד, איך האָב דיר שוין נישט איינמאָל געזאָגט, אַז ביי אונדז טאָר מען נישט באַרירן קיין מיידל ביז צו דער חתונה.**

**דוד:**

(ליצנותדיק)

**מאָדנע! אַלץ, דוכט זיך, געדענק איך, נאָר אָן דעם פאַרגעס איך...**

(ער הייבט אָן שרייבן אַ בריוו. ציונה גייט אַרויף מיט די קניען אויף דער באַנק, שפּאַרט־אונטער אין אירע הענט אירע באַקן, בייגט זיך אַריבער כמעט אַ העלפט איבערן טיש און קוקט־אַריין אין בריוו. נאָכדעם ווי ער האָט פאַרענדיקט, דער־לאַנגט ער איר דעם בריוו)

**נאַ, לייען וואָס איך האָב געשריבן.**

**ציונה:**

(נעמט דעם בריוו און לייענט. דוד הערט זיך צו)

**מיינע טייערע עלטערן:**

**איך שרייב זעלטן, ווייל איך בין דאָ שטאַרק באַשעפטיקט. איך האָב זיך זייער געפרייט באַקומענדיק אייער איינלאַדונג צו דער זילבער־נער חתונה. אָן צווייפל, אַז איך וועל קומען צו אייער און צו מיין חתונה.**

**אייער דוד**

**דוד:**

**נו?**

**ציונה:**

**גוט, אָבער פאַרגעס נישט, אַז ביי אונדז דאַרף זיין אַ חתונה „כדת משה וישראל".**

**דוד:**

**פאַרשטענדלעך!**

**ציונה:**

**און דו ווייסט, אַז צו מיין חתונה דאַרפן זיין איינגעלאַדן מיינע על־טערן, ברידער, שוועסטער און אַלע קרובים.**

**דוד:**

**פאַרשטענדלעך!**

(ציונה לייענט נאָך אַמאָל איבער דעם בריוו אין דער שטיל, און באַרירט יעדעס וואָרט מיט אירע פינגער)

(פ אָ ר ה אַ נ ג פ אַ ל ט)

## ב י ל ד פ י ר

(נאָך איידער דער פאָרהאַנג עפנט זיך, הערט זיך דאָס שפּילן „הללויה" פון הענדעל. דער זעלבער זאַל וואָס אין דער פערטער סצענע פון ערשטן אַקט. אין מיטן זאַל שטייען עטלעכע טישן באַשטעלט מיט בלומען, געטראַנקען, פרוכטן און טאָרטן. אויבנאָן זיצט אַדלער מיט זיין פרוי. לעבן זיי זענען רעזערווירט צוויי ערטער. אַרום די טישן זיצן געסט אין גאַלאַ־קליידער. אַדלער און אַנדערע רעליגיעזע געסט גייען אָנגעטאָן אויף די קעפּ יאַרמלקעס און אין סורדוטן. אַרום יעדן טיש — אַ קעלנער. נאָענט פון שרייבטיש איז אויפגעשטעלט אַ קליינע טריבונע, אויף וועלכער ס'זיצט אַ טריאָ וואָס שפּילט לייכטע מוזיק. איבער דער טריבונע דאָס בילד פון ד"ר הערצל).

**אַדלער:**

(שטייט־אויף פון זיין פּלאַץ)

**איך באַגריס אייך, מיינע ליבע געסט, און דאַנק אייך פון טיפן האַרצן פאַרן גרויסן כבוד, וואָס איר האָט מיר פאַרשאַפן מיט אייער באַטייליקן זיך אין מיין פאַמיליען־יום־טוב. ס'פעלט נאָך דאָ אַ חשובער**

**גאַסט — מיין זון דוד פון קיבוץ. איך האָב דערהאַלטן פון אים אַ בריוו, אַז ער קומט זיכער אויף דער שמחה. אָבער דערווייל, מיינע ליבע געסט: לחיים!**

(הייבט־אויף דעם כוס, מאַכט מיט דער האַנט אַ קרייז, ווי ער זאָל אַרומנעמען אַלע געסט. אַלע געסט שטייען־אויף פון זייערע ערטער מיט די כוסות אין די הענט, אויסגעצויגן אין דער ריכטונג צו אַדלערן און ענטפערן: לחיים! לחיים!)

**סעקרעטאַר פּוקס:**

(הוסט־אָפּ ווי ער זאָל זיך גרייטן צו אַ וויכטיקער רעדע)

**איך וועל מיר דערלויבן דער ערשטער צו באַגריסן אונדזערע חשובע בעלי־שמחה צו זייער יום־טוב.**

(אַ קליינע פּויזע, מעשה אַרטיסט, רעדט מיט פּאַטאָס)

**הונדערטער יאָרן איז געלעגן אונדזער לאַנד פּוסט און פּאַרוויסט: פון איין זייט — ריזיקע פעלדזן, און פון דער צווייטער זייט — טיפע זאַמדן. דאָס לאַנד האָט זיך געגנויטיקט אין פּיאָנערן, פּאַרעקשנטע ווי דער שטומער פעלדז און מיט אַ ווייטן אַדלער־בליק — נישט אומזיסט טראָגט אונדזער בעל־שמחה דעם פּאַמיליען־נאָמען אַדלער! — כדי מיט**

(קוקט זיך אַרום וואָס פאַראַ ווירקונג זיינע קלוגע רייד האָבן געמאַכט אויף די געסט. רעדט ווייטער)

**איבערמענטשלעכע כוחות און געדולד צו באַלעבן אונדזער חרוב־געוואָרן הייליק לאַנד. איינער פון די דאָזיקע געבענטשטע פּיאָנערן, דאָס איז אונדזער היינטיקער בעל־שמחה, דער פאַבריקאַנט משה אַדלער.**

(קוקט זיך אַרום. די געסט אַפּלאָדירן.)

**ביי דער געלעגנהייט דערלויב איך מיר פאָרצושטעלן די אַנוועזנדיקע חשובע געסט:**

**מר יהודה אַפּאָטייקער — שטאָט־פּרעזידענט, און זיין הויכגעשעצטע פרוי, שושנה!**

**מר צבי סאַמסאָנאָוו — פאָרשטייער פון דער סוכנות, און זיין געשעצ־טע פרוי, דוסיאַ!**
**מר נתן פרומער — ראש ועד הקהילה, און זיין געשעצטע פרוי, חנה!**
**מר יאָקטע פישער — פערזענלעכער פריינד פון דער פאַמיליע אַד־לער, מיט זיין געשעצטע פרוי, מלכה און זייער טאָכטער, חוה!**
**מר פריץ געזונטהייט — פריינד און הויז־דאָקטאָר פון דער פאַמיליע אַדלער, און זיין געשעצטע פרוי, עלזאַ!**
**מר אברהם האַנדעלסמאַן — ראש אגודת הסוחרים, און זיין געשעצטע פרוי רבקה!**
**מר זאב געלערנטער — שול־דירעקטאָר, און זיין געשעצטע פרוי, תמרה!**
**מר אלכסנדר גראָסקאָפּ — באַנק־דירעקטאָר, און זיין געשעצטע פרוי, רעגינאַ!**
**מר שמחה גאָטליב — ראש בית־הכנסת הגדול, און זיין געשעצטע פרוי, פריידע!**

(יעדער מאָל, ווען ער רופט אָן אַ פערזאָן, ווענדט ער זיין בליק, אָדער מיט אַ לייכטן האַנט־צייכן אין דער ריכטונג ווו עס זיצט דער אויסגערופענער. אַ טייל פון די אויסגערופענע ענט־פערן מיט אַ לייכטן שאָקל מיט קאָפּ, אַנדערע מיט עטוואָס אויפהייבן זיך פון זייערע פלעצער. נאָכן אויסרופן אַ פער־זאָן, אַפּלאָדירן די אַנוועזנדיקע געסט)

**און איצט באַקומט אַ וואָרט צו באַגריסן דער שטאָט־פּרעזידענט, מר יהודה אַפּאָטייקער.**

**שטאָט־פּרעזידענט:**

(שטעלט זיך אויף, גלייכט־אויס די פריזור אויפן קאָפּ)

**רבותי! איך בין צופרידן וואָס איך האָב די מעגלעכקייט צו באַטייליקן זיך, צוזאַמען מיט אייך, אין דאָזיקן פאַמיליען יום־טוב. לויט מיין מיינונג, איז דאָס נישט בלויז אַ יום־טוב פאַר דער פאַמיליע אַדלער, באָר גלייכצייטיק אַ יום־טוב פאַר דער גאַנצער שטאָט אונדזערער, מחמת אויך אונדזער שטאָט האָט בייגעטראָגן איר חלק. אַ דאַנק**

דער אומדערמידלעכער ענערגיע און אייזערנעם ווילן פון הער אַדלער, שטייט היינט אויף די נעכטיקע זאמדן אַ מאָדערנע פאַבריק, וואָס באַשעפטיקט פינפהונדערט מענטשן, און איז אַ צירונג פאַר אונדזער שטאָט. אויף דער באָענטסטער זיצונג פון שטאָט־ראַט, טראָג איך אַריין אַ פאָרשלאַג צוצוטיילן דעם הער אַדלער די ערנביר־גערשאַפט פון אונדזער שטאָט.

(אַפּלאָדיסמענטן)

**סעקרעטאַר:**

אַ וואָרט באַקומט דער הער סאַמסאָנאָוו.

**סאַמסאָנאָוו:**

חשובע פריינד! די היינטיקע שמחה איז נישט בלויז אַ פריוואַטע, נאָר זי איז אַ נאַציאָנאַלע שמחה. מען זאָגט: „די סוכנות איז די יידישע מלוכה אונטערוועגס״ — דאָס איז אַ גרויסער אמת, אַז מיר זענען נאָך אַלץ „אויף דער רייזע״, אָבער מיט אַזעלכע מענטשן ווי דער הער אַדלער, וועלן מיר אונדזער „רייזע״ פיל פאַרקירצן.

(אַפּלאָדיסמענטן)

**סעקרעטאַר:**

אַ וואָרט באַקומט דער הער אברהם האַנדעלסמאַן.

**האַנדעלסמאַן:**

קיינער זעט נישט די גרויסע אויפטוען פון הער אַדלער, ווי מיר סוחרים. פון אַלע זייטן שרייט מען צו אונדז: האַנדלט נאָר מיט תוצרת הארץ. אָבער קיינער פון די שרייערס האָט נישט געטראַכט וועגן דעם, אַז אונדזערע קאָנסומענטן, דער עיקר די קאָנסומענטינס אינטערעסירט קודם־כל זייער פערזענלעכער געברויך, זייער פערזענ־לעכער נוצן. פאַר די „תוצרת־הארץ״־שרייערס איז דאָס נאָר אַ מצווה, ווי אַ סך מצוות, וועלכע מען זאָגט ביים דאַווענען, אָבער זעלטן, אַז מען איז זיי מקיים. דער הער אַדלער האָט אָבער דאָס אַלץ גוט פאַר־שטאַנען און אַנטקעגן געקומען אונדזערע פאַרלאַנגען. זיינע אויס־

אַרבעטונגען האָבן זיך גאַרנישט צו שעמען פאַר די עלעגאַנטסטע זאַכן וואָס קומען פון חוץ־לאָרץ.

(אַפּלאַדיסמענטן)

**סעקרעטאַר:**

אַ וואָרט באַקומט ד״ר פריץ געזונטהייט.

**ד״ר געזונטהייט:**

איך קאָנסטאַטיר מיט פרוידע, דאָס דער הער אַדלער איז אַ וויכ־טיקע פערזענלעכקייט פאַר אונדזער ישוב. ער איז העכסט־אייראָפּע־איש און באַקלאָגט נישט די פאַר פונט, וואָס ער גיט אויס פאַר זיין געזונט (איינגעהאַלטענע געלעכטער ביי די געסט). נאָך זייענדיק אין בערלין האָב איך באַקומען אַן איינלאַדונג אויף אַ גוטן פּאָסטן אין ניו־יאָרק, אָבער איך האָב בעסער אויסגעוויילט דאָס לאַנד ציון און איך בין צופרידן צו קענען העלפן מיט מיין מעדיצינישער קונסט אַזעלכע ענערגישע מענטשן ווי די פאַמיליע אַדלער.

(אַפּלאַדיסמענטן צוזאַמען מיט איראָנישע שמייכלעך)

**סעקרעטאַר:**

מיט דעם איז געענדיקט דער אָפיציעלער טייל.

(יאָקטע פישער כאַפּט זיך אויף ווי אַן אָפּגעבריטער און נעמט שרייען)

הער נאַר, דו שמעלקע!

(ווייזט־אָן מיט זיין האַנט אויף זיך)

און איך בין אַ הונט? כ'האָב אויך עפּעס צו זאָגן!

**סעקרעטאַר:**

(נעמט שטאַמלען)

יאָ... איר זענט דאָך ביי מיר אויף דער רשימה...

(צו די געסט)

אַ וואָרט באַקומט דער איבערגעגעבנסטער פריינד פון דער פאַ־מיליע אַדלער, הער יאָקטע פישער.

**יאָקטע פישער:**

רבותי! מיין ידיד אַדלער איז זיך אַ גאַנץ ווויל מענטשל, האָט אַ גוט

**קעפּעלע, און וואָס איך ווינטש אים — זאָל עס מיר געשען. אָבער, רבותי: וואָס איז דאָ דער טאַראַראַם? וואָסער טראַסק מאַכט איר דאָ מיט אים? באשר בכן ס׳איז אים געלונגען צו מאַכן אַ ביסל געלט? איז וואָס? אָט האָב איך אויך געמאַכט אַ קליינעם קאַפּיטאַל מיט מיין אייגענער האַרעוואַניע, און נישט מיט דער הילף פון הונ־דערטער משרתים! און פאַר דער עליה און פאַרן לאַנד האָב איך אויך עפּעס אויפגעטאָן, כ׳האָב געאַרבעט טאָג און נאַכט מיט מיין טראַמביל — ביירוט־חיפה, חיפה־ביירוט. וועט איר פרעגן: ווי קום איך צו אַ טראַמביל, אַז אין דערהיים בין איך גאָר געווען אַ פישער? — אַ ייד אין ארץ־ישראל דאַרף אַלץ קאָנען! צום פראַנצויזישן קאָנ־סול אין ביירוט פלעג איך אַריינגיין פונקט ווי איר, להבדיל, גייט אַריין אין בית־מדרש.**

(די געסט פּלאַצן אַרויס מיט אַ געלעכטער. דער סעקרעטאַר שטייט־אויף פון זיין פּלאַץ אַ נערוועזער און ווייזט אָן מיט דער האַנט צום רעדנער, וואָס מיינט: וואָס איז דאָס פאַר אַן אַרט רעדן? יאַקטעס פישער הויבט־אויף זיין האַנט האָרי־זאָנטאַל אין דער ריכטונג צום סעקרעטאַר און לאָזט איר לאַנג־זאַם אַראָפּ)

**שמעלקע, זעצט אייך אַוועק אויף אייער געזעס און שטערט מיר נישט. ווי איר זעט, רבותי, האָב איך מיט מיין ווייב אויך עפּעס אויפ־געטאָן פאַרן לאַנד און קיינער מאַכט נישט דערפון קיין טראַסק. פונדעסטוועגן וויל איך אים אויך געבן מיין ברכה.**

(צו זיין פרוי)

**מלכה, דערלאַנג מיר דאָס היטל.**

(זי דערלאַנגט אים זיין היטל, וואָס ער טוט אָן אויפן קאָפּ, מאַכט אַ ברכה שטילערהייט און רופט־אויס אויפן קול)

**לחיים, לחיים!**

(אַפּלאָדיסמענטן. די מוזיק שפּילט־אויף אַ לעבעדיקס. צווישן יאַקטעס ווייב, מלכה און איר טאָכטער, חוה, קומט פאָר אַזאַ געשפּרעך):

**חוה:**

(טוליעט זיך צו איר מוטער)

מאַמע.

**מוטער:**

וואָס איז, קינד מיינס?

**חוה:**

דאָס האַרץ זאָגט מיר, אַז ס׳וועט נישט זיין גוט. איך האָב שוין חרטה אויף דער גאַנצער זאַך.

**מוטער:**

(איבערגעשראָקן)

וואָס הייסט?

**חוה:**

ער איז טאַקע אַ שיינער בחור. מען זאָגט אויך — אַ גוטער. אָבער וואָס קומט דערפון אַרויס, אַז ער האָט זיך צוגעקלעבט צום קיבוץ און וויל נישט קענען די שטוב. איז וועל איך גיין און באַגראָבן מיינע יונגע יאָרן ערגעץ אין אַ העק, אין אַ וויסטן קיבוץ?

**מוטער:**

טאָכטער מיינע, אַ פרוי מוז אַלעמאָל מיטגיין מיטן מאַן.

**חוה:**

(אומעטיק)

יאָ, מיטגיין כדי זיך צו באַגראָבן לעבעדיקערהייט.

(לעבעדיק)

נאָך דער חתונה דאַרף מען מאַכן אַ לעבן: נאָך מיטאָג אין אַ קאַפע אויף אַ גלעזל טיי מיט מוזיק; אין דער אָפּערע, טעאַטער, קינאָ; געניסן פון ים; אין די שטאַרקע היצן פאָרן אַביסל קיין לבנון; ווינ־טער קיין קאַירע — מען דאַרף מאַכן אַ לעבן.

**מוטער:**

נאַריש קינד מיינס, אַז מען האָט חתונה זענען פאַראַן אנדערע דאגות: מען דאַרף זאָרגן פאַר דער היים, דער ווירטשאַפט, פאַר קינדער...

**חוה:**

(קווענקלט זיך)

הער, מאַמע: מען האָט מיר דערציילט, אַז ער האָט זיך פֿאַרליבט אין אַ שוואַרצע ציגײנערין.

**מוטער:**

וואָס רעדסטו נאַרישקייטן? ווּ זענען דאָ אין ארץ־ישראל ציגײנערינס?

**חוה:**

פֿאַרשטייסט נישט? ער האָט זיך פֿאַרליבט אין אַ תימנקע!

(וויינט)

**מוטער:**

(צערטלט איר)

שששאַ... זאָל דער טאַטע נישט הערן.

**יאַקטע פֿישער:**

(אַרויסרופֿעריש)

זאָג מיר נאָר, מוישקע, ווּ איז דײַן בחורעץ? ער האָט שוין געמעגט דאָ זײַן!

**אַדלער:**

מסתמא עפּעס אַ פֿאַנטשער געשען אין וועג. מײַן דוד, אַז ער זאָגט אַ וואָרט איז עס הייליק. ער האָט מיר געשריבן בוכשטעבלעך: „אָן צווייפֿל, אַז איך וועל קומען צו אײַער און צו מײַן חתונה".

**יאַקטע פֿישער:**

איך האָב צו אים גאָרנישט. איך האַלט אים פֿאַר אַ חברהמאַן, אָבער ס'איז שוין אַזוי שפּעט!

(ציט אַרויס פֿון וועסטל־קעשענע אַ שווערן, גאָלדענעם זייגער און קוקט זיך אײַן אין אים)

**אַדלער:**

איך זאָג דיר, יאַקטע, נאָר געדולד. דער ענגלענדער, זעסטו, מאַכט אַלץ מיט געדולד.

**יאָקטע פישער:**

(שיסט־אַרויס מיט כעס)

איך פייף אויפן ענגלענדער מיט זיין געדולד צוזאַמען. דערווייל אָבער האָסטו געכאַפּט ביי מיר אַלס קאָנטע אַ גמילות־חסדל פינפאונצוואַנ־ציק טויזנט פונט, און אַלס זיכערונג האָסטו מיר געגעבן אַ פּאָר־דאַטירטן טשעק.

**אַדלער:**

איך בעט דיך, דענערוויר מיך נישט און רעד נישט קיין נאַרישקייטן.

**יאָקטע פישער:**

(אויפגעקאָכט)

דו קאָמבינאַטאָר איינער! איך דענערוויר דיך?

**אַדלער:**

(ווי בעטנדיק)

יאָקטע, דו זיצסט דאָך אין אַן אָנשטענדיק הויז, טאָ רעד זשע אָנ־שטענדיק!

**סעקרעטאַר:**

(וועלנדיק איבערדרייען די אָנגעגליטע אַטמאָספער)

רבותי! איצטער איז די צייט פון דער געהיימער ראַדיאָ־סטאַציע. כ׳מיין אַז אַלע ווילן מיר הערן די נייעס פון טאָג.

(עפנט דעם ראַדיאָ. אַלע הערן זיך צו. דער ראַדיאָ לאָזט זיך הערן)

**דף יומי:**

ביים ברעג פון ירקון איז אַרום עלף ביינאַכט די לופט אויפגעריסן געוואָרן פון אַ געדיכטער שיסעריי. אין דער אַנטשטאַנענער מהומה, איז די אָנפאַלער געלונגען צו אַנטרינען אין דער נאַכט־פינצטערניש. צוויי ראַנירטע.

12.30:

אַ צוזאַמענשטויס מיט די ענגלענדער. די לעצטע האָבן זיך צוריק־געצויגן. אָן פאַרלוסטן.

5.20 :

**אַן איבערפאַל אויפן נייעם קיבוץ ש. אַנגרייפער געליטן אַ שווערע מפלה. זיי האָבן זיך צוריקגעצויגן אין בהלה.**

7.30 :

**כפר גלעדי אַרומגערינגלט. מען זוכט געווער. מען איילט צו הילף. פאַראַן עטלעכע לייכטע און שווערע פאַרווונדעטע. צווישן די לעצטע — יורם און דוד.**

(ביי דער לעצטער ידיעה טוט משה אַדלער אַ געשריי) :

**אוי! ס'איז דאָך מיין דוד!**

(כאַפּט זיך אָן פאַרן האַרץ און פאַלט אום. פרוי אַדלער פאַלט־צו צו אים מיט אַ געשריי: משה!)

**ד״ר געזונטהייט:**

(ווענדעט זיך צום סעקרעטאַר)

**איילט אַהיים צו מיר און ברענגט די איינשפריצונגען נומער דריי.**

(פוקס לויפט־אַרויס. דאָס אַלץ מאַכט אַ פיינלעכן איינדרוק אויף די געסט, וועלכע גייען זיך לאַנגזאַם פאַנאַנדער. פוקס קומט מיט אַ קעסטעלע און גיט דאָס איבער דעם דאָקטאָר)

**ד״ר געזונטהייט:**

**איך בעט רוע, נאָר רוע!**

**יאָקטע פישער:**

(צו פוקסן)

**הערט זיך איין: טאָמער... ווי עס מאַכט זיך... אַ קשיה אויף אַ מעשה... זאָלט איר וויסן, אַז ער האָט ביי מיר געכאַפּט אַ גמילת־חסד פון פינפאונצוואָנציק טויזנט פונטלעך... געדענקט דאָס!...**

(פוקס ענטפערט אים נישט, נאָר מעסט אים אָפּ פון קאָפּ ביז די פיס מיט האַס)

**ד״ר געזונטהייט:**

(פאַרנעמט זיך מיטן קראַנקן)

**איך בעט רוע, נאָר רוע!**

**(פ אָ ר ה אַ נ ג פ אַ ל ט)**

## בילד פינף

(אין גרויסן זאַל. אַדלער ליגט אויף אַן אויפֿלייג־בעטל. לעבן אים זיין פרוי און דער דאָקטאָר)

**דאָקטאָר:**

(נאָכן אונטערזוכן אים)

**די דריי חדשים רוע האָבן אייך פיל געגעבן. דער באַלקאָן דאַרף שטענדיק זיין אָפֿן. איך גלויב אַז אין אַ וואָך אַרום קאָנט איר אייך אומקערן צו אייער אַרבעט אין פֿאַבריק.**

(געזעגנט זיך)

**שלום!**

(אָפּ)

**אַדלער:**

אסתר, וואָס איז ביי דודן? ווי איז זיין געזונט־צושטאַנד?

**אסתר:**

**ערשט נעכטן געווען ביי אים אין שפיטאָל. פֿון אָנהייב — זאָגט דער דאָקטאָר — האָט מען געמיינט, אַז מען וועט מוזן דעם פוס אַמפּוטירן, אָבער ס'האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז מען דאַרף בלויז האַלטן דעם פוס אין גיפּס און ער וועט זיך אויסהיילן. און אַזוי איז, דאַנקען גאָט, טאַקע געווען. אַ ביסעלע הינקט ער נאָך, אָבער מיט דער צייט וועט אַלץ זיין אין אָרדענונג.**

(פּויזע)

**דו ווייסט, די גאַנצע צייט טרעט זי נישט אָפּ פון אים, די תימנקע...**

**אַדלער:**

(פֿאַרוווּנדערט)

**וועלכע תימנקע?**

**אסתר:**

(שטאַמלט)

**נו... זיין...**

**אַדלער:**

(אויפגערעגט)

**צי מיר נישט אויס דאָס האַרץ. רעד אָפן!**

**אסתּר:**

**ניין... ווייב...**

**אַדלער:**

(נאָך מער אויפגערעגט)

**וואָס? זיי וועלן מיין שוועל נישט איבערטרעטן!**

**אסתּר:**

(פאַרזיכטיק)

**זייער אַ ווילע פרוי. זי איז אים איבערגעגעבן מיט לייב און לעבן.**

(בייגט זיך צו צו אים, ווי זי זאָל אים איינרוימען אַ סוד)

**זי איז שוין אין אַנדערע אומשטענדן...**

**אַדלער:**

(קרעכצט אָפּ)

**שיין נחת דערלעבט!**

**אסתּר:**

**זאָרג נישט, משה, דער עיקר איז דאָס געזונט.**

(אַ לייכטן קלאַפּן אין טיר)

**אַדלער:**

**אַריין!**

(אין טיר באַווייזט זיך נחמה)

**נחמה:**

(נישט דעצידירט)

**דוד מיט... זענען געקומען.**

**אַדלער:**

(צערודערט)

**גלויב מיר, אסתּר, אַז איך וויל זען אונדזער קינד. אָבער איך האָב מורא פאַר מיין האַרץ...**

**אסתר:**

(בעטנדיק)

**משה, שטאַרק זיך! מען דאַרף זיך באַהערשן! זיי זענען דאָך פּאָרט אונדזערע קינדער.**

(הייבט זיך אויף פון אָרט, כדי זיי אָנטקעגנצוגיין, אָבער אין־צווישן עפנט זיך לאַנגזאַם די טיר און דוד און ציונה קומען אַריין. דוד גייט אָנגעשפּאַרט אין אַ שטעקן און ציונה האַלט אים אונטער. דוד פאַלט־צו צום פאָטער מיט אַן אויסגעשריי: פאָטער!)

**אַדלער:**

(גערירט)

**זון מיינער!**

(נעמט אים אַרום און קושט אים)

**דוד:**

(צעשטרייט)

**וואָס מאַכסטו, פאָטער?**

**אַדלער:**

**נישקשה... עס גייט בעסער!**

(אין דער זעלבער צייט גייט צו אסתר צו ציונהן, זעצט איר אַוועק לעבן זיך און קושט איר אין שטערן)

**דוד:**

(ווי פאַרענטפערנדיק זיך)

**איך האָב אַ קליין ביסל פאַרשפּעטיקט. נישט באַוויזן צו דער זילבער־נער חתונה. געגאַנגען וווהין מיין געוויסן האָט מיר דיקטירט.**

(צו דער מוטער)

**אָבער נעם זיך נישט צום האַרצן. ס'וועט זיין גוט.**

(צו ציונה)

**בבקשה: זיי באַקאַנט מיט מיינע עלטערן.**

(ציונה גייט צו נישט דעצידירט צו אַדלערן און דערלאַנגט אים נישט דרייסט איר האַנט. אַדלער שטרעקט־אויס ביידע

הענט און נעמט זיי אַרום, אויסרופנדיק מיט אַ געריהרטער שטימע: מיינע טייערע קינדער!)

**אַדלער:**

**נו, ווי לעבט זיך דיר, דוד, אין קיבוץ?**

**דוד:**

**זייער גוט, פאָטער. די אַרבעט גיט מיר אַ גייסטיקע באַפרידיקונג.**

**אַדלער:**

(צו דודן)

**ווילסט נישט אַריינגיין זען דיין צימער?**

**דוד:**

**מיין צימער? אויף דיר, פאָטער, וואַרט דיין פאַבריק, אויף מיר — אונדזער קיבוץ.**

**אַדלער:**

(מיט איבערמענטשלעכער אָנשטרענגונג)

**יאָ, מיין זון, האָסט געהאַט רעכט: מיר זענען צוויי וועלטן. און די דאָזיקע צוויי וועלטן מוזן דאָ לעבן און שאַפן צוזאַמען.**

(צו אסתרן, ווי דערמאָנענדיק זיך אין עפּעס)

**אסתר! וואָס שווייגסטו? האָסט פאַרגעסן אַן אַלטן יידישן מנהג? הייס אָנגיסן די גלעזער און לאָמיר טרינקען לחיים.**

**אסתר:**

(דריקט אויף אַ קנעפּל און אין טיר באַווייזט זיך נחמה)

**ברענג אַריין עטלעכע גלעזלעך, אַ פלאַש ווייַן און עפּעס צו פאַרבייסן.**

(נחמה אָפּ. באַלד קומט זי צוריק מיט אַ זילבערנער טאַץ, אַ קאַראַפקע ווייַן און פאַרבייסעכץ. שטעלט אַלץ אַוועק אויפן טיש. אסתר פילט אָן די גלעזלעך און דערלאַנגט יעדן איינעם אַ גלעזל, אויך נחמה'ן)

**אַדלער:**

(צו זיין ווייב)

**און איצטער, מיין ווייב, האָב איך גאָרנישט קעגן דעם, אַז דו זאָלסט אויפשפּילן עפּעס אַ פריילעכס.**

**דוד:**

(אויפגערוימט)

**איצטער שפּיל איך.**

(גייט צו צום קלאַוויר. ציונה האַלט אים אונטער. זעצט זיך אַוועק און נעמט שפּילן אַ פריילעכן חתונה־מאַרש)

**אַדלער:**

(באַרוישט)

**מזל טוב!**

(טרינקען)

**מזל טוב! מזל טוב!**

(ווען דער פאָרהאַנג פאַלט, הערן זיך נאָך די פריילעכע קלאַנגען פון קלאַוויר).

( ס ו ף )

# אינהאַלט:


| | זייט |
|---|---|
| צו אַ נײַ לעבן | 9 |
| גורל | 42 |
| ר׳ מאיר קאַסטנמאַכער | 57 |
| די רויז | 76 |
| מײַן פרײַנד דערציילט | 81 |
| דער גרונטשטיין | 94 |
| און געפּלאַצט האָבן די סטרונעס | 100 |
| ביים קאַסע־פענצטערל | 104 |
| אויסגעשפּיגענע | 111 |
| אַ כינעזער טרינקט טיי | 126 |
| אַ באַגעגעניש | 128 |
| אַ טובה | 129 |
| סטאָפּ! | 130 |
| פונעם אַמאָל | 131 |
| פאַרשפּילט אַ שאַנס | 139 |
| ביים ברעג ים אין תל־אביב | 145 |
| ביים ברעג ים אין יפו | 146 |
| אַז איך מיש זיך נישט | 148 |
| אין אויטאָבוס נומער 4 | 155 |
| אין מקום! | 163 |
| כאַפּט אַ גנב | 172 |
| די פאַרשטערטע חתונה | 185 |